STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05510

UNZER KAMF

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„אונזער קאַמף"

זאַמלבוך

אַרויסגעגעבן דורך דער אויסלאַנדס-דעלעגאַציע פון
פּועלי-ציון (צ. ס.) און התאחדות פון פּוילן

ניו-יאָרק

Copyright, 1941,
POALE ZION ZEIRE ZION
New York, N. Y.

10

Printed in U.S.A.

אינהאַלט:

	פאָרוואָרט	4
ד"ר א. טאַרטאַקאָווער	וועגן דער יידישער צוקונפט אין קאָמענדיקן פוילן	6
נ. קאַנטאָראָוויטש	דער קאַמף פון די יידישע מאַסן אין פוילן פאַר זייערווירקלאַכער גלייכבארעכטיקונג	18
ל. שטשופאַקעוויטש	פאַרוואָס שווייגט מען?	38
ל. שפּיזמאַן	„בונד" אויף עמיגראַציע	46
ע. ראַק	די מאַראַל פון 1טן סעפטעמבער	59
י. מערעמינסקי	פון התלהבות צו פאַרווירקלאַכונג	62
וויקטאָר טשערנאָוו	אויפן שוועל פון אַ נייער תקופה	71
מ. קאַבאַנסקי	די יידישע נאַציאַנאַלע פּאָליטיק און דער קריג	79
ל. פּעק	אונזער אַרבעט פאַר רעטונג און פּליטים-הילף	83
ק. בראַדזקי	די וואַנדערונגען פון פּוילישן „החלוץ" און זיין אַרבעט אין ליטע און אין דער ראַטן-אָקופּאַציע	95
פעליקס גראָס	דער פּוילישער דעמאָקראַטישער פראָנט און די יידן פראַגע	103
X	אָפּקלאַנגען	108
— — —	דאָס יידישע לעבן אין נאַצישן פוילן (אַ בריוו פון וואַרשע)	110
— — —	די אונטערערדישע אַרבעט	113
— — —	נעקראַלאָגן	118

פאָרוואָרט

די 20 יאָר פון פוילנ׳ס אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות ליגן שוין אָפּגעשלאָסן הינטער אונז. אָפּגעשלאָסן אין אַ דאָפּלטן זין: ערשטנס, וואָס די פּוילישע מלוכה האָט פאַרלויפיק אויפגעהערט צו עקזיסטירן, און צווייטנס, וואָס אין דעם נייעם פּוילן, וואָס וועט אויפגעבויט ווערן נאָך דער איצטיקער מלחמה, וועט — ווי מיר אַלע האָפן — סיי דאָס אַלגעמיינע און סיי דאָס יידישע לעבן האָבן אַנ׳אַנדער פּנים, ווי עס האָט געהאַט אין די יאָרן 1919—1939. עס איז צוליב דעם זיכער געקומען די צייט צו מאַכן דעם ערשטן פּרוּוו פון אַ סך־הכל פאַר דער פאַרגאַנגענהייט און פון אַ פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט, אַ סך־הכל פון גרויסע ליידן, אָבער אויך פון אַ גרויסער גבורה פון אַ פאָלק, וואָס האָט באַוויזן אויסצוהאַלטן אַנטקעגן דעם אַלץ־שטאַרקערן שטורם פון אַנטיסעמיטיזם און אַ פּראָגראַם פון אַ נייער פרייער יידישער שאַפונג אויף פרייער און גערעכטער פּוילישער ערד.

סיי דער סך־הכל און סיי דער פּראָגראַם ווערן געמאַכט אין דאָזיקן בוך דורך פאַרשטייער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געהאַט אויסצוטראָגן אויף אירע פּלייצעס אַ גרויסן טייל פון יידישן קאַמף אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. זי האָט געדאַרפט, שטאַרקנדיק די יידישע פּאַרטיידיקונג קעגן די כוואַליעס פון אַנטיסעמיטיזם, באַקעמפן גלייכצייטיק אויף דער יידישער גאַס — סיי די פאַרביסענע שנאת־ציון, וואָס האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ מויער צווישן די פּוילישע יידן און דער נאַציאָנאַלער, יידישער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, סיי די גלייכגילטיקייט לגבי דעם טאָג־טעגלאַכן יידישן לעבן, וואָס האָט געהערשט אין געוויסע ציוניסטישע קרייזן, און סיי די אומפאַראַנטוואָרטלאַכע עוואַקואַציע־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן דורך אַ פאַרבלענדעטער גרופּע און דורך געוויסע געלט־יידן.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דערפילט די דאָזיקע שליחות מיט גרויסער איבערגעגעבנהייט און מיט אַנ׳אַלץ גרעסערער הצלחה. זי וועט אויך דאַרפן נעמען אויף זיך אַ גרויסן, גאָר אַ גרויסן טייל פון דער אויפבוי־אַרבעט, וואָס וועט געטאָן ווערן נאָך דער איצטיקער מלחמה. שטאַרקן די הערצער און די מוחות אין פּוילן אין גייסט פון סאָציאַליזם און פון אמת׳ער דעמאָקראַטיע,

אויפבויען די יידישע פּאָזיציעס און פאַרזיכערן זייער קיום, אָפּהיטנ־דיק גלייכצייטיק דעם קאָנטאַקט מיט דעם יידישן פאָלק אין גאָר דער וועלט און מיט דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל — אָט דאָס זיינען אויפגאַבן, וואָס שטייען קאָנקרעט פאַר אונז אין זייער גאַנצער היסטאָרישער גרויס.

דער דאָזיקער בוך, וועלכן די אויסלאַנדס־דעלעגאַציע פון דער פּועלי־ציון (צ.־ס.) און התאחדות אין פּוילן גיט איבער צו דער יידי־שער עפנטלאַכקייט, איז צוליב דעם אַ סך מער, איידער סתם אַ זאַמ־לונג פון אַרטיקלען, ווי וויכטיק און ווי געוואונטשן זיי זאָלן ניט זיין. ער איז גלייכצייטיק אַ רוף צו די פּוילישע יידן, זיך צו קאָנצענטרירן אַרום דעם פּראָגראַם, וואָס ווערט דאָ פאָרגעשטעלט; ער איז אויך אַ רוף צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט און צום גאַנצן יידישן פאָלק, און אויך צו דער פּוילישער דעמאָקראַטיע, צו העלפן אונז צו רעאַ־ליזירן די דאָזיקע אויפגאַבן. מיר האָפן, אַז דאָס פאָלק וועט פאַר־שטיין אונז, אונזערע גרויסע אויפגאַבן, ווי אויך די ראָל, וואָס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אויסצופירן אין יידישן לעבן אין פּוילן. אויספירן די דאָזיקע ראָל הייסט פאַר אונז — נעמען אויף זיך דעם גרעסטן טייל פון אחריות און אויך פון קרבנות אינם קאַמף פון פּוילישן יידנטום פאַר זיין קיום און פאַר זיין וויטערדיקער אַנטוויקלונג אין פּוילן, ווי אויך פאַרן אויפבוי פונם יידישן מלוכה־צענטר אין ארץ ישראל. —אָט דאָס איז געווען און דאָס פאַרבלייבט אויך די אויפגאַבע פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין באַפרייטן פּוילן.

וועגן דער יידישער צוקונפט אין קומענדיקן פוילן

פון

אריה טאַרטאַקאָווער

1.

עס איז אוודאי ניט לייכט צו רעדן איצט, אין מיטן פון שטורם פון די געשעענישן, וועגן דעם, וואָס דער ציוניסטישער סאָציאַליזם פאָדערט און וואָס ער דערוואַרט אין אַ נײַ־אויפגעבויטן פוילן. קיינער פון אונז ווייס ניט, אין וועלכע גרעניצן די פּוילישע מלוכה וועט אויפשטיין אַ נײַ תחית־המתים, ווי גרויס וועט זיין די צאָל יידן דאָרט און צי וועלן מיר זיין דער איינציקער נאַציאָנאַלער מיעוט, אָדער צי עס וועלן זיין נאָך אַנדערע אַ חוץ אונז. קיינער ווייס אויך ניט, וואָס וועט זיין די סאָציאַלע און די פּאָליטישע סטרוקטור פון דער פּוילישער מדינה. דער באַגריף פון אַ דעמאָקראַטישן פוילן, מיט וועלכן מען אָפּערירט היינט, איז אוודאי ניט קיין גענוגנדער, כדי צו באַשטימען לויט דעם דעם פּרצוף פון קומענדיקן פוילן. מיר האָבן שוין געהאַט אַ דעמאָקראַטיע אין פוילן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער פריערדיקער וועלט־מלחמה און קיינער פון אונז איז ניט באַגייסטערט פון יענע דעמאָקראַטישע צייטן, ווען די ענדעציע מיטן „פּיאַסט" האָבן גע'בעל־הבית'עוועט אין לאַנד.

אין אַ פּוסטן רוים לאָזט זיך אַלזאָ קיין ספּעקולאַציע וועגן יידישער צוקונפט אין פוילן ניט מאַכן. כדי מיר זאָלן קאָנען מאַכן געוויסע אויסרעכנונגען און אויפשטעלן געוויסע פּלענער, מוזן מיר אָפּערירן מיט געוויסע הנחות, וואָס זיינען אוודאי ניט גאַנץ זיכער. לאָמיר דאָ אויפשטעלן דריי אַזעלכע הנחות, אויף וועלכע עס וועלן אויפגעבויט ווערן די קומענדיקע אויספירונגען. די ערשטע הנחה איז, אַז דאָס קומענדיקע פוילן וועט זיין מער־ווייניקער אין די זעלבע גרעניצן, ווי פריער, דאָס הייסט, אַז עס וועט האָבן אַ חוץ אונז נאָך לכל־הפּחות צוויי סלאַווישע נאַציאָנאַלע מיעוטים, די ווייסרוסן און די אוקראַינער, און אפשר אויך אַ דייטשן מיעוט, אויב מען וועט די דייטשן דערלויבן צו בלייבן אין פוילן. די צווייטע הנחה איז, אַז פוילן וועט ווערן איינגעגלידערט אין אַן אייראָפּעאישער פעלקער־משפחה, וועמענס סאָציאַלע און פּאָליטישע סטרוקטור וועט שטאַרק געענדערט ווערן.

אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דעם געפינט זיך אונזער דריטע הנחה, אַז פוילן וועט זיין — פונקט אַזוי ווי גרויסבריטאַניע — ניט נאָר אַ דעמאָקראַטישע, נאָר אַ סאָציאַליסטישע אָדער האַלב־סאָציאַליסטישע מדינה, וועמענס פּאָליטיק און וועמענס ווירטשאַפט וועט ווערן דיקטירט דורך דעם אָרגאַניזירטן פאָלק אין זין פון די אינטערעסן פון גאַנצן אַרבעטנדיקן כלל.

.2

אַרויסגייענדיק פון אַזעלכע דריי הנחות, לאָמיר קודם־כל געבן אַ קוק, ווי עס וועט אויסזען די סיטואַציע פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין סאַמע אָנהייב פון פוילנ׳ס נייער עקסיסטענץ. די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה זיינען געווען אין פוילן יאָרן פון אַן אַלץ שאַר־פערן פראָצעס פון אַרויסשטופּן יידן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזי־ציעס. די נאַצי־אָקופּאַציע פון פוילן, וואָס איז דערנאָך געקומען, האָט צוגעפירט, ערשטנס, צו אַ גאַנצן סיסטעם פון אַן אַנטי־יידישער געזעצ־געבונג, צווייטנס, צו אַ געוואַלטיקער טעריטאָריאַלער דיסלאָקאַציע פון יידן, אַרויסטרייבנדיק זיי פון באַשטימטע טיילן פון לאַנד אָדער פון באַשטימטע שטעט און שטאָט־טיילן, און דריטנס האָט די דאָזיקע אָקופּאַציע צוגעפירט צו אַ פולשטענדיקער פּויפּעריזירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַרויסשטופּנדיק זי פון כמעט אַלע פאָרמען פון פּרנסה און פון אַרבעט. די ערשטע באַדינגונג פון אַ נאָרמאַלער יידישער עקזיסטענץ אין קומענדיקן פוילן איז צוליב דעם — מבטל צו מאַכן די דאָזיקע דריי אַבסורדע דערשיינונגען, וואָס זיינען אוודאי ניט דיקטירט געוואָרן דורך דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון לעבן: א) די אַנטיסעמיטישע געזעצגעבונג, ב) דעם געטאָ אין אַלע זיינע פאָרמען און ג) דאָס שטעלן יידן מחוץ פון נאָרמאַלן עקאָנאָמישן לעבן. אַמלייכטסטן וועט זיכער זיין דאָס ערשטע. די אַנטיסעמיטישע געזעצ־געבונג קאָן און דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן דורך אַן אַנטשפּרעכנדער דע־קלאַראַציע פון דער פּוילישער רעגירונג. אמת איז, אַז אויך די איצטיקע פּוילישע רעגירונג האָט דערקלערט פאַר ניט גילטיק אַלע געזעצן און פאַראָרדנונגען פון די דייטשע אָקופּאַנטן, וואָס גייען אַרויס מחוץ די ראַמען פון אַ נאָרמאַלער אַדמיניסטראַציע. אָבער ערשטנס, איז דער באַגריף פון אַ „נאָרמאַלער אַדמיניסטראַציע" ניט גאַנץ קלאָר און ביים שלעכטן ווילן קאָן מען זיכער אַריינפּרעסן אין אים, וואָס מען וויל, און צווייטנס, האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן די געזעצן פון די נאַציס, נאָר אויך וועגן די אַנטיסעמיטישע געזעצן און פאַראָרדנונ־

גען פון דער פריערדיקער פוילישער רעגירונג אדער אירע ארגאנען, ווי אין ערשטער ריי דער געזעץ וועגן דער שחיטה און די פארשידענע פאראָרדנונגען וועגן די געטאָ־בענק אין די הויך־שולן. א פארמעלע אפשאפונג פון אלע געזעצן פון דעם מין איז אלזא אוודאי נויטווענ־דיק.

עטוואס שווערער וועט שוין זיין מיט דער אפשאפונג פון די געטאס און פון דער נייער „טשערטא אסיעדלאסטי”, ווייל דא קאן מען ניט יוצא זיין מיט א געזעץ צי מיט א פאראָרדנונג, נאר מען דארף אויך שאפן די טעכנישע און די עקאנאמישע מעגלאכקייטן פון א פראצעס פון מאסן־אומגרופירונג, וואס זאל צורעכט־מאכן די עוולות פון דער נאצישער אקופאציע. און אמשטארקסטן קאמפליצירט וועט אוודאי זיין דער פראבלעם פון איינארדנען אין עקאנאמישן לעבן יענע הונדערטער טויזנטער, וואס זיינען פון דארט ארויסגעשטופט געווארן מיט כוח. די פלעצער, פון וועלכע די יידן זיינען ארויסגע־טריבן געווארן, זיינען ניט געבליבן ליידיק; זיי זיינען פארנומען גע־ווארן ענטוועדער דורך דייטשן אדער דורך פאליאקן. פון די ערשטע וועט מען מן הסתם קאנען פטור ווערן, א סך שווערער וועט עס זיין מיט די צווייטע. עס וועט זיין נויטיק א גרויסער מאס פון טאקט־געפיל, פון באוואוסטזיניקייט און פון ענערגיע, כדי צו דערפילן אזא איינציקארטיקע אויפגאבע, וואס איז קיינמאל ניט פארגעקומען אין דער געשיכטע פון דער וועלט. דאס וועט זיין, אזוי־צו־זאגן, די פייער־פראבע פאר דער נייער פוילישער מדינה. פון דעם מאס פון איר גוטן ווילן און פון איר ענערגיע ביים דערפילן די אויבן־דערמאנטע אויפגאבן וועט אפהענגען די רעאליזירונג פון א ניי און גערעכט יידיש לעבן אין קומענדיקן פוילן.

3.

מיר וועלן זיך דא ניט אפשטעלן אויף א ריי פאדערונגען, וואס דארפן פארצייכנט ווערן אין נאמען פון יידישן פאלק און וועמענס רעאליזירונג אין א פריי און דעמאקראטיש פוילן, ווי מיר האבן עס פריער דעפינירט, דארף באטראכט ווערן ווי א זעלבסטפארשטענד־לאכע זאך. אז מיר יידן דארפן פאדערן און באקומען אין פוילן א פולע בירגערלאכע און נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג, אז עס טאר ניט זיין קיין שום דיסקרימינאציע ניט אין עקאנאמישן און ניט אין סאָ־ציאלן לעבן בכלל, אז סיי דער מלוכה'שער און סיי דער מוניציפאלער דינסט דארף זיין אפן פאר אלע, וואס האבן קוואליפיקאציעס פאר דעם, און אז יידישע אינסטיטוציעס — אין ערשטער ריי יידישע שולן —

דאַרפֿן געשטיצט ווערן פֿון דער מדינה, פּונקט ווי עס ווערן געשטיצט די פּוילישע שולן, דאָס זיינען אַלץ זעלבסטפֿאַרשטענדלאַכקייטן, אויף וועלכע עס איז ניט כדאַי זיך אָפּצושטעלן דאָ לענגער. עס זיינען אָבער דאָ דריי פּראָבלעמען, וועלכע וואָלן מן הסתם שטיין אין זייער גאַנצער שאַרפֿקייט סיי פֿאַר דער יידישער באַפֿעלקערונג און סיי פֿאַר דער מלוכה׳שער אַדמיניסטראַציע אין קומענדיקן פּוילן און די דאָזיקע פּראָבלעמען דאַרפֿן דאָ קורץ באַהאַנדלט ווערן. דאָס איז ערשטנס דער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם, צווייטנס די יידישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע און דריטנס, די פּראָפֿעסיאָנעלע איבערגרופּירונג פֿון די יידישע מאַסן אין אַ זין, וואָס וועט אַנטשפּרעכן סיי די יידישע נויטן און סיי דער סטרוקטור פֿון דער קומענדיקער וועלט.

דער קאַמף מיט אַנטיסעמיטיזם טאָר ניט באַטראַכט ווערן פֿון פֿאָרמעלן שטאַנדפּונקט. פּוילן איז געווען פֿאַר׳סמ׳ט מיט אַנטי־סעמיטיזם שוין פֿאַר דער איצטיקער מלחמה אין אַ מאָס, וואָס איז ניט געווען באַקאַנט אין קיין שום אַנדער לאַנד, אפֿילו ניט אין דייטש־לאַנד. דאָרט איז דער אַנטיסעמיטיזם פּראָפּאַגירט געוואָרן אין זיין ברוטאַלסטער פֿאָרם דורך דער רעגירונג, ניט געפֿינענדיק קיין סך אמתע סימפּאַטיעס צווישן די מאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג, בשעת אין פּוילן איז ער געווען די אַמשטאַרקסטן פֿאַרשפּרייטע דערשיינונג אין געזעלשאַפֿטלאַכן לעבן און ער איז באַנוצט געוואָרן דורך דער רעגירונג, כדי צו פֿאַרפֿעסטיקן איר אייגענע פּאָזיציע. עס איז ניט לייכט צו באַשטימען די השפּעה, וואָס די מלחמה האָט געהאַט אין דער דאָזיקער באַציאונג. פֿון איין זייט האָבן די בשותפֿות׳דיקעליידן און דאָס בשותפֿות׳דיקע באַהאַנדלט ווערן ווי העלאָטן מן הסתם פֿאַר־קלענערט דעם תהום צווישן די פּאָליאַקן און די יידן, פֿון דער אַנ־דערער זייט אָבער האָט די ברוטאַלע אַנטיסעמיטישע געזעצגעבונג געוויזן די פּאָליאַקן — וועגן וואָס זיי האָבן געהאַט פֿריער פֿונדעסט־וועגן געוויסע ספֿקות — אַז מען קען דעם אַנטיסעמיטיזם מאַכן פֿאַר אַ באַזיס פֿון גאַנצן געזעלשאַפֿטלאַכן לעבן פֿון לאַנד. ווי עס זאָל ניט זיין, דער פּראָבלעם פֿון אַנטיסעמיטיזם וועט זיין אין קומענדיקן פּוילן זיכער ניט ווייניקער ברענענדיק, איידער ער איז געווען אין דער תקופֿה נאָך דער פֿריערדיקער מלחמה. וועגן אָפּשאַפֿן אים נאָר דורך דעקרעטן פֿון דער רעגירונג אָדער אפֿילו דורך פּאַראַגראַפֿן פֿון שטראַף־געזעצן קאָן ניט זיין קיין רייד. אוודאי דאַרפֿן אַזעלכע פֿאַר־אָרדנונגען ווערן פֿאַרעפֿנטלאַכט, ווייל ווי עס זאָל ניט זיין, די מורא פֿאַר שטראָף איז אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין מענטשלאַכן צוזאַמענלעבן,

אויף וועלכן מען קאן — לכל־הפחות לעת־עתה — ניט מוותר זיין. אבער אפשאפנדיק די סימפטאמען פון אנטיסעמיטיזם, שאפט מען אים אליין נאך ניט אפ. מיר האבן נאר איין ביישפיל אין דער וועלט, וואו דער אנטיסעמיטיזם איז אראנק דער צילבאוואוסטער פאליטיק פון דער רעגירונג, זעט אויס, איינגאנצן פארשוואונדן. דאס איז ראטן־רוסלאנד. די אנטוויקלונג אין יענעם לאנד איז אוודאי ניט געווען נאר א קאנסעקווענץ פון שווערע שטראף־געזעצן; ניט ווייניקער האט גע־ווירקט די רעוואלוציאניזירונג פון גאנצן לעבן, וואס האט אין א גרויסער מאס געענדערט אויך די נשמות אדער לכל הפחות די מענטא־ליטעט פון די מענטשן. צי אין קומענדיקן פוילן וועלן פארקומען אזעל־כע ענדערונגען, איז שווער צו באשטימען איצט. אויב אבער עס זאל רעאליזירט ווערן דער געדאנק וועגן אן אייראפעאישער פעדעראציע, דאן וועט די אנטוויקלונג, הגם זייענדיק סאציאליסטיש אריענטירט, זיין מן הסתם א מער עוואלוציאנערע. אין קאמף מיטן אנטיסע־מיטיזם וועלן מוזן צוליב דעם באנוצט ווערן אין ערשטער ריי פאלקס־דערציערישע מעטאדן, גוט אדורכגעטראכטע און גוט רעאליזירטע דורך דער מאכט. וואס שנעלער עס וועלן צוגעגרייט ווערן די פרטים פון אזא פראגראם און וואס קלארער עס וועט זיין דער ווילן פון דער רעגירונג אים אדורכצופירן, אלץ וויכטיקער וועט עס זיין פאר דער צוקונפט. אזא פראגראם איז א סך ווערטפולער, איידער צענטליקער דעקלאראציעס וועגן יידישער גלייכבארעכטיקונג.

זייער קאמפליצירט איז דער פראבלעם פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע. מיר האבן זי אין פאר'מלחמה'דיקן פוילן ניט געהאט, ניט נאר צוליב דעם שלעכטן ווילן פון דער רעגירונג, נאר אויך צוליב די ספעציעלע שוועריקייטן פון רעאליזירן אזא געדאנק אין די באדינ־גונגען פון יידישן לעבן און אין א געוויסער מאס אויך צוליב אונזערע אייגענע חטאים. די פוילישע רעגירונג האט אונז אוודאי ניט גע־וואלט געבן קיין נאציאנאלע אויטאנאמיע; אפילו די פאר געזעצן, פון וועלכע א סוראגאט פון א נאציאנאלער אויטאנאמיע וואלט זיך געקאנט אנטוויקלען, ווי אין ערשטער ריי דער געזעץ וועגן יידישע קהלות און וועגן אן אויבערשטן יידישן רעליגיעזן ראט, זיינען גע־בליבן אויפן פאפיר. דער אמת איז אבער, אז אפילו ווען זי וואלט געוואלט עפעס אויפטון אויף דעם געביט, וואלט די פוילישע רעגי־רונג ניט געהאט קיין לייכטע אויפגאבע. דער אלטער פראבלעם — ווי רעאליזירן דעם פרינציפ פון נאציאנאלער אויטאנאמיע לגבי א פאלק, וואס איז ניט קאנצענטרירט אויף איין שטח, נאר פארשפרייט

איבערן גאנצן לאנד, האט ניט פארלוירן זיין אקטואליטעט ביז היינט. טעארעטיש האט מען אים געפרואווט צו לעזן דורך דעם פרינציפ פון א נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע. ווי אזוי אבער אזא פרינציפ זאל רעאליזירט ווערן אין ממשותדיקן לעבן, איז ניט באַוויזן געווארן ביז היינט, און אויף די קורצע דערפארונגען פון אוקראינע און פון ליטע קאן מען זיך אוודאי ניט פארלאזן. א פראגראם פון א יידישער נאציאנאלער אויטאנאמיע דארף אלזא צוגעגרייט ווערן שוין איצט אין אלע פרטים און ער דארף אקצעפטירט ווערן דורך דער פוילישער רעגירונג. מיר מוזן קודם־כל קלאר ווערן צווישן זיך אליין, צי באַשטייען מיר אויף א פולער נאציאנאל־פאליטישער אויטאנאמיע, וואס וואלט ארומגענומען אלע פאזן פון נאציאנאלן לעבן, אדער צי וואלטן מיר געווען גרייט, לכל־הפחות פארן אנהייב, זיך צו באגנוגענען מיט א נאציאנאל ־ קולטורעלער אויטאנאמיע, וועמענס רעאליזירונג איז א סך איינפאכער און לייכטער. עס וועלן אוודאי זיין שוועריקייטן געַנוג אויך מצד דער אמת'דיק דעמאקראטישער פוילישער רעגירונג צו אקצעפטירן אזא פראגראם, נעמענדיק אין אכט דעם פסיכאז, וואס האט זיך געשאפן אין די לעצטע יארן אין דער פראגע פון נאציאנאלע מיעוטים. דער עיקר וועלן אלזא זיין קלארע און שטארקע פאדערונגען, באזירט אויף א וואס איינהייטלאכערן יידישן ווילן. די ספעקולאציע אויף אינערלאכער יידישער צעריסנקייט וועט אויף דעם דאזיקן שטח זיכער זיין די שטארקסטע. וואס שנעלער מיר וועלן אלזא באווייזן אויפצושטעלן א קלאר פראגראם און קאנצענטרירן ארום אים די מאסן פון פאלק, אלץ בעסער וועט עס זיין אין דער צוקונפט.

און אחרון אחרון... די פראפעסיאנעלע איבערגרופירונג. דער דאזיקער פראבלעם וועט זיכער זיין דער יסודות'דיקסטער אין קומענדיקן פוילן. ער איז אין א געוויסער מאס פארבונדן מיט דעם פראצעס פון רעקאנסטרוקציע, וואס איז באריט געווארן אין פריערדיקן קאפיטל. צוריקשטעלנדיק די יידישע עקאנאמישע פאזיציעס, וואס זיינען צוגערויבט געווארן דורך די נאצים, וועט מען זיכער אין א סך פאלן ניט באוויזן צו שאפן פונדאסניי די אלטע יידישע — בפרט די קליינהענדלערישע — פאזיציעס און מען וועט דארפן זוכן א במקום פאר זיי. דער עיקר אבער וועט זיין אין די ווייטערדיקע יארן. דער פראצעס פון איבערבויען די פוילישע ווירטשאפט אויף סאציאליסטישע אדער האלב־סאציאליסטישע יסודות, וואס וועט זיך אנהייבן מן הסתם באלד נאך דער מלחמה, וועט שאפן נייע טויזנטער און אפשר צענטליקער טויזנטער ארבעטס־פאזיציעס. מיר וועלן דארפן צופילנעווען,

אז די יידישע באפעלקערונג זאל האבן איר גערעכטן חלק אין דער דאזיקער נייער ארדנונג. פאר דער יידישער באפעלקערונג וועט דאס זיין א סך וויכטיקער, איידער פאר דער פוילישער. די איינזייטיקע ניט־נארמאלע יידישע פראפעסיאנעלע סטרוקטור אין פוילן וואלט זיך שווער נוקם געווען אן אונז, אפילו ווען עס וואלט ניט געווען דער אנטיסעמיטיזם מיט דער דיסקרימינאציע־פאליטיק פון דער פוילישער רעגירונג. די פרואוון פון א פראפעסיאנעלער איבערגרופירונג, וואס זיינען געמאכט געווארן אין פוילן אין די לעצטע יארן פאר דער מלחמה, זיינען געווען דיקטירט ניט נאר דורך דער נויטווענדיקייט זיך צו פארטיידיקן קעגן דער עקסטערמינאציע - פאליטיק, נאר אויך דורך דעם באוואוסטזיין, אז עפעס מוז זיך ענדערן אין דער יידישער פראפעסיאנעלער סטרוקטור, כדי דאס קייקלען זיך בארג־אראפ זאל ווערן אפגעשטעלט. עס זיינען אבער אין פאר'מלחמה'דיקן פוילן ניט געווען קיין גרויסע מעגלאכקייטן אויף דעם דאזיקן געביט סיי צוליב דער אלגעמיינער עקאנאמישער סטאגנאציע און סיי צוליב דער דיסקרימינאציע־פאליטיק פון דער רעגירונג. נאך דער מלחמה קאן עס ווערן בעסער, ווען עס וועלן דארפן אויפגעבויט ווערן די חורבות. דער איבערגאנג פון צענטליקער טויזנטער מענטשן פון פארמיטלערישע צו ארבעטס־פאזיציעס, וועמענס פסיכאלאגישע פארויסזעצונגען זיינען שוין לאנג פאראן אין פוילישן יידנטום, וועט קאנען דעמאלט ארויסגיין פון סטאדיום פון מער אדער ווייניקער געלונגענע טעארעטישע אויסרעכנונגען אויפן ברייטן שליאך פון דער פארווירקלאכונג. אוודאי איז די ערשטע פארויסזעצונג פאר דעם — דאס אפהיטן דעם פרינציפ פון פולער גלייכבארעכטיקונג און אן אנטשפרעכנדע פארשטענדניש מצד דער רעגירונג פאר די נויטן פון יידישן עקאנאמישן לעבן. וועט דאס זיין און וועלן מיר באוויזן צו שאפן פאסיקע ארגאניזאטארישע פארמען פאר אזא פראצעס, — קאן די רעארגאניזירונג פון פוילנ'ס עקאנאמיק עפענען דעם וועג פארן געזונט־מאכן דעם יידישן עקאנאמישן לעבן.

אט פון דער לעזונג פון די דאזיקע דריי פראבלעמען: קאמף מיט אנטיסעמיטיזם, נאציאנאלע אויטאנאמיע און פראפעסיאנעלע איבערגרופירונג אין ראמען פון דער סאציאליזירונג פון דער פוילישער ווירטשאפט, הענגט־אפ די יידישע צוקונפט אין פוילן. א גוטע לעזונג פון די דאזיקע פראבלעמען קאן שאפן א באזיס פאר אונזער גוטן און געזיכערטן קיום אין לאנד אין די קומענדיקע יארן און דורות. וועלן אבער די פראבלעמען ניט געלעזט ווערן, דאן וועט אונז

ניט העלפֿן קיין פֿאַרמעלע גלייכבאַרעכטיקונג, ווי פֿייערלאַך זי זאָל ניט פּראָקלאַמירט ווערן און ווי שטרענג זי זאָל ניט אָפּגעהיט ווערן אין טאָג־טעגלאַכן לעבן.

4.

דאָס זיינען, אַזוי צו זאָגן, די אָרגאַניזאַטאָרישע פּאַרויסזעצונגען; אָבער זיי אַליין קאָנען אוודאי נאָך ניט באַשטימען וועגן דעם אינהאַלט פֿון יידישן לעבן. לאָמיר ניט פֿאַרגעסן, אַז אויך אין דער באַציאונג וועט זיך אַ סך ענדערן אין קומענדיקן פּוילן. דאָס יידיש־פּוילישע לעבן אין די פֿריערדיקע יאָרצענטליקער האָט זיך געשטיצט בעיקר אויף צוויי פֿאַקטאָרן: אויף דער אייגענער יידישער קולטור־שאַפֿונג און אויפֿן גרויסן אָנטייל אין אויפֿבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע פֿאַקטאָרן וועלן אוודאי בלייבן אויך פֿאַר דער צוקונפֿט, אָבער צוליב די געענדערטע אויסערלאַכע באַדינגונגען, וועלן פֿאַרקומען ענדערונגען אויך אין זיי און עס וועלן צוקומען צו זיי נאָך צוויי אַנדערע, וואָס האָבן אין פֿאַרמלחמה׳דיקן פּוילן ניט עקזיסטירט, אָדער האָבן לכל־הפּחות, צוליב דער אַלגעמיינער אַטמאָספֿערע, קיין באַדייטונג ניט געהאַט. דאָס איז ערשטנס, דער פּראָבלעם פֿון אונזער צוזאַמענווירקן מיט דער פּוילישער באַפֿעלקערונג און צווייטנס, דער פּראָבלעם פֿון דער סאָציאַלער צוקונפֿט פֿון פּוילן.

דאָס צוזאַמענלעבן מיט די פּאָליאַקן — און אויך מיט די אַנדערע סלאַווישע נאַציאָנאַלע מיעוטים — האָבן מיר פֿאַרשטאַנען און באַהאַנדלט פֿריער כמעט נאָר פֿון שטאַנדפּונקט פֿון קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז, ליידער, געוועזן באַגרינדעט אין דער רעאַליטעט פֿון פֿאַרשאָלטענעם לעבן אין פֿאַר׳מלחמה׳דיקן פּוילן, וואו די פּאָליאַקן האָבן זיך בדרך כּלל געלאָזט איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: אַנטיסעמיטן (די אַ סך גרעסערע גרופּע), און מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט אונז, יידן, כמעט ווי ניט אינטערעסירט. אין אַ פֿולער פּאַראַלעליטעט צו דעם האָבן מיר, יידן, — פֿון אַלע פּאַרטייען — זיך איינגעטיילט אין אַ גאָר גרויסער מאַיאָריטעט, וואָס האָט, קלערנדיק וועגן פּאָליאַקן, געקלערט קודם־כּל וועגן זייער אַנטיסעמיטיזם, און אַז אַנדערע קלענערע גרופּע, וואָס האָט וועגן פּאָליאַקן אינגאַנצן ניט געקלערט. דער אַלטער גייסט פֿון אַסימילאַציע האָט באַנקראָטירט נאָך מיט צוויי צי דריי יאָרצענטליק צוריק,

אויף זיין אַרט איז, אַלס אַ פּאָזיטיווער אינהאַלט, גאָרניט געקומען. אין דער באַציאונג זיינען מיר, יידישע סאָציאַליסטן, — לאָמיר זיך מודה זיין צווישן זיך אַליין — אויך ניט געווען קיין יוצא מן הכלל; אונזער צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּוילישער אַרבעטערשאַפט האָט גע־האַט אַ ריין־דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער, צו אַן אמת'ן צוזאַמענ־לעבן איז עס גאָרניט געקומען.

איצט וועט דאַרפן קומען דער איבערברוך. אויב עס וועט זיך איינגעבן צו באַזייטיקן דעם קאָשמאַר פון אַנטיסעמיטיזם, אָדער לכל־הפחות צוריקברענגען אים צו אַ צווייטראַנגיקער דערשיינונג אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון לאַנד, דאַן וועלן מיר אַלע — סיי יידן און סיי פּאָליאַקן — שטיין פאַר דער גרויסער געשיכטלאַכער אויפ־גאַבע, צו שאַפן נייע באַציאונגען צווישן ביידע פעלקער, באַזירט אויף דער אַנערקענונג פון אונזער באַזונדערן נאַציאָנאַלן קיום, און אויך אויף דער נויטווענדיקייט פון שעפערישער אַרבעט אויף אַ סך, זייער אַ סך געביטן. דאָס צונויפרעדן זיך פון ביידע פעלקער ניט נאָר פון פאַרמעלן שטאַנדפונקט פון גלייכע רעכט און גלייכע פליכטן, נאָר אויך פון דעם אַ סך טיפערן געזיכטספונקט, פון בשותפות־דיקער שאַפונג, — אָט דאָס איז אַ געוואַלטיקע אויפגאַבע פאַר דער צו־קונפט. פון דעם שטאַנדפונקט זיינען אַזוי וויכטיק די ערשטע שמועסן וואָס זיינען אינויגורירט געוואָרן מיט די פּאָליאַקן דאָ אין אַמעריקע און וואָס דאַרפן געפינען זייער המשך אין פּוילן אַליין. די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג איז אוודאי באַרופן צו שפּילן די פירנדע ראָל אויף דעם געביט.

אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דעם שטייט דער פּראָבלעם פון פּוילנ'ס סאָציאַלער צוקונפט. מיר האָבן זיך מיט אים אין די פריער־דיקע יאָרן ניט פאַרנומען, לכל הפחות ניט ווי מיט אַ ממשות'דיקער אויפגאַבע. אין קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און פאַר סאָציאַליזם זיי־נען מיר ניט געקומען אַ סך איבער די גרעניצן פון צייטונגס־אַרטיקלען און פון פאַרזאַמלונגען. דאָס וועט זיך איצט דאַרפן ענדערן. פּוילן וועט נאָכן קריג שטיין פאַר דער אויפגאַבע צוצופּאַסן איר עקאָנאָמיש און סאָציאַל לעבן צו דער אידעע פון אַן אייראָפּעאישער פעדעראַציע. דער דאָזיקער פּראָצעס וועט זיך אוודאי ניט לאָזן אַדורכפירן אָן גרויסע אינערלאַכע שוועריקייטן און אפשר גאָר קאַמפן. עס וועלן דאַרפן מאָביליזירט ווערן פאַר אים די בעסטע כוחות, סיי פון דער פּוילישער און סיי פון דער יידישער געזעלשאַפט. אָט דאָס וועט

זײַן דער װיכטיקסטער שטח פֿון אַ ייִדיש־פּױלישן צוזאַמענװירקן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה. אַ קלאָרע אײַנשטעלונג אױף פֿעלקער־פֿאַרברידערונג, אױף אָפּשאַפֿן אָדער לכל הפּחות פֿאַרקלע־נערן ביז צו מינימום די גרעניצן צװישן די אײַנצלנע לענדער, אױף אַ סאָציאַליסטיש־אָרגאַניזירטער װירטשאַפֿט און אױף אַ פֿולער פֿרײַהײַט פֿון װאַנדערונג — אַט דאָס זײַנען די פּרינציפּן, פֿאַר װעלכע מיר װעלן דאַרפֿן קעמפֿן אין פּױלן, זײַענדיק פֿאַראַנטװאָרטלאַך, פּונקט אַזױ װי אַלע אַנדערע טײלן פֿון דער באַפֿעלקערונג, פֿאַר דער רעאַליזירונג פֿון די דאָזיקע אױפֿגאַבן.

.5

אָבער װי געזאָגט, אױך אין אונזער אינערלאַכן לעבן װעט זיך אַ סך דאַרפֿן ענדערן. די ייִדישע קולטור־שאַפֿונג אין פּױלן איז געװען די שאַפֿונג פֿון אַ קעמפֿנדן פֿאָלק. אַרומגערינגלט פֿון אַן אַטמאָספֿערע פֿון שנאה, דאַרפֿנדיק ביטער קעמפֿן פֿאַר יעדער קלענסטער פּאָזיציע, האָבן מיר פֿונדעסטװעגן אױפֿגעבױט אַן אײגן אינטענסיװ לעבן אױף דער אײגענער שפּראַך און קולטור און קונסט און מיט אונזערע אײ־גענע אידעען. אָדער איז דאָס אפֿשר געװען צוליב דער שנאה, פֿון װעלכער מיר האָבן געליטן? און איז אפֿשר פֿאַראַן אַ סכנה, אַז אױב עס װעט זיך אָפּשװאַכן דער קעמפֿערישער גײַסט פֿון פֿאָלק, װעט אױך פֿאַרגליװערט װערן דער אײביקער דראַנג צו דער אידעע, צום געדאַנק, צו דער אָריגינעלער שאַפֿונג? עס לאָזט זיך ניט נעגירן דער פֿאַקט, אַז אױך די שלעכט־פֿאַרשטאַנענע גלײַכבאַרעכטיקונג איז געװען אײנע פֿון די סיבות פֿון דער גײַסטלאָזער אַסימילאַציע, אין פֿיל לענדער. זאָל דאָס פּױלישע ייִדנטום אָפּגעהיטן װערן פֿאַר אַזאַ גורל! און אָפּגעהיט װעלן מיר װערן פֿון אים נאָר דעמאָלט, אױב פֿון סאַמע אָנהױב אָן װעלן מיר באַװײַזן צו דערװעקן אין די מאַסן פֿון פֿאָלק דעם באַװוּסטזײַן װעגן דער נױטיקײט פֿאַרצוזעצן די אײגענע קולטור־שאַפֿונג, אױב עס װעט פֿון סאַמע אָנהױב אָן געשאַפֿן װערן אַ גוטע ייִדישע שול, אַ גוטער טעאַטער, אַ גוט בוך, און אױב עס װעט זיך אָנהײבן אַ פּראָצעס פֿון פֿאָלקס־דערציאונג, װאָס װעט באַװײַזן אַרײַנצודרינגען אין דער נשמה פֿון יעדן יחיד, מאָבי־ליזירנדיק זי צו אַ טיפֿער דערקענטעניש און צו אַ ייִדישער נאַציאָ־נאַלער שאַפֿונג.

אין דער זעלבער ריכטונג װעט אױך דאַרפֿן גײן אונזער ציוניס־טישע אַרבעט אין אַ פֿרײַ פּױלן. מיר זײַנען געװען פֿאַרבונדן מיט

ארץ־ישראל ניט נאר דורך דער גרויסער אידעע פון יידישן נאציאָנאַלן היים, נאָר אויך גאַנץ ממשות'דיק דורך דעם שטראָם פון עליה, וואָס איז געגאַנגען אין אַ אַלץ גרעסערן פאַרנעם פון פוילן קיין ארץ־ישראל. איינער פון די טרייבנדע כוחות פון דער עליה איז געווען דאָס באַוואוסטזיין צווישן די יידישע מאַסן, אַז אין ארץ־ישראל באַקומט דער ייד אַ מעגלאַכקייט אויסצולעבן זיך אין תנאים פון אַ נאַציאָנאַל־געזונטן און פולקומען לעבן פון אַ יידישער מערהייט אין אַ יידישער מלוכה. ס'וועט דאַרפן אַלזאָ ווייטער געזאָגט ווערן פאַר אַ חלוצישע און מאַסן־עליה, געטריבענע אינגאַנצן דורכן באַוואוסטזיין פון די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן אין ארץ־ישראל, ס'וועט אויך דאַרפן אַ סך מער פאַרשטאַרקט ווערן דאָס באַוואוסטזיין צווישן די פוילישע יידן, אַז זיי זיינען — מאַטעריעל און גייסטיק — פאַראַנטוואָרטלאַך פאַרן אויפבוי פון דער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, פונקט אַזוי ווי ס'איז פאַראַנטוואָרטלאַך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק בכלל. די ציוניסטישע דערציאונג, וועגן וועלכער ס'איז אַזויפיל גערעדט געוואָרן אין די פריערדיקע יאָרן, וועט איצט דאַרפן ווערן אַ רעאַלער און שטאַרקער פאַקטאָר אין יידישן פאָלקס־לעבן, אַ סך רעאַלער און אַ סך שטאַרקער, איידער זי איז וועןעס־איז געווען.

6.

אַ פּאָר ווערטער נאָך צום סוף וועגן אונזער ראָל, דער ראָל פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אויפבוי פון אַ יידישער צוקונפט אין קומענדיקן פוילן. אונזער גרויסע, מען קאָן אפילו זאָגן היסטאָרישע באַדייטונג אין פאַר'מלחמה'דיקן פוילן איז געווען, וואָס פּראָקלאַמירנדיק דעם אַרבעטס־פּרינציפּ און אָרגאַניזירנדיק אַרום אים די חלוצישע באַוועגונג, האָבן מיר געשאַפן די פּסיכאָלאָגישע יסודות פאַר אַן איבערבוי פון אַ יידישן לעבן. ליידער אָבער איז אונזער השפעה, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, ניט געווען גענוג שטאַרק, כדי פון די דאָזיקע חלוצישע יסודות צו מאַכן אַ טאָג־טעגלאַכע רעאַליטעט. אָפּגעזען פון פאַראייינצלטע, הגם זיכער זייער וויכטיקע פאַלן, האָבן מיר ניט באַוויזן אומצואוואַנדלען די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון ציוניסטישן סאָציאַליזם אין אַ ממשות'דיקער פאָלקס־זאַך. אָט דער דאָזיקער חסרון מוז ווערן פאַריכט אין פּעריאָד נאָך דער מלחמה.

לאָמיר נאָך אַמאָל דערמאָנען די עיקר־פּראָבלעמען, וואָס זיינען סקיצירט געוואָרן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. יעדער פון זיי פאַרלאַנגט אַ קלאָר פּראָגראַם און אַ וואָס מער פאַראייניקטן יידישן פראָנט

ארום דעם פּראָגראַם. מען דאַרף זאָגן זיך אַליין און מען דאַרף אויך זאָגן דער וועלט, ווי מיר שטעלן זיך פאַר דעם פאָלקס־דערציאונגס־פּראָצעס אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם; מען דאַרף זאָגן קלאָר און דײַטלאַך, ווי מיר שטעלן זיך פאַר די פאָרמען פון דער יידישער נאַ־ציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און וואָס דאַרף זיין די ראָל פון יידן אין איבערבוי־פּראָצעס פון דער פוילישער ווירטשאַפט. מען דאַרף דער־נאָך שאַפן אַן איינהייטלאַכן פאָלקס־ווילן ארום די דאָזיקע פּראָגראַ־מאַטישע פעסטשטעלונגען און אויף אַזאַ אופן סיי צווינגען די פּוי־לישע רעגירונג זיך מיט זיי ממשות׳דיק צו רעכנען און סיי בויען די נויטיקע פּסיכאָלאָגישע פּאָרויסזעצונגען פאַר אַ פאָלקס־אַקציע, וואָס דאַרף געפירט ווערן אויף אַ פּאַראַלעלן אופן און אומאָפּהענגיק פון די האַנדלונגען פון דער פוילישער רעגירונג. מיר קאָנען אוודאי ניט פאָרויסזען אַלע דעטאַלן פון פוילנ׳ס פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סטרוקטור נאָך דער מלחמה. אָבער אין די ראַמען פון וואַרשיינלאַכקייט קאָנען אויסגעאַרבעט און עס קאָנען דעראָבערט ווערן פלענער וואָס פאַר זיי די יידישע הערצער, עס קאָנען אפילו שוין איצט אָנגע־הויבן ווערן אונטערהאַנדלונגען מיט דער פוילישער מאַכט און מיט די איינצלנע פוילישע פּאַרטייען, קודם־כל מיט דער פוילישער סאָציאַ־ליסטישער און מיט דער פויערן־פּאַרטיי, וואָס וועלן זיכער שפּילן אַ דעצידירנדע ראָל אין קומענדיקן פוילן. די גרויסע שליחות, וואָס אונ־זער באַוועגונג האָט דערפילט אין דער פריערדיקער מלחמה, אָרגאַני־זירנדיק דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און פירנדיק אונטער־האַנדלונגען מיט דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, קאָן איצט איבערגע׳חזר׳ט ווערן — הגם אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען — אין פוילן. מען דאַרף נאָר האָבן דעם מוט און דעם כוח זיך תיכף נעמען צו דער אַרבעט, וועמענס רעזולטאַטן וועלן דעצידירן וועגן דעם גורל פון פוילישן יידנטום.

דער קאַמף פון די יידישע מאַסן אין פוילן פאַר זייער ווירקלאַכער גלייכבאַרעכטיקונג

פון

נ. קאַנטאָראָוויטש

עס איז, פאַרשטייט זיך, יעצט שווער פאָרויסצוזען, ווי אַזוי עס וועט אויסזען דאָס נייע פוילן, וואָס וועט אַנטשטיין נאָכן קריג. מיר אַלע האָפן, אַז דאָס וועט זיין ווירקלאַך אַ נײַ פוילן, נײַ לויטן מלוכה׳שן אינהאַלט און לויט דער פאָרם, אַז עס וועלן זיך שוין ניט צוריקקערן די אַלטע צייטן ניט פון דער לגמרי באַנקראָטירטער, פאַשיזירנדיקער „סאַנאַציע" און דעם „אָזאָן", וואָס האָבן דערפירט דאָס יונגע לאַנד צום אָפּגרונד, און אויך ניט די צייטן פון דער פינצטערער רעאַקציאָנערער „ענדעציע" מיט איר שוואַרץ־מאה׳דיקן וויסקראַבעק, דער „נאַרא". מיר האָפן אויך, אַז צוגלייך מיט דעם וועט אויך פאַרשוואונדן דער אַנטיסעמיטיזם — אָט די דאָזיקע פּלאָג, וואָס האָט געלאַסטעט אויפן קערפּער פון דער יינגער פּוילישער רעפּובליק אין משך פון די 21 יאָר פון איר עקסיסטענץ.

דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן איז — ווי ס׳האָט ריכטיק באַמערקט אַמאָל ה׳ ניעדזשאַלקאָווסקי, וואָס איז שפּעטער מערדעריש אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע תלינים — שטענדיק געווען אַ דיווערסיע־מיטל אין די הענט פון די רעאַקציאָנערע קלאַסן און גרופּן, וועלכע האָבן דורכן אַנטיסעמיטיזם געשטרעבט צו פאַרבלענדן דעם באַוואוסטזיין פון די פּוילישע מאַסן און אָפּצולענקען זייער אויפמערקזאַמקייט פון די אַקטועלע, ממשות׳דיקע, ברענענדיקע פראַגן פון לאַנד אויפן קאַמף קעגן יידן.

אין יאָר 1905, בעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, איז דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן געווען אַ דיווערסיע מצד דער רעאַקציאָנערער ענדעציע, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פונם דאַן רעוואָלטירנדיקן קעגן צאַריזם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט פון דער רעוואָלוציע און כדי אָפּצולענקען זי אויף אַ קאַמף מיט יידן. אַדאַנק דער וואַכזאַמקייט פון די פּוילישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען און אַדאַנק זייער איבערגעגעבנהייט און טרייקייט צום אויסגעהאַלטענעם, רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן פאַרהאַסטן צאַריזם, איז די דאָזיקע דיווערסיע פון דער ענדעציע ניט געלונגען.

אין די יאָרן 1930־39 איז דער זעלבער אַנטיסעמיטיזם געוואָרן אַ דיווערסיע מצד דער הערשנדיקער, פּאַשיזירנדיקער „סאַנאַציע", וועלכע האָט, פּונקט ווי די ענדעציע אין יאָר 1905, געוואָלט דורכן אַנטיסעמיטיזם אָפּלענקען די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן, פונם קאַמף פאַר אַ פרייער און דעמאָקראַטישער אָרדנונג אין לאַנד, וועלכע זאָל דורכפירן די נויטיקע סאָציאַלע רעפאָרמען, אויפן קאַמף מיט יידן.

די שעפער און פאַרשפּרייטער פונם אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן האָבן זיך אָבער געוויס ניט פאַרגעשטעלט, אַז זייער ליבלינגס־אידעע קאָן ווערן אַ מעכטיקער דיווערסיע־מיטל אין די הענט פון אַן אוי־סערלאַנדן פאַקטאָר, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אויפן עצם־קיום פון פּוילן. אַזוי איז עס טאַקע געשען פאַרן קריג, ווען דאָס היטלער־לאַנד, פּראַקטיצירנדיק ביי זיך אַזוי פיין דעם אייגענעם, ברוטאַלן, נאַציִשן ראַסן־אַנטיסעמיטיזם, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אים, אַלס אַ גוטן מיטל, וואָס, איבערגעפּלאַנצט אויפן באָדן פון פּוילן און זייענ־דיק צענויפגעפּאָרט מיטן דאָרטיקן, אייגענעם, שוין לאַנג טעטיקן אַנטיסעמיטיזם, האָט ער געדינט אַלס אַ גייסטיקער פאַרבינדונגס־בריק צווישן די הערשנדיקע גרופּן אין ביידע לענדער און צוגלייך, אַלס געוועהר אויף צו פאַרבלענדן דעם נאַציאָנאַלן און פּאָליטישן באַ־וואוסטזיין פונם גרויסן טייל פון די פּוילישע מאַסן און אויף אָפּצו־לענקען זייער אויפמערקזאַמקייט, פון דער ווירקלאַכער, ממשות'די־קער, אומאויפהערלאַך זיך אָנרוקנדיקער געפאַר מצד דער היטלער־מדינה, — אויף קינסטלאַך, פאַרברעכעריש און פּראָוואָקאַטאָריש אויפגעבלאָזענע אינערלאַכע שטרייטיקייטן און קאַמף מיט יידן. די „יידישע געפאַר" איז אין די הענט פון די נאַצים און זייערע משרתים אין פּוילן געוואָרן אַ מין רויך־פאַרהאַנג, וואָס האָט געדאַרפט פאַרשטעלן פאַר די פּאָליאַקן די ווירקלאַכע געפאַר מצד דער נאַצישער מדינה. דער שכל פון דער אַנטיסעמיטישער דיווערסיע פונם היטלעריזם אין פּוילן איז געווען אַ פשוט'ער: זאָלן די טשעציאַק'ס און די „נאַראַ"־לייט העצן די פּאָליאַקן קעגן די יידן, זאָל דער „אָזאָן" מיט דער ענדעציע פּראָפּאַגירן כסדר דעם געדאַנק וועגן דער „איבעריקייט" פון די יידן אין פּוילן און וועגן דער נויטווענדיקייט זיי צו עוואַקואירן ערגעץ־וואו, אַפילו הינטער די הרי־חושך; זאָלן זיי זיך אַלע צוזאַ־מען מטפּל זיין מיט דער שחיטה, מיט די באַזונדערע בענק אין די הויכשולן, מיט סטראַגאַנעס, מיטן „אָוושעם"־קאַמף, מיטן זוכן טע־ריטאָריעס פאַר יידן, מיט שיקן עקספּעדיציעס פאַרן דאָזיקן צוועק קיין

מאַדאַגאַסקאַר — הכלל, זאָלן זיי איבערן קאָפּ זיין פּאַרזונקען אין די מ"ט שערי טומאה פון אַנטיסעמיטיזם, — אַבי — אַבי זיי זאָלן ניט זען, וואָס דאָס היטלער־לאַנד טוט אָפּ דערוויייל ביי זיי אונטער דער זייט און ווי אַזוי עס גרייט זיך צום גאָר נאָענטן קריג מיט פּוילן. וואָס מער די פּאָליאַקן וועלן זיך מתעסק זיין מיטן אַנטיסעמיטיזם און וועלן זיין אין אים פאַרטון, — אַלץ ווייניקער קאָפּ און צייט וועלן זיי האָבן פאַר דעם, וואָס עס קומט פאָר אין היטלער־דייטשלאַנד און אַלץ לייכטער וועט דעם לעצטן שפּעטער זיין צו דעראָבערן די דורכן אַנטיסעמיטיזם פאַרפירטע און צום קריג ניט צוגעגרייטע — פּוילישע מלוכה.

אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, סיי דער סאַנאַטאַריש־אָזאָנישער, סיי דער ענדעקישער זיינען דעריבער געווען צום הארצן דעם היטלעריזם — וועגן דעם קאָנען שוין יעצט קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. עס איז אויך בלי שום ספק, אַז דער היטלעריזם האָט מאַטעריעל און גייסטיק געשטיצט כל׳ערליי אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, דער בארימטער היטלעריסטישער „אויסלאַנדס־אינסטיטוט" האָט צוגעשטעלט דעם גלח טשעציאַק און די „נאַרא"־לייט ניט נאָר גייסטיקע שפּייז אויף דעם קאַמף קעגן יידן, נאָר, וואַרשיינלאַך, אויך אַנדערע הילף. נישקשה — דער געשעפט האָט געלוינט. עס האָט געלוינט מי־יודע וואָס אַריינצולייגן אינם דאָזיקן יידן־פּרעסערישן עסק, כדי צוצונאַגלען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּוילישער געזעלשאַפט צו יידן און אַריינברענגען די דאָזיקע געזעלשאַפט אינם צושטאַנד פון גייסטיקן מאַראַזם, ווען זי איז געוואָרן אומפּעאיק צו זען ווי געהעריק די ממשות׳דיקע, ווירקלאַכע געפאַר פון מערב און אַנצונעמען קעגן איר געהעריקע מיטלען.

די ווייטערדיקע, טראַגישע געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, אַלס דיווערסיע מצד היטלערן, איז פולשטענדיק געלונגען.

דער קאַמף קעגן „אָזשעם"־אַנטיסעמיטיזם

פון דעם אַלעמען וואָלט מען געקאָנט און געדאַרפט מאַכן דעם אויספיר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אין קינפטיגן, נייעם פּוילן ניט האָבן קיין שום תקומה, אַז ער וועט דאָרטן באַקעמפט ווערן ביז צו דער אויסראָטונג פון אים, בלויז כאַטשבי צוליב דער פאַטאַלער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אינם פאַרבלענדן און פאַרווירן דעם באַוואוסטזיין פון די פּאָליאַקן פאַרן קריג. הלוואי זאָל טאַקע אַזוי

זיין! און הלוואי זאָל דאָס נייע פּוילן ענדלאָך פּטור ווערן פון דער דאַזיקער באַרבאַרישער, שאָוויניסטישער, מענטשנפאַרעסערישער אַנשי־קעניש!

מ׳דאַרף אָבער ניט זיין קיין איבערטריבענער פּעסימיסט, כדי צו פאַרשטיין, אַז לגמרי וועט דער אַנטיסעמיטיזם פון פּוילן נישט פאַרשווינדן. פאַראַן נאָך אין פּוילן גרופּן און קלאַסן, וועלכע פּאַראַזיטירן אויפן אַנטיסעמיטיזם און כל־זמן די דאָזיקע סאָציאַלע גרופּן וועלן ניט פאַרשווינדן, וועט נאָך אַלץ בלייבן דער סאָציאַלער באָדן, פון וועלכן דער אַנטיסעמיטיזם ציט זיין יניקה.

אַז אין קרייזן פון פּוילישן בירגערטום האָט מען זיך נאָך עד־היום ניט אָפּגעזאָגט פונם אַלטן פאַר׳מלחמה׳דיקן אַנטיסעמיטיזם, — באַווייזן די טרויעריק - באַרימטע אַרויסטרעטונגען פון די ה״ה יוזשוויאַק און גענ. זשעליגאָווסקי אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן און די דערשיינונג פון „יעסטעם פּאָליאַקעם״, וואָס ווערט סובסידירט דורך געוויסע פּוילישע קרייזן אין לאָנדאָן. די דערמאָנטע לייט האָבן, ווי באַקאַנט, זיך ניט געשעמט אַרויסצוטרעטן אָפן מיט רעאַקציאָנערע, אַנטיסעמיטישע רעדעס, פאָדערנדיק, אַז די יידן פון פּוילן זאָלן אויסוואַנדערן קיין עטיאָפּיע צי עריטרעע, — אַ זאַך, וואָס האָט געוויס געמאַכט פרייען די הערצער פון די היטלער־לייט ניט נאָר אינם רייך, נאָר אויך אינם אומגליקלאַכן, אָקופּירטן פּוילן, וואו די אָקופּאַנטישע סאַטראַפּן פּאַרטיליקן און ראַטן אויס די יידישע באַפעלקערונג און ווען זיי וואָלטן נאָר געקאָנט, וואָלטן זי זיי בכלל פאַרשיקט הינטער די הרי־חושך טאַקע, לויטן פּראָגראַם פון די יוזשוויאַק׳ס און זשעליגאָווסקי׳ס.

די ביידע היטלעריזירטע מיטגלידער פון פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט האָבן באַקומען אַ געהעריקע תשובה פון איינעם פון די פּ.פּ.ס.׳ישע פאַרשטייער אין זעלבן נאַציאָנאַל־ראַט, — ח׳ טשאַלקאַש, וועלכער האָט געשטעמפּלט די אַנטיסעמיטישע רעדעס פון יוזשוויאַק׳ן און זשעליגאָווסקי׳ן, וואָס דערמאָנען געוויס יעדן ערלאַכן פּוילישן פּאַטריאָט די צע־יושעטע אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע אין פּוילן ערב דעם יעצטיקן קריג, און די פּאַטאַלע ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט אינם צוזאַמענברוך פון דער יינגער פּוילישער רעפּובליק. פּ. פּ. ס. האָט, כידוע, באַקעמפט דעם אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן נאָך אין יענע צייטן, ווען זי האָט באַטראַכט די יידן ניט אַלס נאַציאָנאַלע, נאָר אַלס רעליגיעזע מינדערהייט, וואָס דאַרף זיך אַסימילירן.

אבער דאָס פּוילישע בירגערטום? ווי וועט זיין זיין אויפפירונג אין קינפטיקן פּוילן? וועלן זיי פאַרוואַרפן דאָס געווער, מיט וועלכן דער היטלעריזם האָט זיי מקרב געווען צו זיך, פאַר׳סמ׳ט און אָפּגע־נאַרט? וועלן זיי זיך סוף־כּל־סוף אָפּזאָגן פונם אַלטן אַנטיסעמיטישן פּראָגראַם און אָנערקענען, אַז די יידן אין פּוילן דאַרפן האָבן גלייכע רעכט. ווי די פּאָליאַקן? און וועלן זיי טאַקע אָט די דאָזיקע גלייכבאַ־רעכטיקונג אַדורכפירן פולשטענדיק אין לעבן?

די רעדעס פון די יוזשוויאַק׳ס און זשעליגאָווסקי׳ס, די אומ־פאַרשעמטע אַנטיסעמיטישע העצע פון „יעסטעם פּאָליאַקעם", דאָס גלייכגילטיקע פאַרהאַלטן זיך פון אַנדערע בירגערלאַכע מיטגלידער אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט, דאָס שווייגן פון אַנדערע פּוילישע צייטונגען אין דער עמיגראַציע — דאָס אַלץ דערלויבט ניט צו ענטפערן פּאָזיטיוו אויף די אויבן־געשטעלטע פראַגן. דער קאַמף, וואָס פּוילן פירט יעצט קעגן היטלעריזם, צוזאַמען מיט דער ענגלישער, אַמעריקאַנער און אַנדערע דעמאָקראַטיעס, קאָן באַווירקן דאָס פּוילישע בירגערטום צו אָפּזאָגן זיך פונם ברוטאַלן, יידן־אויסראָטנדן ראַסן־אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט דורכגעפירט דורכן מערדערישן, הענקערישן היטלע־ריזם. די רעשטלאַך פון דער „סאַנאַציע" און די פאַרבליבענע טייל פון דער „ענדעציע" וועלן אונטער דעם דרוק פון די מערב׳דיקע דע־מאָקראַטיעס, מיט וועלכע מ׳גייט יעצט צוזאַמען, וואַרשיינלאַך פּרובן אַביסל „מאָדערניזירן" זייער אַלטע אַנטיסעמיטישע אידעען, אויס־פּוצן און פאַרמאַסקירן זיי מיט נייע פעדערן. און דאָ קאָן גרייל־אַך צונויפקומען דער ניט־ברוטאַלער, „קולטורעלער" אַנטיסעמיטיזם, וועלכן מ׳האָט פאַרן קריג זיך באַמיט אויסצופּערטיקן אין די אידעאַישע לאַ־באַראַטאָריעס פון דער באַנקראָטירטער און טרויעריק־באַרימטער סאַ־נאַציע. דער דאָזיקער, מאָדערנער, „קולטורעלער" אַנטיסעמיטיזם האָט, כּידוע, לכתחילה געוואָלט אַדורכפירן אַ שאַרפע אָפּגרענצונגס־ליניע צווישן זיך און דעם ברוטאַלן, כוליגאַנישן אַנטיסעמיטיזם פון דער ענדעציע און פון די „נאַראַ"־לייט. די לייט פון „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" אָדער פון „קוריער פּאָראַנני" פלעגן אַמאָל פּראָטעסטירן קעגן די כו־ליגאַנישע מעשים תעתועים פון דער אַלטער ענדעציע און פון איר יינגן „וויסקראָבעק", דער מיטן היטלעריזם פאַרבונדענער „נאַראַ". די גע״וו. ליבעראַלן און גע״וו. דעמאָקראַטן פון דער סאַנאַציע און די „שיין־גייסטער" פון „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" און „קוריער פּאָראַנני" האָט ניט געשמעקט, אַז מ׳זאָל פּוילן, אין הינזיכט פון אַנטיסעמיטיזם, שטעלן עפּעס אויף איין ניוואָ מיט אַ רוסלאַנד פון דער צייט פון דער „שוואַר־צער מאה" און פון „סאַיוז מיכאַילאַ אַרכאַנגעלאַ". אָבער אפילו צווישן

די דאַזיקע, אַגב גאַנץ זעלטענע פּראָטעסטן קעגן דער אַנטיסעמיטי־שער כוליגאַנעריע, און צווישן דעם פּיל אָפּטערן מוסר־זאָגן די „כּלאַפּ־צעס" פון דער „נאַרא", פלעגט מען קאָנען אַרויסלייענען דעם אַגב לגמרי ניט פאַרבאָרגענעם געדאַנק און הויפּט־אידעע פון דער „סאַנאַ־ציע", וואָס האָט געקלונגען אומגעפער אַזוי: גזלנים, וואָס טוט איר? נאַראַנים, וואָס איר זייט! וואָס האַקט איר קעפּ און וואָס שלאָגט איר מכות־רצח יידישע סטודענטן, יידישע סטראַגאַן־אייגנטימער, יידישע קרעמער, צי סתם מענטשן מיט סעמיטישע נעזער אָדער פון סעמיטישן אויסזען? איר ווילט פּטור ווערן פון די יידן אין פּוילן? טאָ צו וואָס שלאָגן און ממית'ן זיי אין די גאַסן? צו וואָס אָנווענדן אַזעלכע מין אָפּשטויסנדיקע, כוליגאַנישע און ניט־הומאַניטאַרע מיטלען פון דער אַמאָליקער רוסישער „שוואַרצער מאה" און אויפרייסן מיט דעם קעגן זיך די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, — אַז מ'קאָן די זעלבע אָפּע־ראַציע דורכפירן אויף אַ פרידלאַכן און הומאַניטאַרן אופן. צו וואָס דאָס שלאָגן מכות־רצח און אָנווענדן אַנדערע מיטלען פונם אַרסע־נאַל פון דער ענדעציע, אַז מ'קאָן די יידן אויף אַ פרידלאַכן און רו־איקן וועג פּראָסט־פּשוט משלח זיין פון פּוילן דורך אויסגעפינען פאַר זיי איינוואַנדערונגס־לענדער און דורך פאַרברייטערן פאַר זיי די אימיגראַציע־מעגלאַכקייטן.

למען האמת, דאַרף מען צוגעבן, אַז עפּעס האָט די סאַנאַציע יאָ גענאַשט פון ענדעקישן אַנטיסעמיטיזם. ניט נאָר זיין הויפּט־אידעע וועגן דער נויטווענדיקייט אַרויסצושטויסן די יידן פון פּוילן, נאָר אויך אַ מיטל פונם ענדעקישן קאַמפּס־אַרסענאַל. מיר מיינען דעם מיטל פון ווירטשאַפטלאַכן קאַמף קעגן יידן. ווען דער סאַנאַטאָ־רישער פּרעמיער סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי האָט אויף דער טריבונע פון סיים בשעתו פאַראורטיילט די כוליגאַנישע מעשים פון דער ענ־דעציע און „נאַרא" קעגן דער יידישער באַפעלקערונג און האָט צו־גלייך דערקלערט, אַז כוליגאַניזם — ניט, אָבער ווירטשאַפטלאַכער קאַמף קעגן יידן, דאָס „אָוושעם", — האָט ער געוויס געמיינט, אַז ער זאָגט אַרויס עפּעס מי יודע וואָס פאַר אַ נייעם געדאַנק, פאַרגעסנ־דיק דערביי, אַז דער ענדעקישער לאָזונג „סוואָי דאָ סוועגאָ" דריקט אויס ניט ערגער דעם גאַנצן תמצית פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, ווי די האַרציקע, דערמונטערנדיקע הסכמה צום ווירטשאַפטלאַכן קאַמף פון פּאַליאַקן קעגן יידן, וואָס איז איינגעשלאָסן אינם וואָרט „אָוושעם".

אָט פאַר דעם, כלומרשט „מאָדערנעם", ניט־כוליגאַנישן און „קול־טורעלן" אַנטיסעמיטיזם דאַרף געוואָרנט ווערן. זאָל מען ניט מיינען,

אַז מיט אָפּזאָגן זיך פון די פּאָגראָם־מיטלען פון דער ענדעציע און פון דער „נאַרא" און מיט פּאַרוואַרפן דעם אַנטיסעמיטישן קלאַפּער־געצייג, מיט וועלכן עס האָט זיך באַנוצט די צאַריש־רוסישע „שוואַרצע מאה" און מיט וועלכן עס באַנוצט זיך בימנו דער היטלעריזם, איז מען שוין יוצא דעם פליכט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און מ'איז שוין פּטור פון וועלכע ס'איז אַנדערע פליכטן לגבי איר. די „אַוושעם"־פּאָליטיק, דאָס רופן די פּאָליאַקן צום ווירטשאַפטלאַכן קאַמף קעגן יידן איז, אין איר גאַנצן וועזן, פּונקט אַזוי אַנטיסעמיטיש, ווי די פּאַרוואָרפענע און פּאַראורטיילטע פּאָגראָם־פּראַקטיק פון דער היטלעריזירטער ענדעקאָ־נאַרא. שטייט מען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז יידן זיינען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון פּוילן, פּונקט ווי אַנדערע איינוואוינער פון לאַנד, קאָן מען ניט דיסקרימינירן זיי דורך דעם, וואָס איין טייל פון דער באַפעלקערונג, די פּאָליאַקן, וועט גערופן ווערן צום קאַמף קעגן אַ צווייטן טייל — די יידן. יעדע מין דיסקרי־מינאַציע, און געוויס אויך די ווירטשאַפטלאַכע דיסקרימינאַציע, איז אַן אָפענער און אומפאַרשעמטער ברוך פונם פּרינציפּ פון דער גלייכ־באַרעכטיקונג פון אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד. און אויב די יידן דאַרפן אינם נייעם פּוילן געניסן באמת פון גלייכע רעכט און ניט געהערן עפּעס צו אַ קאַטעגאָריע פון צווייטראַנגיקע בירגער פון לאַנד, — דאַן הייסט עס, אַז די „אַוושעם"־פּאָליטיק, דאָס רופן די פּאָליאַקן צום ווירטשאַפטלאַכן קאַמף קעגן יידן טאָר אין נייעם פּוילן לא יפּקד ולא יזכר ווערן. דאָס דאַרפן זיך אַריינמעמען אין קאָפּ די אַלע, פּוילישע בירגערלאַכע עלעמענטן, וועלכע דעקלאַמירן יעצט אַזוי פיין וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן אין קינפטיקן, פרייען און נייעם פּוילן. טאָמער זיינען פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָפן, אַז שפּעטער, אינם באַפרייטן פּוילן, וועט זיך לאָזן אפשר קאָמ־בינירן גלייכע רעכט פאַר יידן מיט אַז „אַוושעם"־צוגאָב און צו דורכ־שמוגלען אַזוי־אַרום עפּעס אַ „לייכטערן", „קולטורעלערן" אַנטיסעמי־טישן פּראָגראָם, וואָס וועט פון אויבן זיין פאַרדעקט מיטן לבוש פון עפּעס אַ פאַפירענער, ריין פאָרמעלער „גלייכבאַרעכטיקונג" פון דער יידי־שער באַפעלקערונג אין פּוילן, — דאַרפן אָט די דאָזיקע עלעמענטן שוין יעצט געוואָרנט ווערן, אַז די יידישע מאַסן אין פּוילן זיינען שוין צו פיל געפּרובט געוואָרן, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן אָפּנאַרן און פאַרפירן דורך שיינע צוזאָגן און פּאַפירענע הבטחות. גלייכע רעכט דאַרפן די יידן האָבן ניט נאָר אין דער קאָנסטיטוציע, נאָר—דער עיקר—אין לעבן. די גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין פּוילן וועט דאַרפן זיין ניט קיין פאָרמעלע, נאָר אַ פאַקטישע, אַ ווירקלאַכע, אַן אַדורכגעפירטע אין לעבן.

די פראַגן פון איבערשיכטונג און פּראָדוקטיוויזירונג

אין שייכות מיט דעם אַנטשטייען אייניקע אַנדערע פראַגן, וועגן וועלכע עס דאַרף גערעדט ווערן באריכות. די, וואָס האָבן געוואוינט אין פּוילן, דערמאָנען זיך אפשר, אַז אינם טאָג, ווען עס האָט זיך גע־עפנט דער יידישער וועלט־קאָנגרעס אין זשענעוו, איז אינם אָפיציאַז פון דער פּוילישער רעגירונג „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ", ווי אויך אין אַנ־דערע סאַנאַטאָרישע צייטונגען, דערשינען אַן אַרטיקל פונם „פּאַליפּ" („פּאָלסקאַ אינפאָרמאַציאַ פּראַסאָוואַ" — ביולעטין פון פּוילישן אויס־סערן־מיניסטעריום), געווידמעט ספּעציעל דער דערעפענונג פונם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

דער דאָזיקער אַרטיקל האָט געגעבן אַ שטיקל אַנאַליז פון דער עקאָנאָמישער סיטואַציע פון די יידישע מאַסן אין פּוילן, האָט אָנגע־וויזן אויפן איבער־געגנוג באַקאַנטן פאַקט, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז קאָנצענטרירט אין האַנדל און אין מלאכה, האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אין די דאָזיקע יידישע ווירטשאַפטס־צווייגן איז פאַראַן אַן אי־בערפלוס פון מענטשן און אַז דעריבער שטייט פאַר די יידישע מאַסן אין פּוילן זייער האַרב די פראַגע וועגן אומשיכטונג און פּראָדוקטיווי־זירונג.

דער אויספיר, וואָס די „פּאָלסקאַ אינפאָרמאַציאַ פּראַסאָוואַ" האָט געמאַכט פון די אַלע געדאַנקען, איז געווען פולשטענדיק אין באַקאַנטן גייסט פון דער „קולטורעל"־אַנטיסעמיטישער סאַנאַציע, — נעמלאַך: זאָל דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס קומט זיך יעצט צענויף אין זשענעוו, אָפּלאָזן מיטן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, זאָלן די יידן אויפ־הערן ענדלאַך מיט זייערע ענדלאָזע פּראָטעסטן קעגן דער אַנטיסעמי־טישער פּאָליטיק. זאָלן זיי בעסער זוכן טעריטאָריעס, וואוהין מ׳זאָל קאָנען אַריבערפירן דעם „איבערפלוס" פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן און וואו מ׳זאָל זיי קאָנען פּראָדוקטיוויזירן און איבער־שיכטן . . .

ווי ס׳איז לייכט צו זען פון דעם אַלעם, האָבן די „ספּעצן" פון דער יידן־פראַגע אין פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום דורכגעמאַכט אַ ניש־קשה׳דיקע שולע. זיי האָבן עפּעס טועם געווען פון די פאָרשונגען איבער דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין פּוילן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך יידישע געלערנטע און עקאָנאָמיסטן. קאָנצענטרירונג פון די יידן אין האַנדל און מלאכה, דער איבערפלוס פון דער צאָל מענטשן אין די ביידע ווירטשאַפטס־צווייגן, די נויט־ווענדיקייט פון אַריבערפירן זיי צו אַנדערע פאַכן, צו פּראָדוקטיווי־

זירן און איבערשיכטן זיי — דאס אלץ איז דאך, ווי עס שטייט און נייט, גענומען געוואָרן פונם ערשטן בעסטן אַרטיקל איבער דער עקאָ־נאָמישער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. אלא וואָס דען? דאָס אַלץ, וואָס די יידישע עקאָנאָמיסטן האָבן אויסגע־פאָרשט און פעסטגעשטעלט, בכדי צו העלפן די יידישע מאַסן אין פוילן און בכדי אויסצוגעפינען די מיטלען און די וועגן, מיט וועל־כע מ'קאָן און מ'דאַרף זיי העלפן — דאָס אַלץ האָבן די ניי־געבאַקענע „ספּעצן" אויף דער יידישער עקאָנאָמיק פון בעק'ס חדר באַנוצט, כדי — צו אַרבעטן קעגן יידן, בכדי זיי משלח צו זיין פונם לאַנד, וואו זיי זיינען געבוירן געוואָרן און וואו זיי לעבן זייט פיל הונדערטער יאָרן, וואו פיל דורות פון זייערע עלטערן און אורעלטערן האָבן אינוועסטירט זייער פּראַצע, די קראַפט פון זייערע מוסקולן און דעם מאַרך פון זייערע מוחות און וואו זיי קעמפן, זייט יאָרן, צוזאַמען מיט די אַרבעטנדיקע און ליידנדיקע פּוילישע מאַסן פאַר אַ בעסערן לעבן און צוקונפט.

מיר דערמאָנען דעם דאָזיקן באמת אויסטערלישן פאַקט און מיר האָבן זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויפן אַרטיקל, מיט וועלכן דער ביולעטין פון דאַמאָלסדיקן פּוילישן אויסערן־מיניסטעריום האָט, אַזוי־צו־זאָגן, מקבל פּנים געווען דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אין זשע־נעווע, ניט נאָר צוליב דעם, וואָס שפּעטער האָבן סיי בעק, סיי אַנדערע פּוילישע פאַרשטייער אינם פעלקער־בונד געפאָדערט, מיט די אַר־גומענטן פונם דערמאָנטן אַרטיקל, טעריטאָריעס, וואוהין משלח צו זיין דעם „איבערפלוס" פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, — נאָר אויך צוליב דעם, וואָס נאָכן יעצטיקן קריג וועלן די פראַגן פון פּראָדוקטיוויזירונג און איבערשיכטונג שטיין אויסערגעוויינלאַך שאַרף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. די היטלעריסטישע מאַכט האָט פאַריאָגט די יידישע באַפעלקערונג פון פיל שטעט און שטעטלאַך אין לאַנד, זי האָט זיי צעגנויפגעטריבן אין הונדערט־טויזנטער אין געטאָס און האָט זיי אָפּגעשיידט פון דער איבעריקער באַפעלקערונג, זי האָט זיי באַזייטיקט פון זייערע ווירטשאַפטלאַכע פּאָזיציעס און דורכדעם פאַרמשפּט אויף כסדר'דיקע פּרנסה'לאָזיקייט און אַרבעטס־לאָזיקייט. די מנובל'דיקע אָקופּאַנטישע מאַכט פירט אויך ווייטער אַדורך די אַרבעט פון דעקלאַסירן און פּויפּעריזירן די יידישע מאַסן אין פוילן. עס וועט דעריבער לגמרי ניט זיין קיין חידוש, ווען אין דעם נאָכ'מלחמה'דיקן פוילן וועט פאַרן גרעסטן טייל יידן שטיין די פראַגע, ווי אַזוי זיך צו פּראָדוקטיוויזירן, אָדער דורך צוריק באַקומען די פאַרלוירענע אַלטע ווירטשאַפטלאַכע פּאָזיציעס אין די געגנטן,

פונוואנעז מ'האט זיי פארטריבן, אדער — און אפשר טאקע פיל מער — דורך אריינגיין אין נ יי ע צווייגן פון דערווירטשאפט. די מלוכה־מאכט וועט אליין דארפן זארגן ניט נאר פאר גלייכבארעכ־טיקונג פאר די יידישע מאסן, נאר פאר באזארגן זיי מיט ארבעט, מיט נייע באשעפטיקונגען, קרעדיטן וכד.

מיר שטעלן זיך אליין פאר, וואס פאר אן איבערראשונג עס וועט ארויסרופן ביי די יוזשוויאק'ס און זייער גלייכן, וועלכע האלטן בכלל ניט וועגן גלייכע רעכט פאר יידן, ווען מ'וועט נאך קומען צו זיי מיט דער פאדערונג, אז די מלוכה זאל העלפן א י ב ע ר ש י כ ט ן און פראדוקטיוויזירן די יידישע מאסן. די מער „קולטורעלע" אנטיסעמיטן וועלן נאך אפשר פועל'ן ביי זיך צו מסכים זיין אויף פאליטישער גלייכ־בארעכטיקונג פון די יידישע מאסן. אבער אז עס וועט קומען צו גרע־סערע און ממשות'דיקערע פאדערונגען, ווי די איבערשיכטונג פון די דעקלאסירטע און פארארימטע יידישע מאסן, איז גארניט אויסגע־שלאסן, אז ביי זיי זאל דערוואכן דער אויבן־געבראכטער געדאנקען־גאנג פונם „פאליפ": יא, יידן קאנען זיין גלייכבארעכטיקט אין פוילן, אבער — אריבערגיין צו נייע פראפעסיעס און נייע ווירטשאפטס־צווייגן, דאס דארפן די יידן טון ערגיץ אנדערש־וואו, אין לענדער מעבר־לים, אבער ניט אין דער ארימער, אגרארער פוילן, וואס האט נאך דערצו אן „איבערפלוס" פון מיליאנען פויערים. פאר דעם צוועק זיינען מיר, פאליאקן, אפילו גרייט צו געבן אונזער גרעסטע און בעסטע הילף, צו זוכן טעריטאריעס, שיקן עקספעדיציעס, מרעיש עולם זיין די אינטערנאציאנאלע וועלט, מיטארבעטן מיט די יידישע ארגאני־זאציעס פאר עמיגראציע און קאלאניזאציע א .א. וו.

דארף טאקע פארויס דערקלערט ווערן, אז מיר אנערקענען ניט א „גלייכבארעכטיקונג" פון יידן, וואס ענדיקט זיך ביי די פראגן פון פראדוקטיוויזירונג און איבערשיכטונג און מיר האלטן אויך ניט פון אזא מין „אהבת ישראל", וואס וועט זיך אויסדריקן אין העלפן יידן אויסוואנדערן אין אנדערע לענדער אפילו ווען די „ספאנסארן" פון דער דאזיקער אויסוואנדערונג וועלן — ווי זיי טענה'ן — עס טון, ניט, חלילה, לשם אנטיסעמיטיזם, נאר כדי צו העלפן די יידן אין דער ברענענדיקער אויפגאבע פון פראדוקטיוויזירונג און איבערשיכטונג.

דארף מען נאך דערווייזן, אז גלייכבארעכטיקונג, אמת'ע, ווירק־לאכע און ממשות'דיקע גלייכבארעכטיקונג פון יידן, און ניט די ריין־פארמעלע, פאפירענע, לפנים'דיקע, הייסט, אז יידן האבן די זעלבע רעכט ניט נאר צו לעבן, עסן און אטעמען אין פוילן, נאר אויך ארי־

בערצוגיין דארטן אין אנדערע פאכן און צו אנדערע פראפעסיעס?! און אויב דער יידישער האנדל איז געווען איבערפולט און יעצט זיינען די יידישע סוחרים און הענדלער דעקלאסירט, אויב די יידישע מלאכה האט געליטן פון צופיל בעלי־מלאכה און יעצט זיינען די יידישע האנט־ווערקער בכלל דעקלאסירט, — דאן איז די אויפגאבע פון דער מלוכה צו זארגן וועגן איבערשיכטן יידישע הענדלער און האנטווערקער, פונקט ווי זי זארגט (צי דארף זארגן) וועגן דער איבערשיכטונג פון איבערפלוס פון פויערים און די אנדערע ווירטשאפטלאכע טיילן פון דער פ ו י ל י ש ע ר באפעלקערונג. די „סאנאציע" בשעתה האט כסדר גע'רעש'ט וועגן גרויסן באפעלקערונגס־איבערפלוס אין פוילישן דארף, וואו ס'זיינען דא איבעריקע 6-8 מיליאן ארבעטס־הענט. זי האט ניט געהאט דעם מוט צו אנערקענען, אז דער דאזיקער איבער־פלוס איז א רעזולטאט פון דער ניט־דורכגעפירטער אגראר־רעפארם אין פוילן, האט אבער די „סאנאציע" ווען־עס־איז גע'עצה'ט דעם דאזיקן פויערישן איבערפלוס צו איבערשיכטן, צו פראדוקטיוויזירן זיך דורך אויסוואנדערן אין אנדערע לענדער? האט זי געוואגט אפילו א פיפס צו טון וועגן זוכן פארן דאזיקן איבערפלוס קאלאניעס, צי איינוואנדערונגס־טעריטאריעס?

געוויס ניט. די רעאקציאנערע און אנטיסעמיטישע סאנאציע און די גאנצע פוילישע בורזשואזיע האבן בכלל דעם גאנצן פויערים־פראב־בלעם פון פוילן געוואלט לעזן אויפן חשבון פון יידן. די גאנצע עוואקואציע־פאליטיק פון „אזאן" לגבי די יידן האט זיך סוף־כל־סוף געגומען פון דעם, וואס די הערשנדיקע רעאקציאנערע קלאסן אין לאנד האבן געוואלט אריבערפירן דעם פויערישן **איבערפלוס** פון די דערפער אין די שטעטלאך און שטעט, וואו ער זאל פארנעמען דעם פלאץ און די ווירטשאפטלאכע פאזיציעס פון די י י ד ן.

דארף טאקע דאריבער באטאנט ווערן, אז אט דעם אויבן־דער־מאנטן שטאנדפונקט בנוגע דער פראדוקטיוויזירונג פון די יידן — האבן די יידישע מאסן באטראכט, און וועלן אויך ווייטער באטראכטן, אלס ברוך פון דער גלייכבארעכטיקונג און אלס אטענטאט אויף זייע־רע עלעמענטארע רעכט ניט נאר צו קאנען לעבן, נאר אויך צו קאנען זיך אנטוויקלען אין לאנד, פונקט ווי דאס איז באשערט אלע איבע־ריקע טיילן פון זיין באפעלקערונג. אין באפרייטן פוילן — גלויבן פיל — וועלן אנטשטיין נייע און אפילו גרויסע ווירטשאפטלאכע מעגלאכ־קייטן. דאס לאנד וועט דארפן ווערן אינדוסטריאליזירט און, פונקט ווי די דארפישע באפעלקערונג וועט זיך פראדוקטיוויזירן און איבער־

שיכטן אין די נייע אויפבוי־פּראָצעסן אין לאַנד, קאָן עס און ד אַ ר ף געשען אויך מיטן איבערפלוס פון די יידישע הענט אין דער מלאכה און אין האַנדל. גלייכע רעכט פאַר יידן איז גלייכע רעכט אומעטום, אין אַלע געביטן פון לעבן און אויך אויפן געביט פון קריגן נייע באַשעפטיקונגען און פּרנסות, ד. ה. אויפן געביט פון פּראָדוקטיוויזירונג און איבערשיכטונג, און קיין שום בר־דעת וועט ניט פאַרשטיין אַ „גלייכבאַרעכטיקונג" פאַר יידן, וואָס איז גילטיק נאָר אויף אַלטע פּראָפעסיעס און פּרנסות און וואָס איז נ י ט חל אויף אַלע נייע, מעגלאַכע ווירטשאַפטס־צווייגן, וואָס וועלן געעפנט ווערן אָדער אַנטוויקלט ווערן אינם נייעם פּוילן. יעדע מין דיסקרימינאַציע אויף דעם געביט, יעדער פּרוּב צו פאַרשליסן די יידן אינם אָרעמען, איבערבאַפעלקערטן, ווירטשאַפטלאַכן געטאָ, וואוהין די הערשנדיקע קלאַסן און גרופן האָבן זיי במשך פון די פאַרגאַנגענע דורות פאַרטריבן און אויך אָפּגעשלאָסן, — וועט דאַרפן ווידער קוואַליפיצירט ווערן, אַלס דיסקרימינאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אויפן ווירטשאַפטלאַכן געביט, וואָס עס איז ווידער־אַרום אַ ברוך פון דער אמת'ער און ווירקלאַכער גלייכבאַרעכטיקונג.

די עמיגראַציע־פראַגע

אין דער ווייטערדיקער באַטראַכטונג פון דער פראַגע קומען מיר צו דעם ענין פון עמיגראַציע.

דאַ שטויסן מיר, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, זיך אָן אויף די באַקאַנטע טענות פון „בונד". פיל בונדיסטן וואַרפן אונז גיפטיק פאָר, אַז — „ס'טייטש, וואָס ווילט איר? איר, ציוניסטן, איר, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, שטייט דאָך סיי־ווי־סיי אויפן שטאַנדפּונקט פון עמיגראַציע, — טאָ דאַרפט איר דאָך נאָך זיין צופרידן פונם עמיגראַציאָניסטישן פּראָגראַם פון דער סאַנאַציע, צו פון אַנדערע פּוילישע אַנטיסעמיטן! עס איז דאָך וואַסער אויף אייערע מיל־שטיינער, עס איז דאָך ווינט אין אייערע זעגלען א. אַ. וו."

מיט דער דאָזיקער אָפּשטויסנדיקער, דעמאַגאָגישער קאַמפּאַניע מצד די בונדיסטן איז אונז שוין ניט איינמאָל זיך אויסגעקומען צו פאַרנעמען. די יעניקע, וואָס האָבן, ליידער, זייער דעמאַגאָגישע אַרבעט נאָך אַלץ ניט אָפּגעשטעלט, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז רעדן אַזוי ווי זיי — הייסט דאָס זעלבע, ווי צו זאָגן, אַז זיי, בונדיסטן, דאַרפן זיין צופרידן פונם זיג פון פאַשיזם אין איטאַליע און פון היטלעריזם

אין דייטשלאַנד און פון שפּעטערדיקן טריאומפאַלן מאַרש פון היט־לערא־פאַשיזם איבער גאַנץ אייראָפּע. וואָרום אויף וויפיל דער פאַשיזם און היטלעריזם פאַרערגערן די לאַגע פון די אַרבעטער־מאַסן, פאַר־שקלאַפן דאָס גאַנצע פאָלק און פירן אים צום אָפּגרונט — דאַרפן דאָך די בונדיסטן, אַלס סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, זיין צופרידן, היות די שווידערלאַכע אַנטערעכטונג און פאַרשקלאַפונג פון די אַרבעטער, דאָס פאַראורטיילן זיי צו דער לאַגע פון קנעכט, דאָס אונטערדריקן זיי אויפן שרעקלאַכסטן אופן — דאָס איז דאָך וואַסער אויף די מיל־שטיינער פון דער קינפטיקער רעוואָלוציע, דאָס איז דאָך ווינט אין די זעגלען פון דער פאַרשטייענדיקער סאָציאַלער איבערקע־רעניש א. א. וו. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט פון „וואָס ערגער, אַלץ בעסער" איז אַגב, ווי באַקאַנט, בשעתו טאַקע אָנגענומען געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע באַדויערט אים געוויס יעצט, בעת'ן שרעקלאַכן אַנגריף פון די נאַצי־האָרדעס אויף רוסלאַנד.

טראָץ דעם, וואָס אָביעקטיוו קאָן אפשר (געוויס אָבער ניט: מ ו ז) דער היטלערא־פאַשיזם מיט זיינע צרות און אומגליקן, מיט דער בלוט־באָד, וואָס ער האָט אַרויסגערופן, שאַפן תנאים פאַר אַ רעוואָלוציאָ־נערן אויפברויז פון די מאַסן, — וועט אָבער קיינער ניט באַשולדיקן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אַז זי האָט זיך געפרייט, ווען מוסאָליני איז געקומען צו דער מאַכט אין רוים, אָדער ווען היטלער האָט דער־אָבערט די מאַכט אין דייטשלאַנד. פאַרקערט, די ביידע דאָזיקע גע־שעענישן זיינען באַטראַכט געוואָרן, אַלס דער גרעסטער אומגליק, דורך די סאָציאַליסטן פון איטאַליע און דייטשלאַנד (ווי אויך אין גאָר דער וועלט), וועלכע האָבן מיט אַלע כוחות געזוכט צו דעם ניט צו דער־לאָזן, האַלטנדיק, אַז וואָס ערגער, איז טאַקע — ערגער...

און וואָס שייך ספּעציעל די בונדיסטן, קאָן געבראַכט ווערן פאָלגנ־דער ביישפּיל: דער „בונד" שטייט, ווי באַקאַנט, אויפן שטאַנדפּונקט פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר די יידן אין פּוילן. צו דעם צוועק אונטערשטיצט ער דעם יידישן שול־וועזן, בויט נייע שולן א. ד. גל. דער גרעסטער טייל יידישע יוגנט איז אָבער, ליידער, נ י ט געגאַנגען אין די יידישע, נאָר אין פּוילישע שולן, און אויף דער יידישער גאַס אין פּוילן איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקער פּראָצעס פון שפּראַכלאַכער אַסימילאַציע, פון פּאָלאָניזאַציע.

יעצט אָבער האָט די אָקופּאַנטישע היטלעריסטישע מאַכט אָפּגע־טיילט די יידישע באַפעלקערונג פון דער פּוילישער און האָט אַ גרויסן טייל יידן בכלל אָפּגעשלאָסן אין געטאָס. צוליב די דאָזיקע אַלע גזירות,

קאָן מען דערוואַרטן, אַז ספּעציעל אין די געטאָס, וואו עס זיינען פאַרשלאָסן פיל הונדערטער טויזנטער יידן, וועט דער אַסימילירונגס־פּראָצעס שטאַרק פאַרהאַלטן ווערן און ס'וועט זיכער טאַרמאַזירט ווערן דער פּאָלאָניזירונגס־פּראָצעס צווישן די יידישע מאַסן. עס איז, בכלל, צו דערוואַרטן, אַז די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון די היטלעריסטישע אָקופּאַנטן, זייער כסדר'דיקער רשעות'דיקער דרוק אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וועט שטאַרקן צווישן איר דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און ענערגיע און וועט טרייבן אויך די גאַנץ־ און האַלב־אַסימילירטע יידן, וואָס זיינען יעצט ביגוואַלט אַריבערגעפּלאַנצט געוואָרן אין די געטאָס, צו דערנענטערן זיך מער צו דער יידישער האַרעפּאַשנער מאַסע, און אפשר אויך צו באַהעפטן זיך מיט איר שפּראַך און קולטור. איינגעשלאָסן אין געטאָ, קאָנען יעצט ניט די דאָזיקע עלעמענטן געניסן פון דער פּוילישער קולטור, פון די פּוילישע טעאַטערן, פאַרלעזונגען, קולטור־פאַרוויילונגען (אויף וויפיל זיי זיינען נאָך בכלל פאַרבליבן) און זיי מוזן — ווילנדיק, ניט ווילנדיק — ווערן קאָנסומענטן פון די קולטור־אינסטיטוציעס פונם געטאָ, פון י י ד י ש ע טעאַטערן, י י ד י ש ע פאַרלעזונגען און קולטור־פאַרוויילונגען, אויף וויפיל די מאַכט דערלויבט עס צו האָבן דער קולטור־אויטאָנאָמיע פון די געטאָס. עס זיינען שוין געווען ידיעות אין דער פּרעסע וועגן „בום" אויף יידישע טעאַטערן אין וואַרשעווער געטאָ, און ס'וועט לגמרי ניט זיין קיין איבעראַשונג, אויב אין יידישן שול־וועזן, און בכלל אין גאַנצן יידישן קולטור־לעבן, אויף וויפיל ער איז נאָך מעגלאַך, וועט קומען צו אַ אויפלעבונג און עליה, דורך וואָס דאָס פריערדיקע יידישע קולטור־לעבן וואָלט געקאָנט באַקומען אַ גרעסערן און שטאַרקערן אינהאַלט, ווי אויך אַ שטאַרקערן און פעסטערן באָדן אונטער זיך.

רעדנדיק מיטן בונדישן דעמאַגאָגישן זשאַרגאָן, וואָלט מען אַלזאָ יעצט געקאָנט איבער'חזר'ן בנוגע דעם „בונד" דאָס זעלבע, וואָס ער זאָגט בנוגע ציוניסטן, — נעמלאַך, אַז די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון די היטלעריסטן איז סוף־כל־סוף אויף דער האַנט די בונדיסטן, דען די יידישע קולטור ווערט דורך דעם געשיצט פון דער אַסימילירנדיקער השפּעה פון דער פּוילישער גאַס, אַז דער קולטור־לעבן פון די יידישע מאַסן וועט דורך דעם ווערן געשטאַרקט, אַז דער היטלעריזם צווינגט צו מקרב זיין נענטער צום יידישן מאַסן־לעבן א. א. וו. — הכלל, דער היטלעריסטישער אַנטיסעמיטיזם איז, פּאַראַפראַזירנדיק די בונדישע דעמאַגאָגן, וואַסער אויף די מיל־שטיינער פון בונדישן קולטור־אויטאָנאָמיזם און ווינט פאַר זיינע זעגלען...

דער דאזיקער געבראכטער דורך אונז און לאגישער געדאנקענגאנג איז נאר א באווייז, ווי אבסורדאל און דעמאגאגיש עס איז די גאנצע בונדישע קריטיק פונם ציוניסטישן פראגראם. דער אונטערשיד צווישן די בונדיסטישע און די ציוניסטישע פאדערונגען אויפן נאציאנאלן געביט איז א קוואנטיטאטיווער און ניט קיין קוואליטאטיווער.ביידע פאדערן אויטאנאמיע פאר די יידישע מאסן. אבער בעת „בונד" באגניגנט זיך בלויז מיט נאציאנאל־*קולטורעלער* אויטאנאמיע, ווילן די ציוניסטן אין אלע זייערע שאטירונגען דערגרייכן א העכערע, א פולקאמענערע, א זיכערערע פארם פונם נאציאנאלן צוזאמענלעבן, די אידעאלע פארם פון *טעריטאריאלער* אויטאנאמיע פאר די יידן, דורך שאפן א יידישן *מערהייטס*־צענטער אין ארץ־ישראל. סיי די פאדערונג פון „בונד", סיי די פאדערונג פון די ציוניסטן זיינען נאציאנאל עקסקלוזיווע. אבער נאר פרא־אדם'ס און פינצטערע דעמאגאגן קאנען באהויפטן, אז דעריבער דארפן זיי זיך ווינטשן דיסקרימינאציע־פראצעסן לגבי יידן. פונקט פארקערט! זיי זיינען קאטעגאריש קעגן דעם, ווייל דאס באדייט אויסראטונג און פארטיליקונג פון די יידישע מאסן און ווייל דאס איז א ברוך פונם עיקר־פרינציפ פון דער יידישער פאליטיק וועגן גלייכע רעכט און מעגלאכקייטן פאר יידן, א דעגראדירונג פון די יידן דורך זייער *אנטרעכטונג*.

אין ציוניסטישן פראגראם איז דא א שטעלונג און באציאונג צום עמיגראציע־פראבלעם פון די יידישע מאסן. אבער ווער ווייסט עס ניט, אז עמיגראציע איז א דערשיינונג ניט בלויז פון יידישן לעבן? איז דען ניט באקאנט, אז עמיגראציע איז א נאטירלאכע, אויב ניט דער נאטירלאכסטער, פראדוקט פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג און איז א דירעקטער רעזולטאט פון דער ווירטשאפטלאכער פלאנלאזיקייט און פון דער אנארכיע, וואס הערשט אין די קאפיטאליסטישע לענדער, וואו די ווירטשאפט ווערט אנגעפירט ניט אין די אינטערעסן און נויטן פון דער באפעלקערונג, נאר לויטן איינזען און רווחים־זוכעריי פון די קאפיטאליסטן און אונטערנעמער? אז די דאזיקע אנארכיע פארשאפט א שטענדיקע ארמיי פון ארבעטסלאזע, דעקלאסירט די מיטל־שיכטן און ברענגט זיי צו פרנסה'לאזיקייט!? ווען אט דער „נארמאלער" פראצעס פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג טרעפט אז אויף ווירטשאפטלאך־שוואכערע עלעמענטן פון דער באפעלקערונג, וואס זיינען, צוליב היסטארישע אדער ווירטשאפטלאכע סיבות, געשטעלט געווארן אין אז ערגערער לאגע, ווי די אנדערע טיילן פון לאנד, — מאכט דער קאפיטאליזם אז צווישן די דאזיקע, שוואכערע עלעמענטן נאך א גרעסערן חורבן און ברענגט צווישן זיי צו א גרעסערער עמיגראציע־נויט און

צו א שטאַרקערער אויסוואַנדערונג. אָבער דער קאַפּיטאַליזם, אַלס ריין־ווירטשאַפטלאַכע סיסטעם, ווייס ניט פון קיין נאַציאָנאַלע, צי ראַסן־אונטערשידן און די עמיגראַציע־נויט פאַראורזאַכט ער — אפשר אין א פאַרשידענער גרויס — אָבער ביי אַ ל ע טיילן פון דער באַפעלקערונג. ריכטיק האָט באַמערקט ה' סטאַנטשיק אין זיין לעצטער רעדע אין לאַנדאַג, אַז „וואָלטן געווען (פאַרן קריג) לענדער אָן איינוואַנדערונגס־באַגרענצונגען, וואָלטן פרייוויליק עמיגרירט פון פוילן ניט נאָר יידן, נאָר אויך פּאָליאַקן, וואָס האָבן ניט געפונען אין לאַנד קיין באַשעפ־טיקונג און ניט געהאַט קיין געזיכערטע עקזיסטענץ־מיטלען".

ווען די אַנטיסעמיטן רעדן אָבער וועגן דער עמיגראַציע פון די יידישע מאַסן, ווען זיי ווילן זיי „עוואַקואירן", טראַכטן זיי, פאַרשטייט זיך, לגמרי ניט וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און אירע אומ־גליקן. די אַנטיסעמיטישע עלעמענטן געהערן דווקא צו די טרייסטע און פאַרברענטסטע אָנהענגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און זעען אין איר ניט איין קיין שום אומגליקן. זיי וואָלטן נאָר געוואָלט אַזוי קירעווען דעם ווירטשאַפטלאַכן לעבן, אַז דער קאַפּיטאַליזם מיט זיינע צרות זאָל זיך אָנזעצן דווקא אויף דער יידישער באַפעלקערונג, און טאַמער עפּנט שוין דער קאַפּיטאַליזם יאָ נייע ווירטשאַפטלאַכע, צי אַרבעטס־מעגלאַכקייטן אין לאַנד, זאָלן די יידן פון דעם אַמוויי־ניקסטן געניסן. אַזוי איז געווען, כידוע, די פּאָליטיק פון „אָזאָן" אין פוילן, וועלכער האָט גע'רודפ'ט די יידן אויפן ווירטשאַפטלאַכן געביט און האָט די ברענענדיקע אַגראַר־פּראָבלעם פון פוילן געוואָלט לעזן אויפן חשבון פון די יידן, פאַר וועלכע בעק מיט זיינע משרתים זיינען געלאָפן קיין זשענעוו זוכן טעריטאָריעס צום אויסוואַנדערן.

דאַרף מען נאָך איבער'חזר'ן, אַז די יידן וועלן אַזאַ שטאַנדפּונקט פון עפּעס א ספּעציעל־יידישער עמיגראַציע קיינמאָל ניט אָננעמען? דאַרף מען נאָך אונטערשטרייכן, אַז גלייכבאַרעכטיקונג, אמת'ע, ממשות'דיקע, ווירקלאַכע גלייכבאַרעכטיקונג אין קינפטיקן נייעם פוילן דאַרף באַדייטן, אַז די יידישע מאַסן האָבן פונקט אַזוי פיל רעכט אויסצולעבן זיך אין פוילן און אויך צו שיצן זיך קעגן דעם עמיגראַציע־דרוק, פונקט ווי די אַנדערע, ניט־יידישע טיילן פון לאַנד?

וואָס וועט זיין אויף מאָרגן נאָכן קריג?

מיר לעבן יעצט אין סאַמען קאַך און ברען פון קריג. קיינער קאָן ניט פאַרויסזען, ווען ער וועט זיך ענדיקן און וויפיל קרבנות די ליידנדיקע מענטשהייט וועט נאָך דאַרפן ברענגען, כדי צו באַפרייען זיך פונם קאַשמאַר פון היטלעראַ־פאַשיזם. קיינער קאָן אויך ניט פאַרויס־

זאגן, ווי אזוי עס וועט אויסזען דער „מאָרגן נאָכן קריג" אין פיל לענדער, און בתוכם אויך אין פוילן. מ׳ווייסט נאָר, אַז דער יעצטיקער, דער טאָטאַלער קריג האָט חרוב געמאַכט די א י נ ע ר ל א כ ע טיילן פון די אַנגעגריפענע לענדער ניט ווייניקער און אפשר פיל פיל מער פאַרן אייגנטלאַכן פראָנט. דער טאָטאַלער קריג האָט דאָך סוף־כל־סוף די באַטרעפנדע לענדער גופא פאַרוואַנדלט אין אַ פראָנט. מיר וועלן דעריבער האָבן נאָכן קריג אין אייראָפּע אונטערגעגאַנגענע שטעט און ישובים, חרוב געוואָרענע פאַבריקן און וואַרשטאַטן און פאַרוויסטע פעלדער, אין אַ מאָס, וואָס אייראָפּע האָט עס נאָך קיינמאָל ניט געזען און ניט געהאַט.

וועט דעריבער אין די דאָזיקע לענדער באַלד נאָכן קריג אַנטשטיין די פראַגע פון אויפבוי. פאַר פוילן, וואָס איז אַן אַגראַר־לאַנד מיט אַ גרויסן איבערפלוס פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, וועט אַנטשטיין די פראַגע פון אַגראַר־רעפאָרם און פון אינדוסטריאַליזאַציע. די פּוילישע מלוכה־מענער רעדן שוין וועגן אויסבויען נאָכן קריג נייע אינדוסטריען אין לאַנד און וועגן אויסברייטערן די אַלטע אינדוסטריען, דעם פאַרקערס־וועזן, דעם אינערלאַכן מאַרק, דעם עקספּאָרט נאָך אויסלאַנד א. א. וו. עס וועלן זיך אַלזאָ עפענען נייע אַרבעטס־מעגלאַכקייטן, נייע געביטן פאַר באַשעפטיקונג, פאַר אומשיכטונג א. ד. גל.

מ׳קאָן זיך אָבער פאָרשטעלן, אַז דער חורבן און די גוואַלטיקע נויט, וואָס די מלחמה האָט געבראַכט אין פוילן, וועט דאָרטן אַרויסרופן אויך אַן עמיגראַציע־דראַנג. מלחמות האָבן שטענדיק געבראַכט נאָך זיך אויסוואַנדערונגען פון טיילן פון דער געליטענער באַפעלקערונג אין אַנדערע, רואיקערע און ווירטשאַפטלאַך־שטאַרקערע לענדער. אַזוי איז געווען אין פוילן נאָכן קריג פון 1914-18, און אַזוי וועט אויך זיין — און אין אַ פיל גרעסערן מאַסשטאַב — נאָכן יעצטיקן קריג מיט זיינע אומגעהייערע פאַרוויסטונגען.

די קינפטיקע מלוכה־מאַכט אין פוילן וועט אַלזאָ האָבן צו טון מיט צווייערליי פראָצעסן: מיט אַ פּראָצעס פונם אויפבויען פון לאַנד, וועלכער וועט שאַפן נייע און גרויסע אַרבעטס־מעגלאַכקייטן און וועט אַזוי־אַרום מיטהעלפן צו פאַרהאַלטן די אַזוי פיל געליטענע באַפעלקערונג א י נ ם לאַנד און ניט לאָזן זי אויסוואַנדערן. פון דער אַנדערער זייט וועט דאָ געוויס ווירקן, ווי נאָך יעדן גרויסן אַדורכגעמאַכטן קאַטאַקליזם, אַ באַשטימטער דראַנג פון אויסוואַנדערונג צווישן דער באַפעלקערונג און באַמיאונגען צו זוכן אַרבעטס־ און באַשעפטיקונגס־מעגלאַכקייטן, מחוץ פוילן.

עס איז דאך אבער קלאר פאר אלעמען, אז די קינפטיקע רעגי־רונג פונם נייעם, ווידעראויפגעריכטן פוילן וועט זיך אריענטירן אויפן ע ר ש ט ן פּראָצעס און וועט טון אלץ, וואס עס וועט זיין אין אירע מעגלאכקייטן, כדי צו פארהאלטן די באפעלקערונג און כדי צו שאפן פאר איר געהעריקע עקזיסטענץ־מעגלאכקייטן. דרינגט פון דעם ארויס, אז דאס אלץ, וואס עס וועט געטון ווערן פאר פאליאקן, כדי איינצו־האלטן זיי אין לאנד, כדי צו שטארקן זיי עקאנאמיש, כדי אויפצוריכטן זייערע אלטע פאזיציעס אדער באשעפטיקן זיי אין די נייע אויפבוי־ארבעטן, — דארף אויך געטון ווערן פאר די יידן. צו קיין שום דיס־קרימינאציע־ארבעט בנוגע זיי אין די ניי־אנטשטאנענע ווירטשאפט־מעגלאכקייטן טאר ניט דערלאזן ווערן, ווארום אזא מין דיסקרימינא־ציע, ווי ס'איז פארשטענדלאך, שטייט אין א בולט'ער סתירה צו דעם פרינציפ פון אמת'ער גלייכבארעכטיקונג פון יידן.

מיר ווייסן וועגן דער אויסראטונגס־קאמפאניע פון די היטלע־ריסטן אינם אקופירטן פוילן, דאס צוזאמענשלעפן די יידן אין געטאס נאכן פארטרייבן זיי פון פיל שטעט און שטעטלאך, דאס באזייטיקן זיי דורכדעם פון א ריי זייערע ווירטשאפטלאכע פאזיציעס — דאס אלץ וועט זיכער גורם זיין צו א שטארקערער עמיגראציע־שטימונג צווישן די יידן, ווי צווישן דער ניט־יידישער באפעלקערונג אין פוילן. וועט אבער זיין די אויפגאבע פון דער קינפטיקער רעגירונג אין לאנד צו־רעכטצומאכן די אלע עוולות און שאדנס, וואס דער גרויזאמער אקופאנט האט פארשאפט די יידישע מאסן אין לאנד, צוריקצוגעבן זיי דעם קאנ־פיסקירטן און צוגערויבטן האב־און־גוטס, דערמעגלאכן זיי צוריקצו־קערן זיך פון די געטאס און זייערע פריערדיקע וואוין־ערטער, העלפן זיי דארטן אויפשטעלן זייערע חרוב'ע ווירטשאפטן און צוריק אריין אינם עקאנאמישן לעבן פון די באטרעפנדיקע געביטן. מיט איין ווארט, — די נייע רעגירונג אין לאנד וועט דארפן באזייטיקן די אלע סיבות, וואס האבן געבראכט צו א באזונדער גרויסער פארוויסטונג אינם יידישן לעבן אין לאנד און וואס קאנען אזוי־ארום זיין דער גורם פון א קאטאס־טראפאלער עמיגראציע־נויט צווישן דער יידישער באפעלקערונג. אויך פאליאקן זיינען דאך פארטריבן געווארן פון געוויסע געגנטן אין פוילן, ווי פון דעם אמאליקן פרייסישן „זאבאר", לאדזשער געגנט, דעם אזוי־גערופענעם „קארידאר" און אנדערע געביטן, וואס היטלער האט אנגעשלאסן צום „רייך". און אלץ, וואס עס וועט געטון ווערן, כדי צו היילן די וואונדן פון אט די פאליאקן, וואס האבן אדורכגעמאכט ספּעציעלע ליידן און צרות, דארף אויך געטון ווערן, כדי צו היילן די וואונדן פון דער יידישער באפעלקערונג פון לאנד, וועלכער ס'קומט

יעצט אויס אַדורכצוגיין אונטערן באַרבאַרישן, מערדערישן אָקופּאַנט באמת שבעה מדורי גיהנום.

מיר, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, שטייען, ווי באַקאַנט, אויפן שטאַנד־פּונקט פון שאַפן אַן אויטאָנאָמען זעלבסטשטענדיקן יידישן מלוכה־צענטער אין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער צענטער ווערט שוין יעצט גע־שאַפן און וועט שפּעטער, נאָכן קריג, נאָכמער אויסגעבויט און אויס־געברייטערט ווערן ביז צו זיין פולשטענדיקער רעאַליזירונג און פאַר־פולקאָמונג, דורך יידישע אַרבעטס־מענטשן, וואָס קאָנען זיך ניט אויס־לעבן אין די אַזוי־גערופענע „גלות"־באַדינגונגען, דאָס הייסט אין די לעבנס־באַדינגונגען פון אַ צווייטער און צעשפּרייטער נאַציאָנאַ־לער מינדערהייט, וואָס אין די לענדער פון רעאַקציע און פאַשיזם ווערט זי פיזיש אויסגעראָטן און ביסלאַכווייז פּאַרטיליקט און אין די לענ־דער פון אמת'ער פרייהייט און דעמאָקראַטיע דראָט איר אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג. מיר באַטראַכטן אָט דעם דאָזיקן, שוין זיך שאַפנדיקן פרייען יידישן אַרבעטס־צענטער אין ארץ־ישראל, אַלס די בעסטע, און אין נאַציאָנאַלער הינזיכט זיכערסטע, אַלס די אי ד ע־אַ ל ס ט ע פאָרם פון יידישן לעבן און נאַציאָנאַל־יידישער עקזיסטענץ און זי וועלן מיר בויען מיט אַלע אונזערע כוחות און ענערגיע.

אָבער דאָס הייסט ניט, אַז מיר זאָגן זיך אָפּ פון איינהאַלטן, אָדער אַז מיר ווילן דערלויבן צו פּאַרטיליקן, די יידישע ישובים אין די לענדער, וואו זיי עקזיסטירן זייט דורות און וואו זיי האָבן אַ באַדן פאַר ווייטערדיקער עקזיסטענץ און אויך פאַר אַ געוויסער נאַציאָנאַ־לער אַנטוויקלונג. די ווידעראויפריכטונג פונם זעלבסטשטענדיקן פּוילן אין 1918 האָט לגמרי ניט באַדייט אַז עקזאָדוס פון די מיליאָנען פּאָ־ליאַקן פון די פּוילישע ישובים אין אַמעריקע, רוסלאַנד, דייטשלאַנד, צי ליטע. און אוודאי האָבן זיי ניט געוואונטשן, אַז מען זאָל, מיט צוואַנג, מיט דיסקרימינאַציע, גזירות און רדיפות, נויטן זיי אויסצו־וואַנדערן אין זייער זעלבסטשטענדיק געוואָרענעם היימלאַנד.

דאָס זעלבסטשטענדיקע פּוילן איז געוואָרן פאַר די פּוילישע מינ־דערהייטן אַ מעכטיקער, אומדערשעפּלאַכער מקור, פונוואַנען זיי קאָנען ציען כסדר די גייסטיקע יניקה און מוט פאַר איינהאַלטן זייער קיום, אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די שאַפונג פון זעלבסטשטענדיקן יידישן צענטער אין ארץ־ישראל, פונם יידן־שטאַט, וועט אוועקשטעלן די אי־בעריקע יידישע ישובים אין דער זעלבער לאַגע פון צווייטע מיעוטים לגבי איין געזונטן נאַציאָנאַלן צענטער, אין וועלכן עס געפינען זיך

די צעזייטע פּוילישע מיעוטים לגבי דעם זעלבסטשטענדיקן פּוילן. דאָס שאַפן דעם יידן־שטאַט אין ארץ־ישראל דאַרף אַלזאָ מיט גאַרנישט אַנרירן דעם פּאָליטישן סטאַטוס און די מעגלאַכקייטן פון די יידן אין אַנדערע לענדער און בתוכם אויך אין פּוילן — פּונקט ווי דאָס זעלבסט־שטענדיק געוואָרענע פּוילן האָט ניט פאַראורזאַכט קיין פּאַרלעצונג פון די רעכט און פון די פּאָזיציעס פון די פּאָליאַקן מחוץ פּוילן.

די עמיגראַציע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, די ע ל י ה פון די יידי־שע מאַסן קיין ארץ־ישראל, וועלכע בילדעט אוים דעם יידן־שטאַט, איז, פאַרשטייט זיך, נאָר אַן א י נ ע ר ל א כ ע יידישע פראַגע, וועלכע דאַרף ניט אָנגיין קיין שום אויסערלאַכע און געווים ניט, יידן־פיינטלאַכע פאַקטאָרן. מיט דער דאָזיקער עליה האָבן זיי גאַרניט וואָס צו פאַרבינדן און אויף איר האָבן זיי נישט וואָס צו בויען, וואָרום זי געהערט צום זעלבן פּראָצעס פונם נאַציאָנאַלן קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין אויפהאַלטונג, ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און באַ־פרייאונג, צו וועלכן עס געהערט דער קאַמף פון די פּוילישע יידן קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַר ווירקלאַכער און ממשות׳־דיקער גלייכבאַרעכטיקונג.

די יידישע מאַסן אין פּוילן האָבן קיינמאָל ניט געפאָדערט און פאָדערן אויך יעצט ניט באַזונדערע רעכט און פּריווילעגיעס. זיי האָבן נאָר געוואָלט און ווילן אויך יעצט, אַז זיי זאָלן באַהאַנדלט ווערן פּונקט אַזוי, ווי עס ווערן באַהאַנדלט די איבעריקע טיילן פון דער באַפעל־קערונג. אינם קינפטיקן פּוילן, וואָס וועט, ווי מיר און ווי די גאַנצע וועלט האָפט, זיין באמת אַ ניי פּוילן, סיי לויט איר מלוכה־אָרדנונג און דער עיקר, לויט דער באַציאונג צו אַלע אירע בירגער און צו זייערע נויטן און פאָדערונגען, — דאַרפן די יידן געניסן פון גלייכע רעכט, ווי פּאָליאַקן, ד. ה. פאַר די יידן דאַרף געטון און געזאָרגט ווערן, ווי פאַר אַלעמען אין לאַנד, — ניט מער, א ב ע ר א ו י ך נ י ט ו ו י י־נ י ק ע ר.

פאַרוואָס שווייגט מען?

פון
ל. שטשופּאַקעוויטש

יעדן פרימאָרגן, ווען מיר לייענען אין דער יידישער פּרעסע די טרויעריקע רובריקן „יידישע נייעס”, ווערט צעריסן דאָס האַרץ פון ווייטיק איבערן גורל פון די מיליאָנען ברידער אונזערע אונטער דער הערשאַפט פון די היטלער־גזלנים. די ידיעות, וואָס זיינען אָבער דערהאַלטן געוואָרן פון פּוילן אין די לעצטע וואָכן, מאַכן פּשוט פאַרגלי־ווערן דאָס בלוט אין די אָדערן, לאָזן אונז נישט רוען, פאָדערן פון אונז דרינגענד אַן ענטפער.

אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער אָפיציעלער טערקישער טעלעגראַפן־אַגענטור האָט באַזוכט די וואַרשעווער געטאָ און ער האָט באַריכטעט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין געטאָ, וואָס עס שטייגט אַריבער אַלץ, וואָס איז ביז איצט באַריכטעט געוואָרן. ער שרייבט, אַז די יידן קומען אום פון הונגער און ענגשאַפט, פון אומסאַניטאַרע באַדינגונ־גען און פון אַלגעמיינע נאַצישע פאַרפאָלגונגען. דער קאָרעספּאָנדענט גיט צו, אַז אין אַלע זיינע רייזעס איבער דער מלחמה־צעשטערטער איי־ראָפּע, האָט ער נישט געזען אַזאַ האַרצרייסנדיקע עלנט, ווי ער האָט געטראָפן אין דער וואַרשעווער יידישער געטאָ. אָט זיינען אַ פּאָר שוידערלאַכע ציפערן וועגן מורא׳דיקן וואוקס פון דער שטערבלאַכ־קייט: אין אַפּריל זיינען געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ 2438 פּערזאָן; אין מאַי — 4881; אין יוני — 6000. אין די דריי חדשים זיינען געשטאָרבן 13,319 פּערזאָן. געבוירן זיינען געוואָרן במשך די דריי חדשים 1208, דער עודף פון די געשטאָרבענע איבער ניי־געבוי־רענע באַטרעפט 12,111. אין נאָרמאַלע צייטן פלעגן שטאַרבן פון 12 ביז 14 פּערזאָן אַ טאָג. דאָס וואָלט געהייסן פון 13 ביז 14 הונדערט פּערזאָן פאַר די דריי חדשים, און איצט איז די שטערבלאַכקייט גע־ווען: אין אַפּריל 75 אַ טאָג, אין מאַי איבער 150 און אין יוני דער־גרייכט ער שוין צו 200 אַ טאָג, ד. ה. מיט 12 טויזנט געשטאָרבענע מער אין דריי חדשים.

פאַר דער מלחמה האָבן געוואוינט אין גאַנץ וואַרשע בערך 330 טויזנט יידן, און היינט לעבן אין געטאָ, אויפן אָרט, וואו ס׳האָבן פריער געוואוינט 200 טויזנט — 500 טויזנט יידן. 30 פּראָצענט הייזער זיינען בעת דער מלחמה אין וואַרשע פאַרניכטעט געוואָרן; די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג וואוינט היינט אין 1440 הייזער, נאָענט

צו 350 פערזאָן אין אַ הויז. לויט דער פאָלקסציילונג אין 1931, האָבן געוואוינט אין וואַרשע 1,179,000 פערזאָן אין 24,800 הייזער, ד. ה. בערך 50 פערזאָן אין אַ הויז, וואָס מיינט, אַז די יידישע באַפעלקע־רונג אין וואַרשעווער געטאָ איז 7 מאָל געדיכטער באַוואוינט, ווי פאַר דער מלחמה. נאָך פיל ערגער זיינען די וואוינונגס־באַדינגונגען אין לאָדזש, לובלין און אין אַנדערע קלענערע געטאָ־שטעט.

צענדליקער טויזנטער היימלאָזע, צווישן זיי טויזנטער קינדער, וואוינען אין באַראַקן, וואו זיי האָבן נאָר שלאָף־פּלעצער. אַ גאַנצן טאָג מוזן זיי זיך וואַלגערן אויף דער גאַס. ווינטער וועט מען אין אַזעלכע באַראַקן איינגאַנצן געפרוירן ווערן.

ביי אַ האַלבן מיליאָן קינדער ביזן עלטער פון 16 יאָר ליידן אין פּוילן גיהנום־יסורים פון אונטערדערנערונג; נאָר אין וואַרשעווער געטאָ איז פאַראַן 70 טויזנט קינדער.

אין די זומער־חדשים איז געווען אַ כוואַליע פון קראַנקע אויף שווינדזוכט און פלעקן־טיפוס. אַלע שפּיטעלער אין דעם יידישן געטאָ זיינען געווען געפּאַקט. 22 פּראָצענט פון אַלע דערוואַקסענע קראַנקע און 24 פּראָצענט פון קראַנקע קינדער און יוגנטלאַכע זיינען געשטאָרבן אין די שפּיטעלער, ד. ה. יעדער פערטער קראַנקער אין שפּיטאָל איז געשטאָרבן. אַ דייטשע מעדיצינישע קאָנטראָל, וועלכע האָט קוואַליפיצירט יידישע מענער צו צוואַנגס־אַרבעט, האָט פעסט־געשטעלט, אַז קרוב 50 פּראָצענט מענער אין אַרבעטס־עלטער זיי־נען אומפעיאיק צו פיזישער אַרבעט.

די יידישע פירער אין שווייץ האָבן דערהאַלטן האַרצרייסנדע אַפּילס פון פּוילישע יידן, אַז הונדערטער טויזנטער יידן אין די געטאָס וועלן שטאַרבן פון הונגער, אויב מען וועט נישט אָננעמען דרינגענד קיין מיטלען זיי צו העלפן. אין די זומער־מאָנאַטן קריגט מען נאָך אַביסל גרינס און פרוכט, אָבער מיטן אָנקומען פון ווינטער, ווען קיין פרוכט און גרינס וועלן מער נישט זיין, דראָט אַ געפאַר, אַז הונדערטער טויזנטער זאָלן בוכשטעבלאָך אויסשטאַרבן פון הונגער.

די צאָל יידן אין געטאָ ווערט כסדר פאַרגרעסערט מיט נייע צענדליקער טויזנטער היימלאָזע. די נאַצים טראַנספּערירן מיט גע־וואַלט די יידישע באַפעלקערונג פון אַ סך שטעט און וואַרפן זיי אַריין אין די פון פריער איבערפולטע געטאָס.

אַלע שפּייז־זאַפּאַסן אין געטאָ האָבן זיך אויסגעלאָזט. די פּרייזן אין יידישן געטאָ זיינען געוואַלטיק געשטיגן, ווייל מען לאָזט נישט

צו קיין אריינפיר פון שפייז אין יידישן געטא. די געלט־פאנדן ביי די קהילות האבן זיך אויסגעשעפט דורך די שווערע געלט־קאנטריבוציעס, וואס די דייטשע מאכט האט אויף זיי ארויפגעלייגט. עס דראט הונגער־טויט.

די נאציישע פירער זאגן אפן: מיר ווילן די יידן אויסראטן מיטן ווארצל, זיי ווילן פארשווינדן אדאנק הונגער און נויט. די פאליאקן ווילן אונז דאנקבאר זיין דערפאר, וואס מיר האבן זיי באפרייט פון די יידן.

די נאציישע „קראקאוער צייטונג" שרייבט: דער יידישער בית־עולם אין ווארשע איז איבערפולט, ער קען מער קיין מתים נישט אריינעמען. די נאציישע מאכט האט דעריבער באשלאסן איינצוארדנען אין דער ווארשעווער געטא א קרעמאטאריום, וואו מען וועט די יידישע טויטע קערפערס פארברענען, ווי אין די קאנצענטראציע־לאגערן.

אין די צענדליקער און הונדערטער בריוו, וועלכע ווערן דערהאלטן פון קרובים, פריינט און באקאנטע, איז דא איין אינהאלט: מיר גייען אוים פון הונגער, די קראנקע שטארבן אוים אין די שפיטעלער, נישטא קיין מילך, נישטא קיין צוקער און נישטא קיין רפואות; ראטעוועט אונז פון הונגער־טויט, שיקט אונז שפייז, צוקער, מילך. לאזט אונז נישט אויסגיין. די שפייז־פארציעס פאר יידן זיינען איין פערטל פון די, וואס די דייטשן אין פוילן באקומען; איין העלפט פון דעם, וואס די פאליאקן באקומען. דייטשן באקומען 240 גראם א טאג, פאליאקן — 120, יידן — 60, ד. ה. 1 פונט ברויט אויף 7 טעג. פאר ארייננשמוגלען שפייז א חוץ די נארמעס אין יידישן געטא פאראורטיילט מען צו טויט־שטראף. דאס פארקלענערן די פארציעס פאר יידן איז מיט א בפירוש'ער כוונה צו פארניכטן די יידישע באפעלקערונג. אויב דער מצב זאל אזוי דויערן, און די מלחמה זאל זיך פארציען, וועט היגטער די מויערן פון די געטאס אויסשטארבן די יידישע באפעלקערונג פון פוילן.

צי קענען מיר שוויגן איבער דעם אלעמען, צי קענען מיר זיין גלייכגילטיק איבער דעם גוראנגאל פון לעבן און טויט פונם 3־מיליאניקן יידישן קיבוץ, צי קען מען רואיק און שטילשווייגנד איבערלאזן זייערע לעבנס און זייער גורל אין די הענט פון די גרויזאמע היטלער־מערדער?

200 א טאָג, 6,000 טויטע אַ חודש, נאָר אין וואַרשעווער געטאָ. — לאָמיר זיך פֿאַרשטעלן דעם שוידערלאַכן בילד פֿון אַט די ציפֿער. 200 יידן שטאַרבן אויס יעדן טאָג. נישט אין אַ קאַמף אויפֿן שלאַכט־פֿעלד, נישט געטראָפֿן פֿון אַ באָמבע, פֿון אַ שראַפּנעל, נאָר ביסלאַכ־ווייז. יעדן טאָג אַ טריט נענטער צום טויט, יעדע שעה גייען אויס ביסלאַכווייז די כוחות. דאָס לעבן פֿון די מענטשן ווערט אַזוי־אַרום פּאַמעלאַך, לאַנגזאַם אויסגעלאָשן. צי קען מען זיך פֿאַרשטעלן די טראַגישע לאַגע פֿאַר די נאָך לעבן־געבליבענע?

הונגער, שמוץ, קראַנקהייט, אין די פֿינצטערע געטאָס, מיט די גע־לע לאַטעס, הינטער די אָפּגעשלאָסענע טויערן — איז דער שיקזאַל פֿון אונזערע מיליאָנען אומגליקלאַכע ברידער. צי קענען מיר, צי מעגן מיר דאָ זיין רואיק, ווען אונזערע ברידער ראַנגלען זיך פֿאַר אַן אונץ ברויט, פֿאַר אַ לעפֿעלע מילך פֿאַר די קראַנקע קינדער? וואו איז דאָס גרויסע געשריי, וואָס זאָל אויפֿשטורמען די וועלט, וואָס זאָל אויפֿרייסן די הער־צער, וואָס זאָל אויפֿוועקן די מענטשן מיט אַ מענטשלאַכן פֿונק אין האַרצן, צו רעטונג, צו גרויסער הילף? וואו זיינען די דעמאָקראַטי־שע פֿעלקער, פֿאַרוואָס שווייגן זיי און זעען גלייכגילטיק צו די אויסראָ־טונג פֿון אַ פֿיל־מיליאָניקן יידישן קבוץ?

איז דאָך אַפּילו אין צייטן פֿון בלוטיקע מלחמות אויך פֿאַראַן געזעצן, וועלכע צוימען און רעגולירן דעם בלוטיקן קאַמף, עס זיינען דאָך דאָ געזעצן, וואָס אָרדענען, ווי זיך אויפֿצופֿירן מיט געפֿאַנגענע, וואָס באַגרעניצן דעם שונא זיך צו איזדעקעווען אַפּילו אויף די, וועל־כע האָבן נעכטן מיט ביקס אין האַנט געקעמפֿט קעגן אים. צי וואָלט דאָס ענגלישע פֿאָלק דערלאָזט, אַז אירע קריגס־געפֿאַנגענע זאָלן אומ־געבראַכט ווערן דורך הונגער? פֿאַרוואָס הויבן מיר נישט אויף קיין שטורם־פּראָטעסט, קעגן באַשטימען די טויט־פּאַרציעס פֿון 1 פֿונט ברויט אַ וואָך פֿאַר מיליאָנען יידן אין פּוילישן געטאָ?

פֿאַרוואָס לאָזן מיר אין אַזאַ הפֿקר־צושטאַנד אונזערע מיליאָנען ברידער? פֿאַרוואָס זיינען מיר אַזוי שטיל? פֿאַרוואָס פֿאָדערן מיר נישט פֿון די דעמאָקראַטישע מלוכות אַ קעגן־אַקציע? פֿאַרוואָס שטורמען מיר נישט די וועלט, די, וואָס האָבן נאָך האַרץ און גע־וויסן, אַז זיי זאָלן דערהערן אונזער שטים פֿון ווייטיק און צער, זאָלן דערהערן די שטים פֿון בלוט און טרערן, פֿון אונזערע צענדליקער טויזנטער געפּייניקטע מאַרטירער אין די געטאָס און אין די תפֿיסות?

ליידער, הערשט דאָ, אין דער יידישער געזעלשאַפֿט אין אַמעריקע, צופֿיל זעלישע רו און זעלבסטצופֿרידנקייט, ס׳איז נישטאָ קיין סימן

פון אויפברויז, פון שטורם און צארן קעגן די בלוטיקע מערדער פון אונזערע אומגליקלאכע ברידער, די יידישע אמעריקע, ליידער, רעאגירט נישט געהויג אויף דעם גרויסן פאלקס־אומגליק. די רואיקע שטילקייט דא איז ממש ביז צו פארצווייפלען. די הילף, וואס ווערט געגעבן פאר די יידן אין פוילישן געטא, איז שרעקלאך ווייניק, ס׳איז ממש לעכערלאך. עס איז אויך נישט צו באגרייפן די אידילישע רואיקייט פון דעם יידישן ציבור אין אמעריקע, אויף דער נייער כוואליע פון יידן־רדיפות אין פארשידענע אייראפעאישע לענדער.

וואו איז געווען דער מעכטיקער פראטעסט קעגן די בלוט־ און מארד־אנפאלן פון די רומענישע רוצחים, מאדיארישע מערדער, פון די פארקויפטע היטלער־קנעכט אין סלאוואקיע, קראאטיע, פראנקרייך א. אנד.? פארוואס האט מען נישט געבראכט צום אויסדרוק אונזער שארפסטן פראטעסט און צארן קעגן דער גרויזאמער שחיטה אויף די 500 יידן אין יאסי? קעגן די אומ׳ברחמנות׳דיקע רדיפות, וואס אונגארן פירט לעצטנס דורך אויף די יידן? זיינען דאך אין וואשינגטאן פאראן אמבאסאדעס און קאנסולן פון די בלוטיקע רוצחי׳שע רעגירונגען; א פראטעסט־שטורם אין אמעריקע וואלט אפשר געצוימט די ווילדקייטן פון די אויסוואורפן אויף ווייטער!

אין דעם רעאקציאנערן, האלב־פאשיסטישן פוילן פלעגט דאס פוילישע יידנטום רעאגירן, פראטעסטירן, רופן פראטעסט־פארזאמלונגען, פראטעסט־שטרייקן קעגן רדיפות, טראץ אלע סכנות, מיט וועלכע אזעלכע אקציעס זיינען געווען פארבונדן. פארוואס רעאגירט נישט דער יידישער קיבוץ אין דער פרייער אמעריקע אויף די שוידערלאכע רציחות? דאס אריבערגיין איבער אט־די אלע שוידערלאכע בלוט־טאטן מיט שטילשווייגן שאפט דאך ביי די רוצחים אן איינדרוק, אז ס׳איז אין ארדנונג, אז קיינער באטראכט גארנישט זייערע בארבארישע טאטן פאר קיין פארברעכן. דאס אמעריקאנער יידנטום איז דאך איצט דער איינציקער פאליטישער אמבאסאדאר פון יידישן פאלק, פארוואס שווייגט ער?

מען האט געדארפט אויפקלערן די רעגירונגען אין וואשינגטאן און אין לאנדאן, אז דא האנדלט זיך וועגן א קלארן פארניכטונגס־ציל כלפי דעם יידישן פאלק, וועמען היטלער־באנדיטן האבן אויסגעווילט פארן ערשטן קרבן. מען דארף פון זיי פאדערן, נישט צו לאזן אויף הפקר, שוצלאז די אומגליקלאכע יידישן מאסן.

צו קיין שום אנדער פאלק אין אלע דורכן דייטש אקופירטע טעריטאריעס באציען זיך נישט אזוי אכזריות׳דיק די היטלער־באנ־

דעס, ווי צום יידישן. די יידן מוזן דעריבער באַקומען ספּעציעלע הילף, די רעגירונגען מוזן פון זייערע מיטלען געבן די הילף פאַר דער רעטונגס־אַקציע. דער אַמעריקאַנער „רויטער קרייץ" דאַרף באַזאָרגן מילך און פעטס פאַרן האַלבן מיליאָן קינדער און יוגנטלאַכע, רפואות פאַר די קראַנקע, דערגענצונגס־שפּייז פאַר די דערוואַקסענע, ווייל מיט 1 פונט טרוקן ברויט אַ וואָך וועלן די מענטשן נישט אויסהאַלטן.

און מיר! מיר אַליין מוזן מאַכן ריזיקע אָנשטרענגונגען, מיר מוזן ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר דער פיזישער רעטונג פון אונזערע מיליאָנען ברידער אין אייראָפּע. מיר לעבן דאָך אין אַ צייט, ווען פון יעדן פאָלק ווערן געפאָדערט גרויסע אָנשטרענגונגען און מאָביליזאַציע פון מאַקסימום־מיטלען. דאָס יידישע פאָלק האָט אַמערסטן געליטן פון קריג, דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון אייראָפּעאישן יידנטום איז צערויבט און פאַרניכטעט געוואָרן, זיין כוח איז צעבראָכן געוואָרן. ס'איז געבליבן כמעט נאָר דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, וועלכעס קען, דאַרף מוז מיט אַלע כוחות ראַטעווען דאָס מיט בלוט אָפּגייענדיקע יידישע פאָלק פון אייראָפּע.

ביז גאָר טראַגיש־שמערצלאַך איז דער פאַקט, וואָס אין אַטדער טראַגישער לאַגע האָבן אַ רייע יחידים און אינסטיטוציעס ביי אונז באַטראַכט דאָס שיקן אַ שפּייז־פּעקל צו ראַטעווען אַ יידישע פאַמיליע פון הונגער־טויט — פאַר אַ פאַרברעכן, ווייל דאָס קען זיין אַ שטערונג פאַר דער ענגלישער בלאָקאַדע־פּאָליטיק. זיי האָבן לגמרי פאַרגעסן, אַז דאָס יידישע מאַסן־אויסשטאַרבן פון הונגער איז דער גרעסטער טריאומף פון די היטלער־באַנדיטן, ווייל יידן זיינען זייער שונא נומער איינס. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע הילף איז אַ פראַגע פון ראַטעווען דאָס לעבן פון צענדליקער, הונדערטער טויזנטער יידן, וועלכע ראַנגלען זיך אויפן שוועל פון אומקום.

מיר קענען און טאָרן בשום אופן נישט מסכים זיין צו קיין געזעץ, וועלכער וועט אוועקנעמען אַ מעגלאַכקייט פון רעטונג פון הונגער־טויט פאַר טויזנטער יידן. ס'איז נישטאָ קיין מאָראַלישער יסוד, פאַר אַזאַ אוממאָראַלישן געזעץ.

מען דאַרף אויך געדיינקען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דער פאַרניכטונג פונם קעמפערישן, שעפערישן, נאַציאָנאַל־פּאָלבלוטיקן פּוילישן יידנטום, וועלכעס איז געווען דער חוט השדרה פון גאַנצן יידישן פאָלק, וועלכעס האָט — טראָץ זיין ביטער־שווערע לאַגע, טראָץ די

גזירות און פאַרפאַלגונגען מצד די אַנטיסעמיטישע פּוילישע רעגירונגען — ניט געבויגן דעם קאָפּ, ניט אויפגעגעבן זיין קאַמף פאַר זיינע פּאָליטישע און בירגערלאַכע רעכט, שטאַלץ געטראָגן די פאָן פון קאַמף פאַר יידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג, געפירט גלייכצייטיק דעם קאַמף פאַר רעכט און דעמאָקראַטיע אין לאַנד און דערצויגן אַ וואונדערבאַרע אַרמיי פון צענדליקער טויזנטער חלוצים, אויף אויפצובויען אַ יידיש היימלאַנד פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. און אויך היינט, טראָץ די שווידערלאַכע געטאָ־באַדינגונגען, האָט עס ניט רעזיגנירט פון קאַמף, זיך ניט מייאש געווען פון דער האָפנונג אויף באַפרייונג און דערלייזונג.

אויך היינט ווערט דאָרט געפירט אַ גרויסע אונטערערדישע אַרבעט, אַ גרויסע ציוניסטישע דערציערישע אַרבעט. די חלוצישע באַוועגונג, די פּאַרטיי־יוגנט און אַנדערע יוגנט־באַוועגונגען פירן אַן אַ זייער אינטענסיווע, לעבעדיקע אַרבעט. די חלוצישע באַוועגונג פירט אויך אַ גרויסע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. דאָס פּוילישע יידנטום איז גייסטיק און מאָראַליש נישט געבראָכן, נאָר דער הונגער קען אים חלילה ברעכן. מיר טאָרן דערצו נישט דערלאָזן, מיר מוזן זיי ראַטעווען.

די פּועלי ציון - צעירי ציון - פּאַרטיי אין אַמעריקע, די פּאַרטיי פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, די פּאַרטיי פון קאַמף פאַר יידישע פרייהייט און יידישע דערלייזונג אין גאַר דער וועלט, דאַרף זיין די ערשטע אָנצופירן די גרויסע, הייליקע רעטונגס־אַרבעט. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, דער אַרבעטער־קאָמיטעט דאַרפן רופן און מאָביליזירן די יידישע אַמעריקע, אַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן, צו גרויסע מעשים, צו וואַכזאַמקייט און קאַמף. די טויזנטער פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע דאַרפן די ערשטע געבן זייער גרויסע הילף פאַר די אומגליקלאַכע ברידער זייערע. אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע דאַרף דערמעגלאַכן אונזערע חברים - מאַרטירער אין פּוילן פאַרצוזעצן זייער גרויסע העראָישע מסירת־נפש׳דיקע אַרבעט. די לײדער זייער, זייער באַשײדענע הילף. וואָס דאָס אַמעריקאַנער יידנטום גיט, דורך דעם „דזשאָינט”, פאַר דער יידישער געטאָ אין פּוילן, דאַרף צענפאַכיק פאַרגרעסערט ווערן! נישט מיט קיין קלײנע נדבות קען מען איצט ראַטעווען די יידן אין היטלער־גיהנום. ס׳זיינען נויטיק גרויסע, באַדייטנדע באַשטייערונגען פון אַלע

יידן אין אַמעריקע. עס האַנדלט זיך דאָך וועגן פּקוח נפשות פון אַ פאָלק, פון מיליאָנען יידן. מען מוז באַגרייפן די גרויסע טראַגעדיע, כדי צו וויסן, וואָס זיינען די פליכטן פון דער יידישער אַמעריקע אין דער איצטיקער טראַגישער שעה.

קיינמאָל האָט נאָך די אומנאָרמאַלע לאַגע פון יידישן פאָלק נישט אָנגענומען אַזאַ שרעקלאַך טראַגישן אויסזען, ווי אין די צוויי בלוטיקע קריגס־יאָרן. קיינמאָל האָט דאָס יידישע אומגליק נישט אָנגענומען אַזאַ שוידערלאַך־בלוטיקן כאַראַקטער, אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, ווי איצט. מיר קענען און טאָרן נישט זיצן איצט מיט פאַרלייגטע הענט, וואַרטן אויף נסים, וואַרטן ביז אַנדערע וועלן די יידן אויסלייזן, ביז אַנדערע וועלן זיי העלפן, מיר מוזן אַליין זיין די שטורמער, די וועקער און מאָנער, אַליין פאָדערן און אַליין געבן די גרעסטע, מאַקסימאַלסטע פינאַנסיעלע און פּאָליטישע הילף פאַרן גרויסן אומגליקלאַכן יידישן צבור אין פוילן און אין גאַנץ אייראָפּע.

„בונד" אויף עמיגראַציע

פון
ל. שפּיזמאַן

.1

לאַצקי־בערטאָלדי דערציילט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען (זע „ערדגייסט")‏, אַז אין 1904 האָט ער געפירט אַ געשפּרעך מיט אַ בונדישן טוער וועגן קאַמף, וואָס דער „בונד" פירט קעגן גערעדנק וועגן אַ טעריטאָריע פאַר יידן. אין ברען פון וויכוח האָט אים דער אַנגעזעענער בונדיסט דערקלערט: „ווען איר וועט אפילו האָבן אַ מיליאָן יידן אויף אייער טעריטאָריע, וועט איר אין דער „אַרבעטער־שטימע" (דער דעמאָלסדיקער בונדישער צענטראַל־אָרגאַן) וועגן דעם ניט געפינען קיין איין וואָרט".

זייט דאַן זיינען שוין פיל וואַסערן אַפּגעלאָפן. די בונדיסטן האָבן געבראָכן זייער וואָרט. ווען קיין ארץ־ישראל האָבן אָנגעהויבן אַריינ־קומען די ערשטע פּיאָנערן־גרופּעו, האָט די בונדישע פּרעסע אָנגע־הויבן קלאַפּן טרעוואָגע, אָנגעבנדיק כל־ערליי, זיך סותר־זייענדיקע, אַרגומענטן, פאַרוואָס ציוניזם טראָגט מיט זיך אַזוי פיל סכנות און געפאַרן פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט, ווי פאַר אַלע אַנדערע טיילן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע. (מיטן וואָרט „יידיש פאָלק" האָט מען זיך דאַן געשעמט צו באַנוצן. דאָס וואָרט אַליין האָט שוין גע־שמעקט מיט מטמא זיין זיך און זינדיקן מיט ציוניסטישער קראָמאָלע). ווען ארץ־ישראל האָט געהאַט די ערשטע 50,000 יידן, איז דער ציוניזם געוואָרן פאַרשריגן אַלס די גרעסטע געפאַר, ממש דאָס פּוס־בענקעלע פאַרן צאַריזם, און מ'האָט געצויגן אַ דיאַלעקטיש־ אויס־גע'מוח'טן פאַרבינדונגס־שטריך צווישן דער רוסישער שוואַרצער מאה און די... ציוניסטן (זע גענויער ביי סירקינ'ען). וואָס מער יידן ס'זיינען אַריינגעקומען קיין ארץ־ישראל — אַלץ פאַרביסענער איז געוואָרן דער קאַמף, אַלץ מער איז געוואָרן געגרויבט די גייסטיקע רו ביי דער „פאַר־טיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט". און נאָך שפּעטער האָט זיך אָנגע־הויבן די רעוויזיע ביי דער גרויסער אַמעריקאַנער־יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און פיל הונדערטער און טויזנטער דערצויגענע אין דער בונדישער שול האָבן זיך פאַרבונדן מיט הארץ און מוח מיט דער ארץ־ישראל'דיקער הסתדרות און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די בונדישע געטער־דעמערונג, אַ צוזאַמענברוך פון אַ שיטה, אַ דאָגמע, כמעט אַ

רעליגיע פון „רעוואָלוציאָנערן“ פּאַטאַליזם. אָבער די געטריי־געבלי־בענע אַנטי־ציוניסטישע מאָהיקאַנער פירן ווייטער דעם קאַמף און לאָזן זיך יעדן טאָג צאַפּן דאָס בלוט דורך כשר־רעוואָלוציאָנערע זנאַכערס, צי האָט זיך אַמאָל אַהין נישט פאַר׳גנב׳עט אַ ציוניסטישער סימפּטאָם, און פּייניקן זייער האַרץ, וואָס בענקט נאָך פול־בלוטיקער יידישקייט דורך אייז־קאַלטע סגופים פון „מאַרקסיסטישע“ טובלי שחרית.

אָ, אָרעמע בונדישע צדיקים! ווער ס׳איז אייך מקנא, זאָל גע־שטראָפט ווערן אויך צו טראָגן אויף זיך דעם שווערן עול פון אַרכי־רעוואָלוציאָנערער אויסגעהאַלטנקייט אין הפקר׳דיקן אַמעריקע, וואו עס לויערן אַזוי פיל נסיונות אין שטורם־ און קריגס־יאָר 1941, און זיך קענען מתיחד זיין אין רעוו. גן־עדן מיט די פּראָקלאַמאַציע־שרייבער פון 1904.

* * *

„בעת מיר האַלטן, אַז די אַזוי־גערופענע „יידנפראַגע“ דאַרף און קאָן געלעזט ווערן נאָר אויפן אָרט דורך אַ געמיינזאַמען קאַמף־פראָנט פון די יידישע און ניט־יידישע פאָלקס־מאַסן, זעען אַנדערע פּאַרטייען און גרופּירונגען אויף דער יידישער גאַס, בתוכם די „פּראָלעטאַריש“־ציוניס־טישע, די רעטונג פון יידישן פאָלק אין אַרויספירן אים פון „גלות“, אין עמיגראַציע, עוואַקואַציע א. אַ. וו. צי דאַרפן מיר די דאָזיקע שטעלונג אונ־זערע ענדערן? באין אופן ניט! דאָס איז פאַר אונז אַן „אייביקער אמת“.

(נח אין „אונזער צייט“ נ. 1 ז. 5.)

„אַ חוץ די פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פּאָליטישער אָרגאַ־ניזאַציע פון אייראָפּע און מיט די גאַראַנטיעס פון די יידישע רעכט, קען אויפקומען אויך די פראַגע וועגן דער יידישער מאַסן־עמיגראַציע. מיר האָבן קיינמאָל ניט געזען אין דער עמיגראַציע אַ לעזונג פון דער יידישער פראַגע און זיינען אין אונזער מיינונג פעסטער, ווי ווען ניט איז. אָבער עס איז מעגלאַך, אַז דער לאַנגער קריג וועט שטאַרק רואי־נירן אייראָפּע און וועט אַרויסרופן, בפרט ביי יידן, אַלס שטאָטישע איינ־וואוינער, אַ שטאַרקן אויסוואַנדערונגס־שטראָם. מיין פריינט, דער זשע־נעווער פּראָפעסאָר ל. הערש, האָט שוין אַוועקגעשטעלט קורץ פאַר דער מלחמה די פראַגע וועגן דעם, צי איז ניט מעגלאַך אַ „פּלאַנירונג“ פון דער יידישער עמיגראַציע, וואָס איז אַ געשיכטלאַכער פאַקט. אויב מ׳זאָל האַלטן, אַז אַזוינס איז מעגלאַך, טאָ דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז אָן פּלאַנמעסיקער רעגולירונג פון דער יידישער מאַסן־אויסוואַנדערונג וועט מען די דאָזיקע האַרבע פראַגע ניט קענען צוועקמעסיק לעזן. און די דאָזיקע לעזונג וועט דאַריבער מוזן ווערן באַטראַכט און באַהאַנדלט ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעם.

„דאָס אַלץ וועט זיין אַ וויכטיקע אויפגאַבע ניט נאָר פאַר די רעגירונגען, און ניט נאָר פאַר די סאָצ. פּאַרטייען (און געווערקשאַפטן), נאָר אויך פאַר די ייד. פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, און פריער פאַר אַלץ פאַר דער גרעסטער און פאַראַנטוואָרטלאַכסטער פון זיי — דעם „בונד“.

(ר. אַבראַמאָוויטש, מערץ 1940 — ציטירט לויט בן־אדיר׳ס „פאַרן געשיכטלאַכן יום־הדין“, פּאַריז 1940.)

דער דאָזיקער ציטאַטן־שפּיגל באַווייזט קלאָר די אידעאָלאָגישע פאַרווירונג, וואָס הערשט אין די רייען פון „בונד“. פון איין זייט

דאָס עקשנות׳דיקע קלאַמערן זיך פון פּוילישן „בונד״ אין דער אַלטער איינשטעלונג פון פאַרלייקענען דעם אינסטרומענטאַלן כוח פון יידישער עמיגראַציע אין אונזער מאָדערנער געשיכטע, און פון דער צווייטער זייט דער פאָרשלאַג, אַז דער „בונד״ זאָל זיך שטעלן בראָש פון אַ באַוועגונג, וואָס זאָל מיטהעלפן פּלאַנמעסיק רעגולירן די יידישע מאַסן־אויסוואַנדערונג.

די מיינונג פון אַבראַמאָוויטש און ליבמאַן איז נישט קיין פאַר־איינזאַמטע אין „בונד״. שוין ניט צו רעדן וועגן די אַמעריקאַנער „בונדיסטן״, וואָס זיינען זינדיק און פול ווי אַ מילגרוים מיט יידיש־קייט און נאַציאָנאַליזם, זעען מיר אויך, ווי אַזאַ ערנסטער פּובליציסט און וויסנשאַפטלער ווי אַ. מענעס זוכט נייע וועגן, כדי אַרויס־צוקריכן פון בונדישן ענגן ווינקל.

מענעס ווייזט אַן מיט רעכט אין זיין אַרטיקל „וואָס וועט זיין מיט אונז יידן?״ („וועקער״, יוני 1941), אַז „אין סוף פון אַפריקן און אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט איז די עמיגראַציע אין אַמעריקע פון אַלע (?) יידישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטלאַכע באַוועגונגען באַ־האַנדלט געוואָרן ווי אַ שטיף־קינד. טיילווייז האָט מען אפילו דעם מאַסן־שטראָם, וואָס האָט אַריבערגעבראַכט אַ 3־4 מיליאָן יידן פון אייראָפּע קיין אַמעריקע, באַטראַכט ווי אַ נישט־געוואונטשענע דער־שיינונג. היינט איז אונז זיך שווער פאָרצושטעלן דאָס יידישע לעבן אָן דעם מעכטיקן יידישן קבוץ אין אַמעריקע. עס איז געוויס ניט קיין איבערטרייבונג, ווען מיר זאָגן, אַז דער אויפקום פון די נייע יידישע מאַסן־ישובים אין דער נייער וועלט איז געווען די באַ־דייטנדסטע געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע פון לעצטן יאָרהונדערט״.

נח טענה׳ט, אַז מ׳דאַרף גאָרניט ענדערן, מען טאָר ניט רעווידירן די „אייביקע אמת׳ן״ (זייט ווען זיינען עס 44 יאָר — אַזוי לאַנג עק־זיסטירט דער „בונד״ — אַן אייביקייט?). אָבער מענעס דערקלערט פּונקט פאַרקערט, אַז „יידישע סאָציאַליסטן קענען היינט מער ניט טראַכטן אין טערמינען, וואָס זיינען געווען נאַטירלאַך און פאַרשטענד־לאַך מיט יאָרן צוריק״. ער דערערדט זיך צו אַ געדאַנק, וואָס וועט זיכער אַרויסרופן הייליקן צאָרן ביי פיל פּוילישע בונדיסטן, אַז „די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע האָט אין אַ באַדייטנדער מאָס אָפּגעשוואַכט די פריערדיקע קלאַסן־ליניעס און מיר זיינען היינט געצוואונגען זיך צו שטעלן ברייטערע אויפגאַבן״.

אין אַן אַרטיקל אין „צוקונפט״ (מאַי 1939) „יידן מוזן בלייבן אויף די ערטער״, גיט צביון אַ היתר די דייטשע יידן, אַז זיי מעגן יאָ

זיך אויסדרייען מיטן רוקן צום קלוגעטשקן לאזונג „יידן מוזן בלייבן אויף די ערטער" און ער דערקלערט: „כ'גלויב, אז עס זיינען ניטא קיין מיינונגס־פארשידנהייטן אין דעם, אז מען מוז העלפן די יידן פון דייטשלאנד געפינען א פלאץ וואו זיך צו באזעצן. די דעבאטע, צי יידן דארפן אויסקעמפן זייער רעכט אין די לענדער, וואו זיי לעבן, אדער זיי דארפן קוקן אויף זיך, ווי אויף צייטווייליקע געסט און זיין שטענדיק גרייט אין וועג, קען צו די דייטשע יידן ניט אנגע־ווענדעט ווערן. די דייטשע יידן האבן ניט קיין ברירה, זיי מוזן זוכן א פלאץ, וואו זיך צו באזעצן".

ילמדנו רבנו, מיט וואס זיינען די יידן אין פוילן היינט אין א בעסערער לאגע, ווי די יידן אין דייטשלאנד פארן אויסברוך פון קריג? פארקערט, זיי זענען אין א פיל ערגערער לאגע. צום אומגליק פון היטלער־הערשאפט איז צוגעקומען דער קריג מיט זיינע גרויליקע שרעקן. מען דארף ווירקלאך האבן פארלוירן דעם לעצטן פונק פון שכל און לאגיק, כדי צו ראטן די יידן פון פוילן, זיי זאלן בלייבן טריי די „אייביקע אמת'ן" און פאלגן דער פארטיי, וואס פארטרעט „די גרעסטע מערהייט פון יידישן פאלק" און דווקא ניט עמיגרירן. און ס'איז שווער צו געפינען א פאסיקן אויסדרוק פאר דער משונה'דיקער דער־קלערונג פון ח' נח, אז זיי — די פוילישע יידן — האבן אים טאקע געפאלגט און געבליבן אויף די ערטער. און וואס איז מיט די הונ־דערטער טויזנטער יידן, וואס זיינען אנטלאפן קיין רוסלאנד? און וואס איז מיט די טויזנטער ארגאניזירטע ארבעטער, מיטגלידער אין בונדישע פראפעסיאנעלע פאריינען, וואס האבן אפגעשלאגן די טירן פון ארבעטס־עמיגראציע־ביורא א. אנד. בונדישע אינסטיטוציעס, מ'זאל זיי מיטהעלפן ארויסעמיגרירן פון פוילן נאך פאר דער מלחמה? מיר האבן עפעס ניט געהערט, אז מ'זאל די דאזיקע פאטענציעלע „ציוניסטן" האבן אויסגעשלאסן פון „בונד" און פון זיינע פראפ. פאריינען.

גאנץ יידיש אייראפע איז יעצט אין דער זעלבער לאגע, ווי דייטשלאנד. וואס פסק'ענען די פירער פון פוילישן „בונד"? מעגן זיי עמיגרירן (אויב זיי קענען נאך), אדער זאלן זיי בלייבן טריי די „אייביקע אמת'ן"?

און ווי שטארק ס'וועט זיין דער יידישער עמיגראציע־שטראם נאך דער מלחמה פון דייטשלאנד, ווי פוילן, פון פראנקרייך, ווי רומעניע — וועגן דעם האט זיך שוין אבראמאוויטש ארויסגעזאגט. אויך מענעס מיינט, אז „מען קען רעכענען, אז אויך נאך דער מלחמה וועט די עמיגראציע שפילן א באדייטנדע ראל אין לעבן פון די יידישע קבוצים אין אייראפע" („וועקער", אויגוסט 1941, „פאלק און לאנד"). ווי

לאנג רעכענען נאָך אַלזאָ די בונדיסטן פון פוילן צו באַהאַלטן זייער קאָפּ אין זאַמד און ניט קוקן דער ווירקלאַכקייט אין די אויגן אַריין? איר זאָגט דאָך, אַז „מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן ביי פאַרגליווערטע פאָרמולעס, און אוודאי טאָרן מיר נישט בלייבן פאַרשטיינערט איצט". אדרבא, מיטן רעכטן פוס, אין אַ מזל'דיקער שעה, זאָל מען הערן פריילאַכע בשורות ביי יידן אין אַזעלכע טויט־טרויעריקע טעג — אויב יעצט וועט אייער גליווער נישט צעגיין אין דער קאָכיקער לאַווע פון דער שטורמישער צייט — ווען־זשע?

* * *

פאַרן קריג פלעגן מיר אָפּטמאָל הערן די באַשולדיקונג, אַז די ציוניסטישע אַגיטאַציע פאַר עמיגראַציע (דאָס איז חריפות'דיק־דיאַלעקטיש און מאַרקסיסטיש, אַז די עמיגראַציע פון יידן אין פוילן איז געקומען דורך אונזער אַגיטאַציע. וואָלטן מיר נישט אַגיטירט, וואָלט די עמיגראַציע ניט עקזיסטירט) גיסט וואַסער אויף די רעדער פון אַנטיסעמיטיזם און שוואַכט אָפּ דעם קאַמף פון די יידישע מאַסן פאַר זייערע בירגערלאַכער גלייכבאַרעכטיקונג.

ווי די געשיכטע חזר'ט זיך איבער! אָט ענלאַכע טענה האָבן אַרויסגערוקט די יידישע פני אין 1882 נאָכן אויסברוך פון דער פּאָגראָמכוואַליע אין 1881, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע יידישע עמיגראַציע־באַוועגונג קיין אַמעריקע און אין אַ באַדייטנד קלענערער מאָס קיין ארץ־ישראל. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פעטערבורגער יידישע פני (אין אַפּריל 1882) מיט דעלעגאַטן פון פּראָווינצער קהילות, איז אונטערן דרוק פון באַראָן גינזבורג, דעם אייזנבאַן־פינאַנסיסט ש. פּאָליאַקאָוו א. אַ. געוואָרן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: „לחלוטין אָפּוואַרפן דעם געדאַנק וועגן אָרגאַניזירן אַן עמיגראַציע, ווייל דאָס שטייט אין סתירה צו דער ווערדע פון דער רוסישער מלוכה און די היסטאָרישדערוואָרבענע רעכט פון יידן אויף זייער איצטיקן פאָטערלאַנד".

איר דאַרפט נאָר בייטן דאָס וואָרט „רוסישע" אויף „פוילישע" און איר וועט האָבן פאַר זיך אַ „מאַרקסיסטיש"־באַגרינדעטע בונדישע רעזאָלוציע פון בעסטן סאָרט. צווישן די פּראָטעסט־ראַבינער, די פּראָטעסט־פילאַנטראָפּן און די פּראָטעסט־בונדיסטן ציען זיך, ווייזט אויס, עפּעס געהיימע פעדעם פון סימפּאַטיע און אַלע באַשולדיקן זיי אונז אין אַגיטאַציע. אַך, די דאָזיקע קראַמאַלע! ווען מען קען אָפּהאַקן דעם קאָפּ דער ציוניסטישער אַגיטאַציע, וואָלטן דאָך די יידישע מאַסן גע־

פאָלגט די פּאָליאַקאָוו'ס און די נח'ס און, זיך פאַרבאַריקאַדירנדיק אין די עפּוש־קעלערן פון סמאַטשע און באַלוט, געזונגען די שענסטע סע־רענאַדעס אונטער די אַסימילאַטאָריש־בונדישע פענצטער: „דאַ גע־בוירן — דאָ וועלן מיר שטאַרבן".

אַמאָל האָט מען אונז פאַר'מסר'ט פאַר דער צאַרישער אַדמיני־סטראַציע, היינט גיט מען אונז איבער אין די הענט פון דער פּוילישער מלוכה־פּראָקוראַטור... ערליך האָט אונז געזעצט אויף דער באַשולדי־קונגס־באַנק אַלס פאַרבינדעטע פון די אַנטיסעמיטן (זע זיין וויכוח מיט דובנאָוו אין „צוקונפט", אָקטאָבער 1938) און אין מעמאָראַנדום צו דער פּוילישער גלות־רעגירונג איבערגעגעבן דורכן צ.־ק. „בונד" אין אַפּריל 1940 — אַ מעמאָראַנדום, וואו דער „אינטערנאַציאָנאַל" ווערט געזונגען מיטן ניגון פון „מה יפית", ווערפט מען אונז פאָר, אַז מיר... זיינען ניט לאָיאַל צו דער פּוילישער מלוכה! ס'איז אַ וואונדער, וואָס די אַמעריקאַנער יידישע עפנטלעכקייט האָט זיך ווייניק אָפּגעשטעלט אויפן דאָזיקן ערגלאַזן דאָקומענט. דער „בונד", ווערט דאָרט געזאָגט, איז דער איינציקער כוח (אונ־טערגעשטראָכן אין מעמאָראַנדום), וועלכער האָט אין פּוילן אויפגע־הויבן די פאָן פון קאַמף קעגן דער אָקופּאַציע. עס קומט אויס, אַז די אַנדערע יידישע פּאַרטייען ווייזן אָדער ניט אַרויס צום דאָזיקן קאַמף קיין אינטערעס, אָדער האָבן זיי אפשר גאָר אינגאַנצן פאַרראַטן. עס ווערן אפילו ניט דערמאָנט די אַנדערע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען: מיר און די לינקע פּועלי־ציון (הגם מיט די לעצטע זיצט מען צוזאַמען אין אַרבעטער־קאָמיטעט און אַהין קומען ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון לינקע פּ.־צ.־חברים אין פּוילן). ביי אַנדערע געלעגנהייטן האָט מען פאַרעפנטלעכט דערקלערונגען, וואָס מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער „בונד" איז געווען דער איינציקער יידישער כוח, וואָס האָט מיט־געהאָלפן ביי דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע...

דער מעמאָראַנדום שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן דעם פּאַט־ריאָטיזם פון די ציוניסטישע פּאַרטייען אין פּוילן. „מיר, די גרעסטע יידישע פּאַרטיי", זיינען די איינציקע, וועלכע בינדן צעגויף, אַז וועלכע ניט איז באַוואַרענישן, אונזער גאַנצע טעטיקייט אין קאַמף מיט פּוילן און נאָר מיט פּוילן". ווען מיר וואָלטן זיך באַנוצט מיט בונדישע דיווערסיע־מעטאָדן, וואָלטן מיר געקאָנט שווערן, אַז דער מעמאָראַנ־דום איז געוואָרן אָנגעשריבן אויף אַ באַשטעלונג פון פּוילישע אַנטי־סעמיטן. אין אים ווערן באַשולדיקט די יידישע מאַסן, וואָס זיינען ניט בונדיסטיש (און זיי בילדן אַ 90 פּראָצענט, אויב ניט טאַקע די גאַנצע

95 פראצענט פון יידן אין פוילן), אז זיי זיינען ניט פאטריאטיש, זיי האבן ניט געהאלפן פארטיידיקן ווארשע, זיי פירן ניט דעם קאמף קעגן אקופאנט אין באזעצטן פוילן און זיי ביינדן ניט צענויף זייער טעטיקייט און קאמף מיט פוילן.

ווער גיסט וואסער אויף די רעדער פון אנטיסעמיטיזם? די ציוניסטן אדער זיי, די היפער־פאטריאטן? דאס אונטערשטרייכן עטלאכע מאל אין מעמאראנדום, אז זיי — די בונדיסטן זיינען די איינציקע, וועלכע באטראכטן פוילן אלס זייער א יי נ צ י ק ע היים, ווייזט אן קלאר — אז גייען יענע, וואס האבן צוויי אדער מער היימען — פוילן, א"י, אמעריקע. הערט איר ניט אין דאזיקן דאקומענט, געשריבן אין פויליש, אן אפקלאנג פון ריינעם דייטש, מיט וועלכע די אסימילאטארן האבן געשריבן זייערע פאמפלעטן קעגן די ציוניסטן אין אמאליקן דייטשלאנד?

הערצל האט געשטורעמט קעגן די „מאושעלס", וואס באשולדיקן די ציוניסטן, אז זיי זיינען יידישע אנטיסעמיטן, און אט שטייען זיי פאר אונז, די בונדישע מאושעלס פון פוילן אין זייער גאנצער נאקעטקייט.

מאדנע, ווי די געשיכטע חזר'ט זיך איבער. אמאל חזר'ט זי זיך איבער אלס א פארס, אמאל אלס א טראגעדיע. צו וועלכן סארט געהערט די בונדישע איבער'חזר'ונג פון די אמאליקע „מאושעל"־ארגומענטן — איז שווער צו זאגן. גיכער איז עס א געמיש פוןביידע. א טראגי־פארס פון אונזער קרום־שפיגלדיקער יידישער ווירקלאכקייט.

.2

ווען איר פארגלייכט אמאל די בונדישע פרעסע פון פארשידענע יארן — דאכט זיך אייך, אז ווען איר וואלט ארייגעפאלן אין א חוני המעגל־שלאף און זיך אויפגעכאפט מיט 40 יאר שפעטער — וואלט איר גארניט האבן פארשפעטיקט (אויב דאן וואלט נאך דער „בונד" עקזיסטירט); דארט האלט מען ערשט ביי אדם הראשון. די אולטרא־רעוואלוציאנערן באוועגן זיך מיט דער שנעלקייט פון א שילדקרעט. זייער געדאנק איז בליי, שווערוואגיק, פארשלעפערט, דער דיאמעטראלער קעגנזאץ פון טעמפא.

זייט דער גרינדונג פון „בונד" — אין 1897 — גייט אן א דיסקוסיע, צי מעגן זיך בונדיסטן פון פוילן און רוסלאנד פאראייניקן מיט בונדיסטן, וואס האבן אויסגעוואנדערט — טראץ דעם פארבאט פון „בונד" — קיין ענגלאנד, אמעריקע, אין איין וועלט־ארגאניזאציע. ווי

איבעראַשט בין איך געוואָרן, אַז כ'האָב געטראָפן די דיסקוסיע אין 1902, אין 1910, אין 1916 (אַרטיקל פון מיכאַלעוויטש אין וואַרשעווער „אונזער צייט") און אין... 1941. פאָט דערלויבט זיך אַז אפּיקורסות און לייגט פאָר, אַז דער „בונד" זאָל „זאָרגן" ניט פאַר 3 מיליאָן יידן, נאָר פאַר 7 מיליאָן, ד. ה. פאַר די יידן אין מזרח־אייראָפּע („אונזער צייט", אויגוסט 1941). מענעס גייט נאָך ווייטער און לייגט פאָר זאָרגן פאַר 9 מיליאָן (אויך פאַר די יידן אין מערב־אייראָפּע). אַבי מען זאָגט, אַז די וועלט גייט ניט פאָרויס.

אויך י ו ס ף ק י ס מ אַ ן (פון רומעניע) געהערט צו די אַפּיקורסים און ער קריטיקירט די טעריטאָריאַלע באַגרענעצטקייט פון „בונד" אין פּוילן („וועקער", אַפּריל 1941). די פּוילישע בונדיסטן, קומענדיק קיין אַמעריקע, וועלן, זאָגט ער, האָבן טענות, פאַרוואָס מ'האָט זיי געלערנט צו ווייניק געאָגראַפיע. דער ווייט־בליקנדער מענעס רעדט קלאָרע דיבורים אויך אין דער פראַגע: „דער קאַמף פאַר לעבן און יידישע רעכט מוז געפירט ווערן אין אַ וועלט־פאַרנעם" און ער לייגט פאָר, אַז „די יידישע סאָציאַליסטן פון אייראָפּע און אַמעריקע זאָלן זיך זעצן ביי איין טיש און צוזאַמען באַטראַכטן אַלע פראַגן אין שייכות מיט דער ווידער־אויפבויאונג פון יידישן לעבן נאָך דער מלחמה" („וועקער", יוני 1941).

אָבער די דעה האָבן ניט מענעס, קיסמאַן און אַנד. בונדיסטן, וואָס זיינען אַרויס לתרבות רעה. די דעה האָבן די פּוילישע בונדיסטן, און דער יעצטיקער מבול פון בלוט און טרערן איז נאָך אַלץ ניט מסוגל צו רירן אַפילו איין טשוואָק אויפן וואַנט אין דער בונדישער איינגעפונדעוועטער בעל־הבית'ישקייט. דאַרט מוז אַלץ הענגען ווי געווען. אַז מענטשן זאָרגן אַזוי פיל פאַר זכרונות, מוזעאומס און געשיכטע־וואַטע — איז דאָך ניט שייך...

אַביסל איז מען דאָך געגאַנגען פאָרויס. פון מעדעמ'ס אַמאָליקער באַהויפּטונג, אַז דער עצם געדאַנק וועגן אַן אַלוועלטלאַכער יידישער נאַציע איז אומגעלומפּערט און רעאַקציאָנער — ביז אַבראַמאָוויטש און מענעס — איז פאַלג מיך אַ גאַנג. אָבער אין „בונד" איז שטענדיק געווען צעקריגט די טעאָריע מיט דער פּראַקטיק. דער פאַרשטאָרבענער כמורנער האָט זיך דאַרויף זייער שטאַרק געקלאָגט, און ס'קען טרעפן, אַז אין דער טעאָריע האַלט מען שוין ביי אַ יידישער נאַציע און אין דער פּראַקטיק קוקט מען יעדע רגע אין שפּיגל, צי די פּראָלעטאַרישע באַקן זיינען גענוג בלאַס און עס מיניעט זיך ניט אַמאָל די טריף־פּסול'ע געזונטע נאַציאָנאַלע פאַרב אין זיי.

געוויסע בונדיסטן גייען נאָך ווייטער. ניט נאָר זיינען יידן אַ נאַציע, נאָר אַ וועלט־פאָלק. מיט שיער־ניט אתה בחרתנו־אַטריבוטן, אַן אור לגוים, דער זויער־טייג פון דער וועלט. מיר זיינען די טרעגער פון אַ וועלט־מיסיע א. אַז. וו. און די דאָזיקע בונדיסטן (פון טיפּ טרונק, איינהאָרן) ציטערן און פלאַטערן, טאָמער וועלן יידן, באַקומענדיק אַן אייגענע טעריטאָריע, ווערן אויס לונאַטיקער מיט וועלט־מיסיע־חלומות און ווערן אַ פּשוט פאָלק פון שעפסן־פּיטערער, ערד־אַרבעטער און לאַקאָמאָטיוו־פירער. „אונזער יידישער מהות איז וועלט־געשיכטע — טענה׳ט טרונק — מיר מוזן זיין אַ באַדייטנדיק וועלט־פאָלק. אַזוי האָט בלוטיק באַשטימט אונזער שיקזאַל. אין דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון אונזער לעבנס־ליניע מוזן מיר זיין ד אָ ס פ אָ ל ק פ ו ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם (י. טרונק, „סאָציאַליסטישע אימפּרעסיעס״).

אויך דער פּראַקטיקער עמנואל נאָוואָגרודזקי, וואָס ווייכט פון דיכטערישע וויזיעס ווי טרונק, איינהאָרן, באַקעמפט די ציוניסטן מיטן אַרגומענט, אַז דערפאַר זיינען יידן געבליבן אַ פאָלק און ניט אונטער־געגאַנגען, ווייל... זיי האָבן פאַרלוירן ארץ־ישראל („אונזער צייט״, יוני 1941). ס׳איז יידן געשען אַ נס, וואָס גאָט האָט זיי צעשפּרייט צווישן די אומות. אַן אַלטער אַרגומענט פון די דייטש־יידישע מי־סיאָן־טרעגער און ער קלינגט זייער עקזאָטיש אין מויל פון אַ בונ־דיסטישן היסטאָרישן מאַטעריאַליסט.

דער רעגנבויגן פון בונדישע בליקן אויפן מהות פון יידישער נאַציע איז שוין צו פאַרשידנאַרטיק און שרעקלאַך ווייט פון ערדישער פּשוט׳קייט ווי פון לאָגישן שכל הישר. איין עקסטרעם האָט מורא צו שאַפן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג אפילו מיט... בונדיסטן פון אַנדערע לענדער, ווייל דאָס שמעקט מיט אַנערקענונג פון אַ יידישן וועלט־אינ־טערעס; דער צווייטער עקסטרעם מאַכט פון גאַנצן פאָלק סאָציאַ־ליסטן, ניט נאָר פון פּראָלעטאַריער (פרומע מאַרקסיסטן דאַרפן דאָ אויסשפּייען 3 מאָל) און מאַכן פון אונז אַ וועלט־פאָלק, וואָס דאַרף טראָגן אויף זיך אייביק דעם קרייץ פון וועלט־גאולה. אַ מין סאָציאַ־ליסטישער „גוי קדוש״. דער געמיינזאַמער שטריך פון די ערד־ און הימל־בונדיסטן, פון די בונדישע פּראַקטיקער און דיכטער־וויזיאָנערן איז דאָס רעאַקציאָנערע שלום־מאַכן מיט דער ווירקלאַכקייט, דאָס מורא־האָבן פאַר ראַדיקאַלע ענדערונגען, דאָס קוקן אויף דער יידישער פאָלקס־מאַסע אַלס אָביעקט פון די וועלט־געשעענישן אַנשטאָט אַלס סוביעקט, אַלס דער רעוואָלוציאָנערער צעשטערער און בויער אין זיין אייגענעם ווירקונגס־שטח, ביי זיין אייגענעם פאָלק.

ערליך האָט געלייקנט אין זיין וויכוח מיט דובנאָוו'ן דעם לעצטנס באַשולדיקונג, אַז דער „בונד" באַטראַכט זיך ניט אַלס טייל פון יידישן פאָלק, נאָר פאַר אַ טייל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער דובנאָוו'ס פראַגע, פאַרוואָס פאַרייניקט זיך ניט דער „בונד" מיט אַלע דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אונזער וועלט־פאָלק, פאַרוואָס פאַר'משפט ער זיך אויף זעלבסט־איזאָלאַציע — די פראַגע איז געבליבן אָן אַ תשובה.

אין ליכט פון די יעצטיקע קריגס־געשעענישן ווערט די פראַגע נאָך דראַסטישער. דאָס ניט וועלן זיך באַטייליקן אין דעמאָקראַטישע יידישע וועלט־אָרגאַנען און גלייכצייטיק פאַלן כורעים צו דער אַנטי־סעמיטישער מערהייט פון יעצט פאַנאַנדערגעלאָזענעם פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט און איר פאַרוואַרפן מיט ביטעם ווען אַריינלאָזן אים אַהין — איז דער הויך־פּונקט פון בונדישן מה־יפית, איז אַן אַטעסטאַט פון שווינדזיכטיקייט פון געדאַנק, די פילאָזאָפיע פון גייסטיקער אָרעמקייט. די שטאָלצע פּאַרטיידיקער פון נאַציאָנאַלן כבוד וועלן זיך נאָך אַריינ־כאַפּן אויף דער קומענדיקער שלום־קאָנפערענץ ערגעץ דורך אַ הינ־טער־טיר מיטן חסד פון דער פּוילישער דעלעגאַציע. זייט גרייט דערצו. וואָס טוט מען נישט פאַרן זיג פון די „אייביקע אמת'ן"?

.3

„אויף די פעלדער פון שפּאַניע ווערט אויסגעפאָכטן דער מאָרגן פון דער יידישער מאַסע" (מענדעלסאָן אין „אונזער צייט", יולי־נומער). אָט אין דעם גייט עס טאַקע. דאָס איז אַן אָפּקלאַנג פון דער אַלטער בונדישער פאָרמולירונג, אַז די יידן זיינען דאָס אויל אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע. ווי וואָלטן געקוקט דייטשע אַרבעטער, ווען זיי וואָלטן געהערט, ווי מען פּרעדיקט צו זיי, אַז זייער מאָרגן ווערט אויסגעפאָכטן אויף די פעלדער פון כינע — ניט אויף די פעלדער פון דייטשלאַנד? אוודאי זיינען אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן גע־קניפּט און געבונדן און די גאַנצע וועלט איז איין שלאַכטפעלד אין קאַמף פאַר פרייהייט, אָבער אויפן דאָזיקן שלאַכטפעלד מוז יעדער אַפּשניט ווערן פּאַרטיידיקט דורך אָרטיקע קעמפער און ס'מוז ווערן געשאָסן מיט קוילן, ניט מיט ברכות און סימפּאַטיע־דערקלערונגען צו די קעמפער אין צווייטן עק וועלט. ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס דער יידישער קעמפנדיקער אַנטייל אין יעצטיקן אַנטי־היטלער־קריג וועט זיין פאַרזאַניפיצירט פאַר די קומענדיקע דורות דורכן אַנטייל פון די א"י'דיקע יינגע יידן אין די בריטישע קאַמף־פאָרמאַציעס. דער

אנטייל פון יידן אין פארשידענע ארמייען וועט ווערן פארגעסן, ער וועט אלנפאלס ניט ווערן דיסקאנטירט אין דער געהעריקער מאס ביי די שלום־פארהאנדלונגען. אפילו די אמת'ע און אביסל אויספאנטאזירטע בונדישע פראקלאמאציעס אין ווארשעווער געטא וועלן זיין לייכט ווי שפינוועבס אויף דער וואג פון וועלט־געשיכטע. 10,000 קעמפנדיקע יידן אין א״י איז דער קלארסטער באווייז, אז דא און בעיקר ד א ווערט „אויסגעפאכטן דער מארגן פון דער יידישער גאס״.

איז דערפאר געווען טאפלט שמערצלאך דער פאקט, אז יידישע ארבעטער אין — דערוויל ניט אין מלחמה אריינגעטראטענעם — אמעריקע האבן ניט באגריסט די קעמפנדיקע יידישע מיליטער־גרופן אין ארץ־ישראל און ניט געשטארקט די הענט פון האלב־מיליאניקן ישוב, וואס שטייט אין פייער־פראנט פון קאמף.

דער „ארבעטער־רינג״ וועט זיך נאך אמאל שעמען פארן דאזיקן מאמענט פון שוואכקייט און מוטלאזיקייט אין זיין געשיכטע און ער וועט קוקן מיט פאראכטונג אויף די פוילישע בונדיסטן, וואס האבן א וואגיקן חלק אין דער דאזיקער חרפה. א״י'דיקע ארבעטער זיינען דאך ניט קיין בינעזער, פאר וועמען מ'האט זיך געריסן דעם יאשטשיק אין ווארשעווער ליטעראטן־פאריין, מ'זאל זיי איבערשיקן א דערמוטי־קונגס־רעזאלוציע. זיי זיינען דאך קוים ציוניסטן — „פארבינדעטע״ פון די אנטיסעמיטן...

ציוניזם קעגן ציוניזם. זיי האבן ניט פארגעסן זייער טעמפע שנאת ציון אפילו יעצט אונטערן קנאל פון הארמאטן.

ווי זאגט פרץ:

„די קארנדלאך צו הויך, די יידעלאך צו קליין,
„האבן זיי ניט געקענט דערלאנגען.״

אך, די קלייניקע יידעלאך!

4.

עס בלייבט נאך קלאר צו מאכן נאך א פראגע. וועמען רעפרע־זענטירט אייגנטלאך דער פוילישער „בונד״? אין מעמאראנדום צו דער פוילישער רעגירונג ווערט געזאגט: „מיר רעדן אין נאמען פון דער מ ע ר ה י י ט פון דער יידישער באפעלקערונג פון לאנד, וויל אין איר נאמען — ווי ס'האבן ארויסגעוויזן די לעצטע שטאטראט־וואלן — האבן נ א ר מ י ר דאס רעכט צו רעדן״.

מיטן עסן וואקסט דער אפעטיט, זאגט דער פראנצויז. אנגע־הויבן האט דער „בונד״ אלס פארטיי פון יידישן פראלעטאריאט, שפעטער איז ער געווארן זיין „איינציקער פארשטייער״, הארט פארן קריגס־אויסברוך אונטערן איינדרוק פון זיין זיג ביי די שטאטראט־וואלן האט ער זיך אנגעהויבן טיטולירן „גרעסטע יידישע פארטיי״ און קומענדיק קיין אמעריקע, האט ער זיך מתקנא געווען אין די בלאף־מעטאדן פון געוויסע פאליטישנס און ער רעדט שוין ניט מער און ניט ווייניקער אין נאמען פון דער מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג פון פוילן!

איז טאקע כדאי פעסטצושטעלן, ווי האלט עס מיט דער דאזיקער „מערהייט״. ביי די ערשטע וואל־קאמפאניעס צום פוילישן סיים, וואס זיינען פארגעקומען אויפן גרונט פון א דעמאקראטישער וואל־ארדינאַ־ציע (1919־1922) האט דער „בונד״ באקומען קרוב 80,000 שטי־מען. די אנדערע יידישע פארטייען — קרוב 500,000 שטימען. דער „בונד״ האט געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונגען, אבער ער האט ניט דורכגעפירט קיין איין מאנדאט. ניט בעסער איז געווען דער רעזולטאט אין די שפעטערע וואל־קאמפאניעס צום סיים.

דער רעזולטאט פון די שטאטראט־וואלן אין 1939 איז צוצו־שרייבן א רייע סיבות: 1) דער וואל־אקט איז געווארן באטראכט פון דער יידישער באפעלקערונג ווי א דעמאנסטראציע קעגן פארהאסטן סאנאציע־רעזשים. די יידישע באפעלקערונג האט אין איר גרויסער מערהייט געשטימט פאר די ליסטעס פון די לינקע פארטייען. וואלט געגאנגען צו די וואלן א קאמוניסטישע ליסטע — וואלט זי ביי די דעמאגאגישע פארהעלטנישן זיכער אפגעצויגן א זייער גרויסן טייל פון די שטימען, וואס זיינען געפאלן פארן „בונד״. 2) געזיגט האט ניט איין פארטיי — דער „בונד״, נאר פאקטיש א בלאק פון 3 פארטייען: „בונד״, לינקע פ.־צ. און יידישע קאמוניסטן (די לעצטע האבן, ניט האבנדיק קיין אייגענע ליסטע, געפירט א שארפע וואל־אגיטאציע פארן זיג פון דער איינציקער ארבעטער־ליסטע. 3) די וואל־ארדי־נאציע איז געווען אן אנטי־דעמאקראטישע און זי האט געגעבן פרע־מיעס די ליסטעס, וואס האבן געצויגן א גרעסערע צאל שטימען. צענער טויזנטער יידישע שטימען, וואס זיינען געפאלן אויף אנדערע יידישע פארטייען, זיינען געווארן צוגערעכנט פאר די ליסטעס פון סאנאציע, ענדעציע א. א. וו. דער וואל־רעזולטאט גיט ניט אלזא קיין פולע אפשפיגלונג פון די פ א ק ט י ש ע כוחות־פארהעלטנישן אויף דער יידישער גאס.

ביי די וואַלן אין מזרח־ און מערב־גאַליציע האָט דער „בונד" געהאַט, מיט געוויסע אויסנאַמען, אַ דורכפאַל. דעם דאָזיקן פאַקט מאַכן זיך שטענדיק פאַרגעסן די בונדישע סטאַטיסטיקער.

ביי די שטאָטראַט־וואַלן אין 1934 האָט דער „בונד" ניט באַקו־מען אפילו קיין 10 פּראָצענט פון די יידישע שטימען.

די וואַלן צו די יידישע קהילות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין 1936 (אויך דאַן האָבן די „רויטע" געשטיצט דעם „בונד") האָבן דעם „בונד" געגעבן פון 10 ביז 20 פּראָצענט פון די שטימען. פון וואַנען נעמט עס אַלזאָ דער „בונד" אין זיין גרויסקייט־מאַניע, אַז ער רעדט אין נאָמען פון דער מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג?

נעמען מיר אַנדערע ציפערן. דער טיראַזש פון דער בונדישער טעגלאַכער פּרעסע האָט באַטראָפן בערך 15 פּראָצענט פון טיראַזש פון דער יידישער טעגלאַכער פּרעסע אין פּוילן. די צאָל מיטגלידער פון די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָט באַטראָפן ביי 100,000 און צוזאַמען מיט ביידע גאַליציעס — ביי 140,000. די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" און קינדער־אָרג. „סקיף" האָבן גע־ציילט ביי 20,000 מיטגלידער. אין די העברעאישע „תרבות"־שולן, ווי אין די שולן פון „מזרחי" און „אגודה" און אין די שולן פון „שולקולט", האָבן געלערנט ביי 150,000 קינדער, די צאָל קינדער אין די ציש"אָ־שולן, קאָנטראָלירטע דורכן „בונד", איז ביי 14,000.

מען קאָן נאָך ברענגען פיל אַנדערע ציפערן און באַווייזן וועגן דער לעכערלעכקייט פון דער בונדישער באַהויפּטונג, וואָס קומט אין רעזולטאַט פון אַ גרענצלאָזער מעגאַלאָמאַניע.

ס'איז אפילו ניט אמת, אַז דער „בונד" האָט געפירט נאָך זיך די מערהייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אין די טרעיד־יוניאָנס, אָר־גאַניזירטע אין „לאַנדראַט", אין וועלכן ס'האָבן אַנטיילגענומען „בונד", לינקע פּ.־צ. און רויטע, זיינען געווען אָרגאַניזירט, פאַרן קריג, ביי 80,000 יידישע אַרבעטער. די טרעיד־יוניאָנס, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַליין, האָבן געציילט 20,000 מיטגלידער. פון דער אַלגעמיינער צאָל: 100,000 יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער, זיינען 20,000 גע־שטאַנען אונטער דער השפּעה פון אונזער באַוועגונג, ביי 40,000 — אונטער דער השפּעה פון די יידישע קאָמוניסטן און לינקע פּועלי־ציון. דער „בונד" קען אַלזאָ ניט באַהויפּטן מיט „דערצידירטער זיכערקייט", אַז די מערהייט יידישע אַרבעטער אין פּוילן האָט אָנגענומען דעם בונדישן פּאַרטיי־פּראָגראַם.

ס'איז כדאי צום סוף צו ציען נאך אן אינטערעסאנטן פּאראַלעל צווישן פּוילן און ארץ ישראל. אין פּוילן — 100,000 יידישע אָרגאַני־זירטע ארבעטער ביי אַ יידישער באַפעלקערונג (פאַרן קריג) פון 3,250,000 אין ארץ ישראל—123,000 מיטגלידער אין דער הסתדרות ביי אַ יידישער באַפעלקערונג פון קרוב 520,000 די ציפערן רעדן פאַר זיך.

אין אַ זאַמלונג פון מלחמה־קוריאָזן און געשיכטן וועגן פּאָלי־טישן בלאָף, וואָס האָט זיך זייער צעוואַקסן אין אונזער תקופה פון „הייליקן שקר", וועט די בונדישע „צופריזירונג" פון ציפערן און פאַקטן פאַרנעמען אַ חשוב'ן פּלאַץ. אין אינטערעס פון געזעלשאַפטלאַכער טעראַפּיע מוז מען אויסהיילן דעם פּוילישן „בונד" פון זיין גרויסקייט־היסטעריע. ער וועט שוין באַלד נעמען רעדן אין נאָמען פון דער מער־הייט פון אַלע יידן אין מזרח־אייראָפּע, אַלץ אויפן גרונד פון די שטאָטראָט־וואַלן אין וואַרשע אין יאָר 1939, ווען ס'הייבט זיך אָן, לויט דער מיינונג פון בונדישע פאַרברענטע חסידים, די נייע צייט־ערע פאַר דער מענטשהייט . . .

וואָס שנעלער דער „בונד" וועט זיך אויסהיילן פון זיין גרויס־קייט־מאַניע — אַלץ געזונטער פאַר אים און פאַר „דער גרויסער מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג" אין פּוילן, אין וועמענס נאָמען ער רעדט.

די מאָראַל פון ו־טן סעפּטעמבער

פון

ע. ראַק

אין די אַלע פּייערונגען, וועלכע וועלן פאָרקומען אין דעם טאָג פון ניצחון, וועט דער 1־טער סעפּטעמבער 1939 דערמאָנט ווערן מיט אַ באַזונדער אַכטונג. אין דעם טאָג האָט זיך אויפגעהויבן אַ לאַנד, כדי צו פאַרטיידיקן דאָס ביסל מענטשלאַך געוויסן קעגן ברוטאַליטעט, געוואַלט און רשעות. אין דער געשיכטע פון פּוילן וועט דער 1־טער סעפּטעמבער פאַרבלייבן אַלס אָנזאָג פון אַ נייער תקופה פון אַ באַנייטן פּאַטריאָטישן גייסט און אויך אַלס צייכן פאַר שפּעטערדיקע דורות.

די יידישע מאַסן האָבן ביז צום 1־טן סעפּטעמבער געהאַט אויס־צושטיין אַ שווערן קאַמף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זייערע רעכט. די איינציקע פאַרבינדעטע אין דעם קאַמף זיינען געווען די פּוילישע אַרבעטער, אַ געוויסער טייל פון די פּוילישע פּויערים און אַ דינע שיכט פון דער אינטעליגענץ. די הערשנדע קליקע, וועלכע האָט מיט אַלע

כוחות געשטרעבט צו דערשטיקן יעדע שטים פון אָפּאָזיציע, וואָס האָט נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די דעמאָקראַטישע רעכט, האָט אין פאָדערגרונט פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן אַרויסגערוקט די יידן־פראַגע און אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיטן מיליטאַנטישן אַנטיסעמיטיזם פון די ענדעקעס. דאָס איז זיכער געווען די טראַגישסטע צייט פאַר די יידישע מאַסן, אָבער אויך נישט ווייניקער טרויעריק איז זי געווען פאַרן פוילישן פאָלק.

דאַן, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס היטלער־לאַנד האָט געוואַגט אָנצוצינדן דאָס פייער פון קריג און צו שטעלן אין געפאַר די גאַנצקייט און אומאָפּהענגיקייט פון פוילן, האָבן זיך אַלע געשטעלט צום קאַמף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זייער מדינה. מיט אַן אומבאַשרייבלאַכן ענטוזיאַזם זיינען אַלע אַוועק אויף די פראָנטן, מיט אַ געוואַלטיקן ברען האָבן זיך אַלע אַריינגעוואָרפן אינם פאַרטיידיקונגס־קאַמף אין די טעג פון פון דער באַלאַגערונג פון די שטעט וואַרשע און לעמבערג. עס האָט אַלעמען אַרומגענומען דאָס געפיל, אַז עס הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין פוילישן לעבן, די תקופה פון פעלקער־ליבע, וועלכע עס האָט באַזונגען אין זיינע שאַפונגען דער גרויסער דיכטער מיצקיעוויטש. די דאָזיקע פאַקטן זיינען זיכער אומשטרייטבאַר און זיי דאַרפן איבערגיין אין דער געשיכטע פאַר די שפּעטערדיקע דורות, וועלכע וועלן געווים עטוואָס פון דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 לערנען.

די פויליש־דייטשע פריינטשאַפטס־אָפּמאַכן פאַרן קריג האָבן זיך נישט נאָר באַנוגנט מיטן רעגולירן שכנות'דיקע באַציאונגען, נאָר האָבן געזאָלט אויך שאַפן אַ גייסטיקע התקרבות צווישן דעם פוילישן פאָלק און דער היטלער־מדינה. די נאַצישע אידייען האָבן זיך דורך פאַרשידענע וועגן אַריינגעריסן אין דעם אינערלאַכן פוילישן לעבן און באַקומען דאָרטן אַ שטאַרקן איינפלוס. די אָפּטע קעגנזייטיקע באַזוכן פון פוילישע און נאַצישע פירער האָבן געטראָגן נישט נאָר אַ דיפּלאָמאַטישן כאַראַקטער. זיי האָבן געזאָלט דורך אַ שטענדיקן קאָנטאַקט דערנענטערן די פוילישע מדינה צו דער נאַצישער אידעאָלאָגיע. דער היינטיקער הערשער אין דעם אָקופּירטן פוילן, פראַנק, האָט פאַר דער מלחמה געהאַלטן אין וואַרשע אַ לעקציע וועגן די „נייע יסודות פון דער דייטשער יוריספּרודענץ". עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז פוילישע רעאַקציאָנערן זיינען געפאָרן אין בערלין שטודירן יידן־קענטניש אין דעם נאַצישן אינסטיטוט אונטער דער לייטונג פון ראָזענבערג'ן.

עס איז אָבער געקומען דער 1־טער סעפּטעמבער 1939 און דאָס פוילישע פאָלק איז אַרויסגערופן געוואָרן צום קאַמף נישט בלויז מיטן

מאָדערנעם „דראַנג נאָך אָסטען" מצד די אייניקלאָך פון די דעראָבע־רישע געדמאַנען פון די צייטן פון דער באַרימטער „שלאַכט ביי גרונ־וואַלד", נאָר אויך מיטן מאָדערנעם דזשינגיס־כאַן, וועמענס האָרדעס זייען פאַרניכטונג און טאָטאַליטאַרע אויסראָטונג פון מענטשלאַכער קולטור און הומאַניזם. דאָס פוילישע פאָלק האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די פאַרטיידיקער פון מענטשלאַכן פראָגרעס און פרייהייט. עס האָט אויפגעלעבט די טראַדיציע פון יענע אַלטע צייטן, ווען דאָס פוילישע פאָלק, קעמפנדיק קעגן די טאָטערן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלס די שויץ־מויער פון דער אייראָפּעאישער קולטור און האָט אָפּגע־האַלטן דעם ווייטערדיקן מאַרש פון די מאָנגאָלישע באַרבאַרן אויף מערב. אויך דאָסמאָל האָט זיך דאָס פוילישע פאָלק נישט אָפּגעזאָגט פון דער געשיכטלאָכער אויפגאַבע צו ווערן די שויץ־מויער פון איי־ראָפּע קעגן די מאָדערנע באַרבאַרן.

מיר ווילן נישט פאַרלייקענען, אַז דער באַרג־אַראָפּ פון דעם אָי־נערלאָכן פוילישן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פריער, ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. לאַנג פאַר דעם האָט מען אין פוילן אָנגעהויבן אַרונטערצורייסן דעם אויטאָריטעט פון פאַר־לאַמענט און מבטל צו מאַכן לעגאַל־געווײלטע אינסטיטוציעס און געשטרעבט איינצופירן אויף זייער אַרט די „אויטאָריטאַטיווע מאַכט". באַלד זיינען אויך געקומען דיסקרימינאַציע, אונטערדריקונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אַלץ מער וואַקסנדע רעאַקציע. די נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן האָבן אין דער פוילישער מלוכה געבילדעט אַ 35־40 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און דאָך האָט זיך דאָס פוילישע בירגערטום כסדר געהאַלטן פאַר די איינציקע און פרײ־ווילעגירטע בעל־הבתים און באַהאַנדלט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַלס פאַריעך. הגם די פוילישע מלוכה האָט אין פאַרשידענע אינטער־נאַציאָנאַלע אָפּמאַכן און אויך אויפן סמך פון דער אייגענער קאָנ־סטיטוציע, זיך פאַרפליכטעט צו שאַנעווען די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָט זי אָבער אין דער פּראַקטיק אָנגעווענדט די פּאָ־ליטיק פון אונטערדריקונג און לגבי דער הילפלאָזער, עקסטעריטאָריאַ־לער און צעזייטער יידישער מינדערהייט — די פּאָליטיק פון אויס־ראָטונג און עוואַקואַציע.

די מלחמה האָט אַ סוף געמאַכט צו דעם אונטערשיד פון אַ פּרי־ווילעגירטער מערהייט און כמעט רעכטלאָזע מינדערהייטן; ביידע האָט דער שונא אַוועקגעשטעלט אין איין געמיינזאַמען קאַמפּס־פראָנט. דאָס פייער פון מלחמה פאַרלאַנגט פון אַלעמען צו פאַרגעסן די פאַר־גאַנגענהייט.

ביידע פעלקער האָט דער שונא אָנגעזאָגט אויסראָטונג, ביידע שמאַכטן אונטער דער ברוטאַלער הערשאַפט פון די נאַצישע באַנדי־טען און ווערן אויף אַ באַרבאַרישן אופן געפייניקט.

זאָל מען אָבער אויך געדענקען, אַז אויך ביידע פעלקער האָט דעם 1־טן סעפּטעמבער פאַרייניקט איין גורל און דער גייסט פון געמיינזאַ־מען קאַמף קעגן טיראַניע און אונטערדריקונג, — טאָ זאָל דער זעל־בער גייסט ווערן דער יסוד פון זייער געמיינזאַמען ווידעראויפבוי אין דער פרייער צוקונפט.

פון התלהבות צו פאַרווירקלאַכונג

(פּוילישע יידן און ארץ־ישראל)

פון

י. מערעמינסקי

1. פּוילן עפנט די דריטע עליה

1919—1918. מזרח־אייראָפּע בלוטיקט אין די לעצטע ספּאַזמען פון דער ע ר ש ט ע ר וועלט־מלחמה. אין פּוילן, וואָס שטייט אויף צו אַ נייער תקופה פון זעלבסטשטענדיקייט, גייט אַן אַ כסדר'דיקער געראַנגל צווישן ליכט און שאָטן, צווישן פרילינג פון באַפרייאונגס־לעבן, און רויב און געוואַלט־טאַטן פון צעיושעטע קנעכט־מחנות . . .

אין שפּעטע הערבסט־טעג פון אָקטאָבער 1918 גייען ארויס אין וועג בחורים און מיידלאַך פון פּויליש־יידישע נעסטן, לאַנג־קאַפּאָטניקעס און ח ל ו צ י ם, גימנאַזיסטן אין אָפּגעבליאַקעוועטע אוניפאָרם־מאַנטלען און פשוט'ע האַנדלס־אַנגעשטעלטע, לערער און יונגע אַרבעטער, וואָס האָבן אָקאָרשט פאַרזוכט דעם ערשטן טעם פון אייגן גרינס פון אַ יונגן חלוץ־גאָרטן, צעירי־ציון'יקעס, וואָס האָבן ביז איצט געפּריידיקט דעם לאָזונג פון אַ שלימות'דיקן לעבן און אַליין־אַרבעט אין ארץ־ישראל, קעמפנדיק צוגלייך פאַר רעכט פאַר די יידישע מאַסן אין פּוילן... מען גייט צ ו פ ו ס קיין ארץ־ישראל. ד י ע ר ש ט ע — נאָך פאַרן סוף פונם ערשטן וועלט־קריג — גייט ארויס זאַגלעמביע, אין אַ קאַלטן חשוון־טאָג גייט מען זוכן דעם וועג צום יידישן היימלאַנד, כדי צו פאַרבינדן דורך אַ בונד פון עליה און אַרבעט דאָס מיליאָניקע פּוילישע יידנטום מיט ארץ־ישראל.

ז ע ק ס ח ד ש י ם אונטערוועגס — אָרימקייט, איינזאַמ־ קייט, פרעמדקייט מצד יידן און באַוואונדערונג מצד ניט־יידן...

איבער גאַרער יידיש וועלט — אין גאַליציע, אוקראַינע, רוסלאַנד און אויך אויף די באַלקאַנען טראָגט זיך אַ ווידער־קול פון עולה רגל זיין. און פון רומעניע און רוסלאַנד רירן זיך די ע ר ש ט ע ג י י ע ר קיין ארץ־ישראל (יאַנואַר 1919).

און אין חודש אדר ב׳ — ניסן תרע״ט קומען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל די ערשטע פון דער ד ר י ט ע ר ע ל י ה — די בענ־ דינער 105! עס איז געווען דאַנערשטיק — דערציילט די דאַ־ מאָלסטיקע פרעסע — אַ דאַמף־שיפל וואַקלט זיך אין דעם יפו׳ער ים, אויפן מאַסטבוים הויבט זיך לאַנגזאַם אויף און צעפלאַטערט זיך אַ ווייס־בלויער פאַן. דאָס איז די ערשטע פאַן פון דער דריטער עליה, פון חלוצישן אויפשטורם, פון אַנטשיידענעם היים־בוי, וואָס די 105 בענדינער חלוצים האָבן אין זייער האַלביאַריקן וואַנדערוועג אָפגעהיט.

ציוניזם פון עליה, ציוניזם פון אַליינפאַרווירקלאַכונג, פון בויען אינם סאַמע ברען פון מיטינגען, פון התלהבות אַרום דער באַלפור־ דעקלאַראַציע — דאָס איז דער ממשות׳דיקער ביישטייער פון דעם עכט־יידישן און חסידישן פוילן ביי דער נעילה פונם ערשטן וועלט־ קריג. עולה רגל זיין אין יאָר תרע״ט איז געווען אפשר „נישט לאַגיש", „מסובכ׳דיק", — אָבער דאָס איז געווען און געוואָרן דער באַגינען פון חלוצישן טאַט, פון דער יידישער מ אַ ס ן ־ ר ע וו אָ ל ו צ י ע אויפן וועג צו זיך.

2. דער אויפבראָך פון עליה־ציוניזם

וואָכעדיק זיינען שבת־יום־טוב׳דיקע ר יי ד און שבת־יום־ טוב׳דיקע זיינען וואָכעדיקע מ ע ש י ם, וואָס באַגלייטן אונזער תקופה פון פ אַ ר וו י ר ק ל אַ כ ו נ ג, וועלכע ברויזט אין די טיפע־ נישן פון יידישן לעבן אין פוילן.

ט ו י זנ ט ס אַ צ י אַ ל י ס ט ן — טיף גלויבנדע, הויך־באַוואוסט־ זיניקע און שיין־רעדנדיקע זיינען ניט ווערט איינעם, וועלכער ר ע אַ ־ ל י ז י ר ט די אמת׳ע גלייכקייט און סאָציאַלן יושר אין ים פון א ו מ ־ ג ל יי כ ק יי ט צווישן מענטש און מענטש, פאָלק און פעלקער.

ט ו י ז נ ט ע ר צ י ו נ י ס ט ן — הויך־שטייגנדע און טיף־ פילנדע, וואָס בענקען מיטן גאַנצן האַרצן נאָך דער שעה פון דער גאולה, זיינען נאָר ציוניסטישע שאָטנס, ווען עס גייט זיי ניט פאָרויס דער דור פון הגשמה, פון פ אַ ר וו י ר ק ל אַ כ נ ד ן צ י ו נ י ז ם, דורך מ יי ן עליה, דורך מ יי ן אייגענער אַרבעט...

דאָס זיינען געווען די טיפע אמת'ן און דער נשמה־סטימול פון דער דריטער עליה.

דאָס יאָר 1919, — אין רוסלאַנד, אין רומעניע, אין פּוילן, אין די באַלטישע מלוכות אַנטשטייען אָרגאַניזירטע צענטערן פאַר עליה קיין ארץ־ישראל. דאָס וואָרט ע ל י ה איז נאָך פרעמד און ווייט. בטלנים, וואָס גיבן זיך אַרויס פאַר פּראַקטישע פּאַרזאָרגער פון פאָלק, צי פון אַרבעטער־קלאַס, שפּאָטן פון דעם „החלוץ עובר לפני המחנה" און פון „מאַסן־עליה" קיין ארץ־ישראל. „חלומות פון בעלי־בית'ישע קינדער", — זאָגן וואָגיקע יידישע סאָציאַליסטן. „קינדערייען" — וואָרענען ציוניסטן, וואָס ווילן ארץ־ישראל און גלויבן אין באַלפור'ן און אין קאָנגרעס־ציוניזם.

אָבער די יידישע יוגנט איז אָוועק אויפן אייגענעם וועג פון עליה, פון לויטערן זיך אין הכשרה, פון שווערע נסיונות, כדי זוכה צו זיין און צו ווערן נישט קיין עמיגראַנט, נאָר אַן עולה... און פּוילן ווערט דער גרעסטער מ אָ ט אָ ר ־ כ ו ח פון ציוניסטישער פּאַרווירקלאַכונג, פון חלוצישן גערא‏נגל און אויפבוי, פון צוגרייטן נייע בויער און שעפער פאַרן יידישן היימלאַנד. יידיש רוסלאַנד מיט אירע אוצרות גרייטקייט צו מעשים, צום שטילן קדוש השם און צו עליה, ווערט דערשטיקט אין איר ציוניסטישן שאַפונגס־ווילן. מחנות יידישן יוגנט פון רוסלאַנד זיינען לכתחילה געשוואומען, פול מיט גלויבן און קאַמפּס־לוסט, אויף קליינע שיפלאַך איבערן שוואַרצן ים, זיינען געריטן אויף מויל־אייזלען איבער די בערג פון קאַווקאַז, אָדער איבערגעשוואומען די גרענעץ־טייכן צווישן רוסלאַנד און פּוילן, כדי צו קומען קיין ארץ־ישראל. די געקומענע קיין פּוילן האָבן זיך באַהאָפטן מיט די חלוצים פון וואָלין און פון פּוילן און פאַרגעזעצט דעם וועג צוזאַמען מיט זיי. עס האָט געווינקט צו זיי אַלעמען די נאָך קליינע אין צאָל, אָבער מוטיקע אין איר פּיאָנערישן שאַפן, ארץ־ישראל'דיקע אַ ר ב ע ט ע ר ש א פ ט.

נאָך די 105 בענדינער און די 115 „רומענער" און „רוסן", איז שוין אין לאַנד געקומען די שיף „רוסלאַן" מיט 620 יידן פון אָדעס. פון יאַלטע אין קרים איז געקומען ט ר ו מ פּ ע ל ד אָ ר...

די חלוצים וואַקסן אין צאָל. די יוגנט אין וואַרשע גייט דעם 1טן מאַי מיט ווייס־בלויע פאָנען און יידיש און העברעאיש געזאַנג און פּראָקלאַמירט איר הייליקן ווילן צו שאַפן אַ פרייַ יידיש אַרבעטס־פאָלק אין אַרבעטנדן ארץ־ישראל. ע ל י ה ־ ק אָ מ י ט ע ט ן ווערן געגרינדעט דורך צעירי ציון און חלוצים. טויזנטער אָרגאַניזיר־

טע פאַרערן באַלדיקע עליה, הינטער זיי שטייען ווייטערדיקע צענער טויזנטער. אָבער די ציוניסטן מוסר'ן די אומגעדולדיקע און פאָדערן: „געדולד!"

שמריהו לעווין קומט שטילערהייט קיין פוילן. „זיי, מיינע חברים, — זאָגט ער — ציטערן פאַר אַ פּריצייטיקער עליה, און איך? — איך האָב מורא, אפשר איז די גאַנצע מעשה מיט די טויזנטער, וואָס ווילן גיין, אַן אויסגעטראַכטע זאַך... ווייזט מיר זיי!" ער זעט זיי און זאָגט צו „נישט אָפיציעל" צו זיין מיט די „עולי רגל"...

3. איבער ציוניסטישע און בריטישע שטעכעדיקע דראָטן...

אָבער פון ציוניסטישן לאָנדאָן קומט דער באַרימט־געוואָרענער צירקולאַר, געחתמ'עט ווייצמאַן, אוסישקין, סימאָן, — וועלכער זאָגט אַז, אַז נאָר... זייער פאַרמעגלאָכע יידן, וואָס קענען זיך באַלד איינ־אָרדענען אין ארץ־ישראל, קאָנען שוין פאָרן, — קיין אַנדערע זאָלן נישט וואָגן צו פאָרן. אַ כאַאָטישע עליה, נישט צוגעגרייט פריער אין ארץ־ישראל, איז אַן אומגליק... אָבער פויליש־יידישע יוגנט, און מיט איר די דורכגייער פון רוסלאַנד, רעוואָלטירן קעגן פירער, וואָס פּענטן די עליה. נאָר די עליה אַליין וועט שאַפן אַרבעטס־מעגלאַכקייטן און אויפנאַמס־פּייאיקייט אין ארץ־ישראל. „נישט די באַלפור־דעקלאַ־ראַציע, — נאָר דער אויפמאַרש פון עליה וועט בויען און רעאַליזירן דעם ציוניסטישן אידעאַל!" — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט די יוגנט פאַרלאָזן דאָן די ציוניסטישע לאַנדעס־קאָנפערענץ אין וואַר־שע, ווייל די דאָזיקע יוגנט האָט געברויזט מיטן ווילן און דורשט צו עליה.

אין טשעכאָסלאָוואַקישן פּראַג באַגעגענען זיך דאָן ארץ־ישראל־אַרבעטער און מזרח־אייראָפּעאישער ציוניזם פון מעשים און פון סאָ־ציאַליסטישע וועגן אין ארץ־ישראל, כדי צו שליסן אַ יד־אחת.

אין ת ל ־ ח י פאַלט טרומפּעלדאָר און זיינע חברים, די בויער פון קבוצה־לעבן.

א ו י פ ן פ ר א נ ט! — ווערט דאָן דער רוף פון יונגן חלוצישן דור. בויען און שיצן דאָס לאַנד! — טראָגט זיך אַ רוף פון די פויליש־יידישע שטעט צו ארץ־ישראל. אונטערן דראַנג פון צעירי ציון פון פוילן באַשליסט די יאַר־קאָנפערענץ פון 1920 אין לאָנדאָן צו שאַפן ציוניסטישע פּאַלעסטינע־אַמטן אין די גרויסע יידי־שע ישובים, כדי צו רעגולירן און דערמוטיקן די עליה קיין ארץ־ישראל. ביי די אַמטן דאַרפן עקזיסטירן ספּעציעלע אַרבעטס־אָפּטיי־לונגען, כדי צו דערמעגלאַכן די עליה פון די חלוצישע עלעמענטן קיין ארץ־ישראל. צעירי ציון און די חלוצים אין פוילן און בכלל אין מזרח־

אייראָפּע טריומפירן. זיי האָבן זוכה געווען, אַז די עליה וועט אָנער־קענט, הגם זי איז נאָך אַלץ געבליבן געוויסערמאַסן געפּענטעט. די אַרבעטס־אָפּטיילונגען וועלן דאַן די אינסטרומענטן פאַר דער חלוצי־שער עליה.

עס האָבן געדאַרפט אַריבערגיין חדשים און יאָרן, ביז די ציוניסטן געוויינען זיך צו צו דער עצם אידייע פון עליה. דאָס יאָר 1920 שליסט זיך אָבער פונדעסטוועגן מיט 8223 ניי־אָנגעקומענע עולים קיין ארץ־ישראל און פיר און אַ האַלב טויזנט, וואָס שטעקן נאָך אונטערוועגס.

סוף 1920 קומט די ערשטע גזירה קעגן דער עליה (ס'איז געקו־מען נאָך די ספקות און דעם אויבנדערמאָנטן צירקולאַר), און ס'ווערט איינגעפירט דער סערטיפיקאַטן־סיסטעם. דער ערשטער קוואַרטל 1921 ברענגט אָבער ווידער דריי טויזנט יידן, מיינסטנס פּוילישע חלוצים.

ערשטער מאַי, 1921. פּאָגראָם אין יפו. די רעגירונג שטעלט אָפּ יעדע עליה. דער יידישער נציב העליון הערבערט סעמיועל קערט אום צוריק פון די ברעגעס פון ארץ־ישראל יעדן ייד, אפילו מיט וויזעס... זשאַבאָטינסקי, דאַן מיטגליד פון דער ציוניסטישער לייטונג, טעלעגראַפירט צו דער מיט עליה ברוויזנדער וואַרשע: „האַלט אָפּ די עליה, דער איסור איז צייטווייליק. איינוואַנדערונג אוממעגלאַך, צוליבן שטרייק פון אַראַבישע מאַטראָסן". אַ צווייטע טעלעגראַמע — צו די ציוניסטישע צענטראַלעס: מען זאָל זיך אָפּהאַלטן פון אויס־דריקן אומצופרידנקייט צום הויי־קאָמישיאָנער...

אָבער די ענגע מיט עליה־לופט אָנגעזאַפּטע חדרים פון בית־חלוצים אויף דזשיקע גאַס אין וואַרשע ענטפערן מיט אַ טעלעגראַמע: „פינף הונדערט היינט אָפּגעפאָרן און באַגלייט מיט באַגייסטערונג פון מאַסן יידן אין גאַסן און אויפן וואָקזאַל, — דאָס איז אונזער תשובה צו די געשעענישן אין יפו!". און עס קלאַפּט מיט שטאָלץ דאָס האַרץ פון יידישער יוגנט אין פּוילן, ווען מיט צוויי חדשים שפּעטער הערט מען שוין פון די פינף הונדערט, אַז זיי ברעכן שטיינער, לייגן דורך וועגן, אַרבעטן אויף די שאָסייען און ווערן איינגעזאַפּט בים־לעכווייז אין ארץ־ישראל'דיקע קבוצות.

4. אין שטראָם פון חלוצישער און בעלי־בתישער עליה

די דריטע עליה, וואָס בעגדין האָט אָנגעהויבן, וואָס סלאַוואָטע און קאַרעץ האָבן פאַרגעזעצט איבער שטעכיקע דראָטן, וואָס גראָדנער און סואוואַלקער האָבן, צוזאַמען מיט יעליסאַוועטגראַדער פון רוסלאַנד, דערהויבן מיט זייערע חלוצישע שטראָמען צום שעפערישן כוח פון

דעם נייעם יידישן לעבן, — אָט די עליה האָט עס געגעבן אַ נייעם כוח און ציל צו דער יידישער יוגנט און דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין מזרח־אייראָפּע און האָט שפּעטער (נאָך 1939) דערמעגלאַכט די יציאת אשכנז.

די דאָזיקע עליה האָט געזונט געמאַכט דעם עמק יזרעאל, זי האָט אַ גאַנצע האַנט אין דעם געבורט און אין וואוקס פון דער הסתדרות, זי האָט דעם גרעסטן חלק אין אַריינפירן דעם ציוניזם אין קאָנקרעטע מעשים. זי, וואָס האָט פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע אין פּוילן, האָט שפּעטער געבראַכט צו דעם, אַז אויך עלטערן זאָלן גיין אין יידישן לאַנד. איר הויפּט־כוח איז געווען, וואָס זי האָט פּורץ גדר געווען, וואָס זי האָט אויפגעשטורעמט מיט איר דראַנג און ווילן פאַר עליה (און ניט סתם אַנטלויפן פון אַלטע היימען!). דעריבער האָט קיין כוח זי נישט געקענט אָפּשטעלן, דעריבער האָט מען זי נישט געקאָנט צעשטערן, הגם מען האָט געשטערט...

אַז גזירות האָבן געשווענקט די עליה־פּעלזן אין 1929 און אין פּוילן זיינען געקומען די טעג פון גראַבסקי'ס עגלה און יידן בעלי־בתים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין ארץ־ישראל, האָבן זיי דאָרטן געפונען די אויפטוען און דערגרייכונגען פון דער דריטער עליה און אויף איר באָדן איז געעפנט געוואָרן די פערטע עליה.

אויך זי האָט מיטגעבראַכט אַ היבש ביסל ברכה אין לאַנד. קיין איינציקער ייד פון דער פערטער עליה איז נישט געווען איבער־ריק. ווען נאַלעווקעס און דזשיקע זיינען געווען אין קלעם, האָבן זיי זייער האָפנונג און טרייסט געפונען נישט אין וואַרפן זיך פון אַ דאַך, נאָר אין גיין קיין ארץ־ישראל. דאָס שנעלע בויען פון תל־אביב, דאָס פאַרלייגן יסודות פאַר נייע פּריוואַטע ווירט־שאַפטן אין שרון, דאָס אויפשטעלן קליינע אינדוסטריעס, — די דאָזיקע אינוועסטירונג פון איניציאַטיוו, קענטנישן און אַרבעט, וואָס די פּוילישע מיטלשיכטן האָבן מיטגעבראַכט קיין ארץ־ישראל, איז געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד. און עס איז נישט די שולד פון די סתם יידן, וואָס דער אָפיציעלער ציוניזם האָט אין די יאָרן 1918—1923 נישט געשאַפן אין לאַנד דעם געניגנדן באָדן פאַר אַ גרויסער מאַסן־עליה פון מיטלשטאַנד. און טאָמער זיינען אַ טייל פון די ניט־חלוצישע מיטל־עלעמענטן שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין פּוילן (כדי אין 1933—1934 ווידער צו באַנייען זייער עליה קיין ארץ־ישראל), — זיינען דאָס געווען נאַטירלאַכע וואַנדלונגען פון דעם פּראָצעס פון בויען דאָרט דאָס יידישע היימלאַנד.

די חלוצישע באוועגונג אין פוילן האָט פאַר דער צייט אַנגענומען פעסטערע פאָרמען. זי האָט באַקומען כוח אויף צוצו־גרייטן טויזנטער צו עליה און אויף צו באַאיינפלוסן די יידישע יוגנט און די פאָלקס־מאַסן אין פוילן. בעת דער פערטער עליה זיינען שוין פון דער הסתדרות געקומען פון פוילן נישט בלויז טרוימער, נאָר אויך יידישע אַרבעטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און אַר־בעטנדע אינטעליגענץ. וואָס שייך דעם „החלוץ" אין פוילן, איז ער דאַן אויסגעוואַקסן פון 80 גרופּן מיט צוויי טויזנט מיטגלידער צו 460 אָרגאַניזאַציעס מיט 14,000 מיטגלידער. אַנשטאָט צוויי פאָרמס מיט אַ פּאָר צענדליק חלוצים פאַר אַ מוסטער, האָבן זיך אונטער דער השפּעה פון די ארץ־ישראל־קבוצות צעוואַקסן די חלוצישע אונ־טערנעמונגען אין פוילן ביז 120 הכשרה־קאָלעקטיוון מיט 3000 מיט־גלידער.

נישט קעגן דער בעל־הביתישער עליה איז די חלוצישע באַ־וועגונג געווען געריכטעט, — דער „החלוץ" האָט געוואָלט באַגלייטן און געזונט מאַכן די מיטלשטאַנד־עליה מיט נאָך אַ גרעסערער אין צאָל און אַ געזונטערער אין אינהאַלט אַרבעטער־עליה! און דאָס איז געוואָרן דער קאָנסטרוקטיווער וועג פון אַרבעטנדן ציוניזם בכלל און פון זיין לעבעדיקן צווייג אין פוילן.

דאַן זיינען אויך געבוירן געוואָרן די ערשטע חלוצישע קבוצים; דער קבוץ „הכובש" פון ווילנער געגנט איז געוואָרן דער סימבאָל פון דער גרוים־צוגיקער חלוצישער עליה. דאָס איז געווען דער ער־שטער עליה־קבוץ. די חלוצישע קבוצים פון וואָלין, גראָדנע־ביאַליסטאָקער געגנט, קאָנגרעס־פוילן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פאָלקסטימלאַכקייט. זיי האָבן געלייגט אַ וועג פאַר עליה אויך פאַר נישט־חלוצישע מאַסן. דער קריזיס אין 1928 איז נישט געווען פאַרורזאַכט פון דער פערטער עליה, נאָר פון די געזעצן קעגן עליה, וואָס זיינען פאַבריצירט געוואָרן אין בריטישע און, לײדער, אויך אין ניט־בריטישע אָפיסעס, ווי אויך דורכן מאַנגל פון חלוצישע כוחות, וועלכע מען האָט געשטערט צו קומען אין לאַנד.

5. די פינפטע עליה — אַרבעטער אין קבוצים!

די פינפטע עליה איז געווען אַ נייע, לויט איר פאַרנעם און לויט די כוחות, וואָס זי האָט אַריינגעצויגן פון פוילישן יידנטום. די קאָ־לעקטיוון פון זעגמילן און שטיין־ברעכערייען אין קלאָסאָווע, וואָלין, „שחריה", פּאָלעסיער קבוץ (אָנגעהויבן דורך די קדושי פּינסק)

און פיל אנדערע, — זיי האבן פארנומען דעם אויבן־אן אין דורכבערעכן די עליה־שטערונגען.

די לאגע אין ארץ־ישראל האט געפאדערט אלץ מער יידישע ארבעטער. די געשעענישן פון 1929 האבן אויפגעבראוזט די יידישע יוגנט אין פוילן און זי האט אנגעהויבן שטראמען צו די קבוצי עליה פאר באלדיקן עולה זיין און צו די קבוצי הכשרה, — כדי צו זיין גרייט און צו קאנען דערפילן אין לאנד די חלוצישע פליכטן.

נישט די פאספילד־גזירה פון 1930 און נישט דאס פרואוון פארטרייבן די חלוצים פון די קלאסאווער שטיין־האקערייען אין 1931 און אויך נישט די בייזוויליקע אטאקעס אויפן „החלוץ" מצד קאמוניסטן, וואס ווילן ארויסרייסן די אידעאליסטישע יוגנט פון דער הכשרה און וואס האבן אפילו געבראכט צו אן איבערפאל פון די קאמוניסטן אויפן ווישקאווער „בית החלוץ", — קיין זאך האט נישט געקענט אפשוואכן דעם אינערלאכן דראנג פון דער יידישער יוגנט צום „החלוץ" און איר ווילן צו באהעפטן זיך מיט דער הערואישער יידישער ארבעטערשאפט אין ארץ־ישראל.

די חלוצישע באוועגונג אין פוילן האט דאן געהאלטן אין איין וואקסן. די לעבנס־באדינגונגען זיינען געווען שווער. נישטא קיין דירות. נישטא קיין ארבעטס־מכשירים פאר די געפלאנטע ווארשטאטן, נישטא אפילו אפט אויך קיין געהעריקע דערנערונג. אין דעם היטלעריסטישן דייטשלאנד לעבן די חלוצים און חלוצות אין די הכשרה־פונקטן ענג, אבער עס קומט דאך אוים אויף יעדן איינעם 8 און א האלב קוואדראט־מעטער צימער; דעם פוילישן מאסן־חלוץ קומט אבער אוים נאר אנדערטהאלבן קוואדראט מעטער. מען שלאפט אויף די בארימטע „דריי אינטערנאציאנאלן", דאס הייסט דריי שטאק נארעס אין צימער און אין יעדער בעט — צוויי־דריי מענטשן. אפט קומט אוים 16 מאן אין איין צימער. דאס איז די לאגע אין 1935.

אבער דער החלוץ האלט אין איין שטייגן. דער וועלט־החלוץ האט שוין דאן פארמאגט 34 טויזנט חלוצים אין הכשרה, פון זיי 19 טויזנט, ביי 60 פראצענט — אין פוילן, 3 טויזנט — אין דייטשלאנד א. א. וו. דער פוילישער החלוץ עפנט נייע ארבעטס־צווייגן, דרינגט אריין אין נייע ווירטשאפטלאכע געביטן, פארנעמט פאזיציעס אין כל'ערליי פאבריקן און ווארשטאטן, דער „בונד" איז צוטומלט: ער זעט, וויפיל זיינע יוגנטלאכע גייען אריבער אין די חלוצישע קבוצים, וויפיל ארבעטסלאזע ארבעטער באהעפטן זיך מיט דער

חלוצישער אַרמיי, כדי עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. די קאָנטר־אַקציע פון „בונד" קלינגט ווי די „פרייהייט"־אָנפאַלן אויף דער הסתדרות אין די טעג פון פּאָגראָם אין ארץ־ישראל. זי פאַלט דורך — יוגנט און אַרבעטער זיינען צוגעטראָטן צום „החלוץ".

אין פּוילישן „החלוץ" אַנטשטייט די קבוצה פון גדיניע: „צום ים". אין 1938 קומט אַ צווייטע ים־גרופּע. אין לאָדזש וואַקסט אויס דער גרויסער שטאָטישער קאָלעקטיוו „קבוץ באָראָכאָוו". אין אַלע טיילן פון פּוילן אַנטשטייען גרופּן פון פאַבליִיט, בעלי־מלאכות, גרייט צו עליה, אָרגאַניזירט דורכן „העובד" און „העובד החקלאי", וועלכער אָרגאַניזירט יידישע ישוב'ניקעס צו עליה. די אַלטע פּאָרלאָ־זענע יידישע פאַרם אין טשענסטאָכיעוו מיט אירע 1200 מאָרגעס ערד, געגרינדעט לאַנג פאַרן ערשטן וועלט־קריג, געפינט אַצינד איר תיקון און 300 חלוצים מיט חלוצות פון פּוילן זי און מיט לעבן און מיט אַרבעטס־געזאַנג.

6. גבורה אויף ים־כוואַליעס און „אונטערערד"

יאָרן פון גבורה און מאָראַלישן ווידערשטאַנד אין ארץ־ישראל, האַרט פאַרן איצטיקן קריג, דאָס יידישע פּוילן שפּירט שוין די ערנסטקייט פון דער צייט אין ארץ־ישראל, וואָס גאַרט נאָך נייע אַרבעטער און באַשיצער פון לאַנד.

דייטשישע יוגנט ווערט אַריבערגעפירט קיין ארץ־ישראל, — חלוצים פון דייטשלאַנד, וואָס זיינען אַדורך הכשרה אין אַ סך אייראָפּעאישע צענטרען. אָבער נישט אין צאָל און נישט אין איכות פאַלן נישט די נייע עולים־חלוצים אַראָפּ אין פאַרגלייך מיט פּוילן.

דאָס לאַנד, טראָץ די שווערע געשעענישן און דעם אַראַבישן טעראָר, פאָדערט עולים און עולים. און די חלוצישע עליה גייט כסדר ווייטער, מיט דערלויבטע און נישט־דערלויבטע וועגן, אין לעגאַלע און „אומלעגאַלע" פאָרמען... מיט סערטיפיקאַטן און אָן סערטיפיקאַטן ברעכט מען גרעניצן און מען רייסט זיך צו יידישן לאַנד מיטן ים און מיט דער יבשה. גרופּן קומען אפילו מיטן אַלטן וועג, נאָך פון 1920, איבער דער סירישער גרעניץ. אין מיטללענדישן ים שווימט פון ברעג צו ברעג „וועלאָס". די עליה ברעכט אַלע פאָראָרד־נונגען און זי האַלט אין כסדר'דיקן גיין אויף שיפן און שיפלאַך, מיט וועגן און אומוועגן...

די עליה־גזירה פון „ווייס־בוך" פאַרהילט מיט שוואַרצע וואָלקנס דעם חלוצישן וועג קיין ארץ־ישראל. עס אַנטשטייען „קאָנצענטראַ־

ציע־לאגערן" פאַר „אומלעגאַלע"... די שיף „קאָנסטאַנציא" קומט אָן אין אויגוסט 1939 און טשינאַוואָניקעס פון „ווייס־בוך" ווילן פאַר־ענטפערן זייערע בייזע האַנדלונגען לגבי די עולים מיט דעם תירוץ, אַז אויף דער שיף פאַרן נישט קיין דייטשע, נאָר... פוילישע בירגער.

עס קומט די צווייטע וועלט־מלחמה. אין מיטן ים שווימען, ווי פריער, „כשר'ע" און „טריפ'ע"... פון דייטשלאַנד און טשעכאָסלאָ־וואַקיי, פון רומעניע און ליטע, פון פוילן און אונגאַרן שווימען חלוצים און עולים צו זייער היימלאַנד. די, וואָס האָבן דורכגעבראָכן אין 1918 מיטן כוח פון יידישן פאָלקסווילן און דורשט נאָך פרייהייט, די וועגן פון דער דריטער עליה, — שטעלן זיך נישט אָפּ פון קאַמף קעגן יעדער מין באַגרענצונג און שטערונג.

* * *

אויך היינט קומט פון פוילן די בשורה וועגן טויזנטער חלוצים אין „אונטער־ערד", וואו עס זיינען ווידער אויסגעבויט געוואָרן נעסטן פון שטאַרקן חלוציש ווילן, וועלכער וועט, נאָכן קריג, ווידער אויפשטורמען, כדי צו זיין דער אַוואַנגאַרד פון אַ נייער, און פיל גרעסערער, יידישער מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל...

אויפן שוועל פון אַ נייער תקופה

פון

וויקטאָר טשערנאָוו

דאָס זוכן די פּאָזיציע, וואָס דער סאָציאַליזם דאַרף פאַרנע־מען בעת'ן קריג, איז שטענדיק געווען איינע פון די שווערסטע היסטאָרישע פּרובן, ווען מען דורכפאַל ס'פּלעגט אונטעררייסן די עצם־יסודות פונם קיום סיי פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען פון אינטערנאַציאָנאַל, אַזוי אויך דעם אינטערנאַציאָנאַל, אַלס גאַנצעס.

דער וועלט־קאָמוניזם האָט זייער פאַרייניפאַכט פאַר זיך די דאָ־זיקע אויפגאַבע. מיט ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד זאָל זיך נישט צוזאַמענשטויסן — צי דאָס איז די נאַצי־דייטשלאַנד, וואָס איז אים

באפאלן, די זעלבסטשטענדיקע פינלאנד, עסטלאנד, לעטלאנד, ליטע, אפילו די סאציאל־דעמאקראטישע גרוזיע — אלץ איינס: די הייליקע פליכט „פון איין זייט באריקאדע" איז, צו גיין אין די רייען פון דער רויטער ארמיי, אריינדרינגען אין די גרעניצן פונם לאנד, פארגיסן עס מיטן בלוט פון אירע פארטיידיקער, אונטערווארפן דעם רעזשים פון דער פעסטער, „אויפן באלשעוויסטישן שטייגער אום׳ברחמנות׳דיקער" אקופאציע, כדי שפעטער צו אסימילירן עס מיטן ראטן־פארבאנד. פונקט אזא הייליקע פראלעטארישע פליכט אויף „דער צווייטער זייט פון דער באריקאדע" איז — צו ווערן די „פינפטע קאלומנע" פון ראטן־פארבאנד, אויפרייסן דאס פאטערלאנד פון אינעווייניק. וואס שייך דעם קריג, אין וועלכן דער ראטן־פארבאנד באטייליקט זיך נישט, — דארף ער גערעכנט ווערן, אלס „פרעמדער קריג" פארן סאציאליזם, אלס א קריג פון צוויי אימפעריאליזמען. און ענדלאך, אויב דער ראטן־פארבאנד, ניט אנטייל־נעמענדיק אינם קריג, צוליב די אדער יענע ריין־פראקטישע מאטיוון, איז א „שטילער שותף" פון איין צד און באזארגט אים מיט די נויטיקע פארן קריגס־מאטעריאלן, — דאן דארף מען זיך שטעלן אויפן שטאנדפונקט פונם „קלענסטן בייז", פארזיכטיק בארעכטיקן טיילווייז איין צד און שטארק „דעמאסקירן" דעם קעגנערישן צד.

די איינפאכקייט פון דער דאזיקער לעזונג פון דער פראגע הינקט אונטער אין איין פונקט: במשך פון קריג טרעפט אמאל, אז מען דארף פלוצים שנעל און שארף בייטן די פאזיציע. דער וועלט־קאמוניזם האט במשך פון יעצטיקן קריג געדארפט אדורכמאכן אזא מעטאמארפאזע צוויי מאל. צוערשט האט ער אטאקירט דעם ענגליש־פראנצויזישן בלאק פאר נישט־אנטשלאסנקייט און קאפיטולאנטישער פשרה׳דיקייט מיט היטלער׳ן; ער האט געפאדערט צו שאפן אן אנטיפאשיסטישן וועלט־פראנט, פרעטענדירנדיק צו זיין זיין אוואנגארד. שפעטער האט ער פלוצים קאטעגאריש פאראורטיילט דעם זעלבן ענגליש־פראנצויזישן בלאק פאר דערקלערן דעם 3טן רייך אן אימפעריאליסטישן קריג און פאר פארציען אים עקשנות׳דיק, טראץ דער דייטשער גרייטקייט צו מאכן א סוף צו דער בלוט־פארגיסונג. נאכדעם האט ער פונקט אזוי שארף און אנטשלאסן דערקלערט די נעכטיקע ענגלישע אימפעריאליסטן, אלס העלדישע קעמפער פאר פרייהייט און דעמאקראטיע, און יענע, וועלכע ער האט נעכטן געהאלפן — פאר א בייזע אנשיקעניש, קעגן וועלכער מ׳דארף קעמפן אויף טויט און אויף לעבן ביז א זיגרייכן סוף. נאך נעכטן האט מען גערעדט וועגן דעם, אז „א שטיקל וועג קאן מען אדורכגיין צוזאמען מיט

פאַשיסטן", ביז צו צעברעכן דעם הויפּט־שונא — די סאַציאַל־דעמאָ־קראַטיע, צי אַפילו בכלל די דעמאָקראַטיע; און היינט לייגט מען פּאַר — און צום וויפילטן מאָל! — דער זעלבער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַן „איינהייטס־פראָנט" קעגן דעם וועלט־פאַשיזם, — פּונקט ווי די סאָציאַליסטן וואָלטן פון פריער נישט געהאַט קיין ביטערע דערפאַ־רונג.

אַזאַ פּרינציפּלאָזע טאַקטיק, אַזאַ זיך כסדר ענדערנדער פּאָלי־טישער געוויסן איז ניט נאָר פרעמד דעם סאָציאַליזם, נאָר איז פּאַר אים אַפילו אַפּשטויסנד.

נאָך די קאָמוניסטן גייען די לינקע סאָציאַליסטן פון דער „אויס־טראַ־מאַרקסיסטישער" שול. ניט ערגער פאַר אַנדערע זענען זיי פיל, אויב ניט אַלע אָרגאַנישע פעלערן פון דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק, סיי דער אינערלאָכער, אַזוי — און דערהויפּט — דער אויסערלאָכער. און וואָס איז דער חידוש, אויב נאָכן שלימזל'דיקן „פּאַקט פון מאָלאָ־טאָוו - ריבענטראָפּ" האָבן זיך פון קרעמל באַלד אָפּגעקערט פאַרבי־טערטע אַזויפיל אַפילו הונדערט־פּראָצענטיקע קאָמוניסטן. זיי שרעקט אָבער די געפאַר פון צערייצן מיט דער ניט־געמילדערטער קריטיק די מאָסקווער מאַכט און געבן איר שוין צופיל קלאָר צו פאַרשטיין איר פ ר ע מ ד ק ײ ט אינם וועלט־דעמאָקראַטישן בלאָק, ווען ערשט נעכטן האָט מען זי געדאַרפט צעקריגן מיט היטלער'ן און אַריינציען אינם דאָזיקן בלאָק, און היינט — דאַרף מען זי איינהאַלטן אין אים.

צווייטנס, הערשט צווישן זיי, פּונקט ווי פריער, די שרעק, אַז דער אַנגלאָ־זאַקסישער בלאָק, ליידנדיק כסדר מיספּאַלגן אינם קריג אויף דער יבשה, זאָל ניט קאָנען ביישטיין דעם נסיון און זאָל מסכים זיין אויף אַ קאָמפּראָמיס־שלום, — בפרט, ווען אַדאַנק די שלום־באַ־דינגונגען, וועט מערב־אייראָפּע ווערן געשווינט און דער שלום וועט געשלאָסן ווערן א ו י פ ן ח ש ב ו ן פ ו ן ר ו ס ל א נ ד (און בכלל אויפן חשבון פון סלאַוונטום, וועגן וועלכן זיי טוען אַזוי ניט זאָרגן, וואָרום עס איז ניט געהייליקט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער רעוואָלוציע). איבערן באַוואוסטזיין פון די דאָזיקע סאָציאַליסטן לאָסטן די רעמיניסצענצן פונם ערשטן וועלט־קריג און פון צימערוואַלד — אַזוי ווי די יעצטיקע מלחמה וואָלט געווען אַ המשך פון דער פריער־דיקער, מיט אַ הפסקה פון אַ פערטל יאָרהונדערט.

דער יעצטיקער קריג איז אָבער לגמרי ניט יענער קריג, ער האָט ניט די זעלבע אַנטיילנעמער און עס שטייען פאַר אים אַנדערע וועלט־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. דאָן איז געווען אַ קריג פונם העכסטן אימ־

פעריאַליסטישן אויפשטייג פון קאַפּיטאַליזם. יעצט איז אַ קריג פון קאַפּיטאַליסטישן אונטערגאַנג, יעצט איז זיין טאָטאַליטאַר־עטאַטיסטישער אָדער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער עפּילאָג. צימערוואַלד איז געווען אַ מעכטיקער קעגן־גיפט קעגן דער נטיה פונם פּלוצים צעטרמעלטן דורכן דאַמאַלסטיקן קריג סאָציאַליזם, אַרויפצושפּרינגען אין אַלע לענדער אויפן זיגרייכן רייטוואַגן פון ז יי ן נאַציאָנאַלער רעגירונג, בכדי צו בויען אויף זיין זיג, אויף די געווינסן פונם זיג פון ז יי ן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם דעם באַרג־אַרויף פון ז יי ן נאַציאָנאַלער, פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. די סכנה, אַז דער סאָציאַליזם וועט פאַרלירן זיין אייגענעם פּרצוף — איז געווען יענע הויפּט־סכנה, וועלכע האָט דאַן געדראָט דעם סאָציאַליזם און קעגן וועלכער עס איז אַנטשלאָסן אַרויסגעטראָטן צימערוואַלד.

אַנדערע שפּעט־געבוירענע צימערוואַלדיסטן שטעלט ווייטער אין פאַרלעגנהייט די צענטראַלע ראָל, וואָס די בריטישע אימפּעריע שפּילט אינם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. ענגלאַנד — דאָס פאָטערלאַנד פון קאַפּיטאַליזם בכלל און בפרט פון אימפּעריאַליזם — שיינט פאַר זיי צו זיין די פאַרקערפּערונג פון יענער „דעמאָפּלוטאָקראַטיע", מיט וועלכער עס שרעקן די אַרבעטער־וועלט די נאַציס און נעכטן האָבן, אין אוניסאָן מיט זיי, געשראָקן די קאָמוניסטן.

זיי פאַרגעסן אָדער האָבן ביז יעצט ניט באַוויזן אַדורכצוטראַכטן די באַקאַנטע ווערטער פון ענדזשעל נאָרמאַן: „ענגלאַנד, וואָס פירט יעצט דעם קריג, — איז שוין ניט יענע ענגלאַנד, וואָס האָט דעם קריג אָנגעפאַנגען. אין ענגלאַנד איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע, — אַ פרידלאַכע, אַ פּאַרלאַמענטאַרישע, אָבער פונדעסטוועגן אַ רעוואָלוציע."

די אַלטע ענגלאַנד האָט מורא געהאַט, ווי פאַר פייער, אַריין אין וועלכן ס'איז ניט „אידעאָלאָגישן בלאָק". די יעצטיקע ענגלאַנד ווייסט, אַז דעם קריג קאָן מען געווינען נאָר אַלס גרויסע אידעאָלאָגישע מלחמה פאַר אַלמענטשלאַכע, קולטור־ און מאָראַל־ווערטן. יענע ענגלאַנד האָט ניט געוואָלט הערן פון עפּעס, וואָס זאָל זיין ענלאַך אויף אַן „אידעאָלאָגישן קרייץ־צוג" קעגן די מלוכות, וועמענס רעזשים איז אַ פאַרקערפּערונג פון אָטענטאַט אויף דער וועלט־דעמאָקראַטיע. די יעצטיקע ענגלאַנד עמפּינדעט דעם קריג, אַלס אַ מין בירגער־קריג אין דער אַלמענטשלאַכער משפחה. ענגלאַנד איז ניט נאָר רעוואָלוציאָניזירט דורכן קריג, נאָר וועט רעוואָלוציאָניזירט ווערן אויך ווייטער. די אייזערנע לאָגיק פון די געשעענישן האָט איר באַוויזן, אַז אויב זי וועט באַזיגן דייטשלאַנד, — איז ניט מיטן פּשוט'ן איבערגעוויכט פון די טעכ־

נישע מיטלען פונם „מאשין־קריג״, נאָר מיטן קריג גופא, מיטן אויפ־שטאַנד פון אַלע אונטערדריקטע קאָנטינענטאַלע נאַציעס, נישט אויס־שליסנדיק, מעגלאַך, אַז אויפשטאַנד, אַז אינערלאַכן רעוואָלוציאָנערן קראַך פון 3טן רייך גופא.

יאָ, ענגלאַנד רעוואָלוציאָניזירט זיך דורכן קריג, וואָס מ׳קאָן, ליידער, ניט זאָגן וועגן ראַטן־פאַרבאַנד, וועמענס איבערגאַנג פונם טאָטאַליטאַרן לאַגער אין דעמאָקראַטישן איז ניט באַצייכנט געוואָרן מיט קיין שום מינדעסטן שריט אויפן וועג פון אינערלאַכער דעמאָ־קראַטיזאַציע. די צימערוואַלדיסטן, וואָס בלאַנדזשען איבער דער וועלט, אַלס לעבעדיקער אַנאַכראָניזם, האָבן נאָך אַלץ מורא פאַר אַ סעפ־פאַראַטן אַנגלאָ־זאַקסיש־גערמאַנישן שלום אויפן חשבון פון רוס־לאַנד. אַביסל מער געפיל פאַר אונזער רעאַלער צייט וואָלט זיי דיק־טירט מורא צו האָבן פאַר אַן׳אַנדער זאַך: פאַר סטאַלינ׳ס צוריקקער אויפן וועג מאַלאָטאָוו ־ ריבענטראָפּ, פאַר זיין קאַפּיטולאַציע אין דער אַטמאָספער פון אַ גרויסער מפּלה, פאַר זיין אַרויסגיין אויפן וועג פון הונדערט־פּראָצענטיקער „מיטאַרבעט״ מיט היטלער׳ן אין גייסט פון לאַוואַל ־ פּעטען ־ דאַרלאַן.

באַדייט עס אָבער, אַז דער סאָציאַליזם דאַרף ווערן אַ פּשוט׳ער צוגאָב צום אַנגלאָ־זאַקסישן בלאָק, און אַז די פאָדערונגען פון סאָ־ציאַליזם דאַרפן צענויפפאַלן מיט די 8 פּונקטן פון רוזוועלט און טשערטשיל?

ניין, דאָס הייסט, אַז דער סאָציאַליזם דאַרף גיין אין אַוואַנגאַרד פון דאָזיקן בלאָק, פאָרזעצנדיק די אַרבעט פון דער פרידלאַכער רעוואָ־לוציע, וואָס ער און דער גאַנג פון דער געשיכטע האָבן שוין אָנגע־הויבן. דער סאָציאַליזם אונטערשטיצט אין אַלגעמיין די 8 פּונקטן, אָבער ער פאַרגעסט ניט, אַז רוזוועלט און טשערטשיל זיינען אין די פּונקטן געווען געבונדן מיט זייער לאַגע. זיי האָבן גערעדט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר אומגעהייערע מלוכות, פאַר אַ פאַרשידנאַרטיקן קאָנ־גלאָמעראַט פון כוחות, וועמענס פאַרהעלטעניש עס האַלט זיך אין ענדערן.

אַנדערש איז מיטן סאָציאַליזם. ער דאַרף פאַרלויפן דעם גאַנג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און דאַרף מיט זיין גייסטיקן בליק אַריינקוקן אַזוי ווייט, ווי עס דערלויבן די אָפּטימאַלע מיטלען פון אונזער אַנאַליז און פּראָגנאָז. זיין פּראָגראַם איז — אַ ״פּראָגראַם־פּערספּעקטיוו״, אין וועלכער די באַזונדערע רעפאָרמען גיסן זיך צע־נויף אין אַ רעוואָלוציאָנערער רעפאָרם, וועלכע ברענגט מיט זיך באַנייונג און ווידער־אויפלעבונג.

ווזוועלט און טשערטשיל זיינען פאַרזיכטיק אין זייערע פונקטן. אמת, זיי ריידן וועגן „ענדגילטיקער פאַרניכטונג פון דער נאַציִשער טיראַניע". זיי שטעלן איר אַנטקעגן קאָלעקטיווע זיכערקייט אין דער סטאַביליזירטער וועלט. פאַרזעצנדיק און קאָנקרעטיזירנדיק דעם דאָזיקן געדאַנק, דאַרפן מיר ריידן וועגן שאַפן אין דער גאַנצער וועלט אַ פעסטע רעכטלאַכע אָרדנונג, וואָס זאָל זיין פונקט אַזוי פאַרפליכטענד פאַר אַלע פעלקער, ווי די אינערלאַכע נאַציאָנאַלע געזעצגעבונג איז פאַרפליכטענד פאַר באַזונדערע בירגער. אַזאַ רעכט־אָרדנונג דאַרף ניט דערלאָזן, אַז אין קיין שום ווינקל פון ערד־קוגל זאָל אַנטשטיין אַן אַרטיקע טיראַניע, וועלכע שטרעבט שטענדיק צו אַנטוויקלען זיך אין אַן אוניווערסאַלער.

ביידע פּרעזידענטן ריידן וועגן רעכט פון יעדן פאָלק אויסצוקלייבן זיך די אָדער יענע רעגירונגס־פאָרם. דאָס איז פאַרשטענדלאַך, — אָבער אין די גרעניצן פון קלאָרע נאָרמעס פונם נייעם אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, וועלכע קאָנען און דאַרפן אומעטום שיצן אויף אַ גלייכן אופן, סיי די „אומאָפּנעמבאַרע רעכט פון מענטש און בירגער", אַזוי אויך די רעכט פון די מינדערהייטן און די עיקר'דיקע פּערזענלאַכע און געזעלשאַפטלאַכע פרייהייטן. דאָס דאַרף זיין אַ טייל פון דער וועלט־קאָנסטיטוציע. לויט איר, דאַרף יעדעס פאָלק באַקומען פאַר זיך דאָס רעכט אויף אַלץ, חוץ פאַר'משפט'ן זיך אויף פּאָליטישער און ציווילער רעכטלאָזיקייט. אַזוי קאָן יעדער בירגער פון אַ ציוויליזירטער מלוכה טון מיט זיך אַלץ, חוץ פאַרקויפן זיך אַלס שקלאַף, אָדער פאַרדינגען זיך אַלס לייב־אייגענער קנעכט, וואָס עס איז פאַרווערט דורכן געזעץ.

ביידע פּרעזידענטן ריידן וועגן זייער אַכטונג צו דער סואווערעניטעט פון די באַזונדערע מלוכות, אויף וויפיל זי רירט ניט אָן אַ פרעמדע סואווערעניטעט. העכער פון די אַלע סואווערעניטעטן, וועלכע זיינען אייגנטלאַך ניט מעטאַפיזיש־אַבסאָלוטע, נאָר רעלאַטיווע, — דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן אַן־איבער־סואווערעניטעט פון דער סאָלידאַריזירטער מענטשהייט, אַלס גאַנצעס, אָדער פון סאַנקציאָנירטע דורך איר סופּער־מלוכה'שע אינסטיטוציעס.

ביידע פּרעזידענטן האָבן געהאַלטן פאַר בעסער ניט צו ריידן וועגן דער „פעלקער־ליגע", וועלכע האָט ניט באַרעכטיקט די האָפענונגען, וואָס זיינען אויף איר געלייגט געוואָרן. אָבער אַן'אַלגעמיינע רעכטלאַכע אָרגאַניזאַציע פון דער מענטשהייט פאָדערט, אַז עס זאָל אויפגעלעבט ווערן די אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע „מלוכה איבער

מלוכות", — אַז דעם פריערדיקן רעכט אַריינצוגיין און אַרויסצוגיין, ווען עס ווילט זיך און ווען עס גלוסט זיך.

דיביידע פּרעזידענטן, רעדוצירנדיק זייערע דעזידעראַטן צו אַ פּאָרזיכטיקן מינימום, ריידן גאָרניט וועגן די קעגנזייטיקע באַציונ־גען פון מלוכה און נאַציע, וועלכע האָבן אין דער יעצטיקער אייראָפּע אָנגענומען אַ באַזונדערס געשפּאַנטן און קראַנקהאַפטן כאַראַקטער. פאַר אונדז ליגט אָבער טאַקע דאָ דער שורש פון דער פראַגע וועגן קריג און פרידן. אויב אַמאָל האָבן די פעלקער פאַרגעשטעלט מיט זיך שאַרף אָפּ־געזונדערטע בלאָקן, ווערן אָבער יעצט אויף זייערע פּעריפעריעס כסדר געשאַפן און פאַרברייטערט די זאַנעס מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג. דער וועלט־ראַסיזם באַמיט זיך אומזיסט צו דרייען צוריק די ראָד פון דער געשיכטע, ניט נאָר אַרויסשיקנדיק פון „זיינע" לענדער די פרעמ־דע מינדערהייטן און צוריקרופנדיק זיינע מינדערהייטן פון די פרעמדע לענדער, — נאָר אויך אַריינמישנדיק זיך אין די הייראַטן, כדי איינ־צוהיטן די בלומר'שטע „ראַסן־ריינקייט". די שאַרפקייט פון די נאַ־ציאָנאַלע סכסוכים אין די געמישטע זאַנעס קאָן, פאַרשטייט זיך, אָפּ־געשוואַכט ווערן דורכן אַריינפירן אומעטום דעם איינהייטלאַכן אינ־טערנאַציאָנאַלן סטאַטוט פון שיצן מינדערהייטן און דורך קאָנטראָלירן זיין אָנווענדונג דורך העכערע, אינטערנאַציאָנאַלע אינסטאַנצן. פונ־דעסטוועגן וואָלט ראַדיקאַל געלעזן די פראַגע נאָר דאָס אָפּטיילן די נאַציע פון דער מלוכה, לויטן מוסטער פון אָפּטיילן די קירכע פון דער מלוכה, ווי דער בורזשואַזער ליבעראַליזם האָט עס געטאָן: די מלוכה דאַרף ווערן דענאַציאָנאַליזירט און די נאַציע — אַנט'מלוכה'שט.

אַז דעם אַלעמען וועט די „נייע אייראָפּע" בלייבן אַ פּוסטע פראַזע, אָדער, נאָך ערגער, אַ צודעק פאַר אַ מער צי ווייניקער פאַר־מאַסקירטן אימפּעריאַליזם פון אַ וועלכער ס'איז דעליקאַט אַדורכגע־פירטער העגעמאָניע. געוויס, אויב מ'וואָלט אומבאַדינגט געדאַרפט אויסקלייבן, וואָלטן מיר די העגעמאָניע פון די פאַרגעשריטענע דע־מאָקראַטישע לענדער אַדורכגעטראָגן גערנער, ווי די העגעמאָניע פון די מאָדערנע „מאָטאָריזירטע אַטילעס". אָבער די אויפגאַבע פון סאָ־ציאַליזם איז — אָרגאַניזירן די סאָלידאַריזירטע מענטשהייט אויף שטרענג רעכטלאַכע יסודות, וואָס שליסט אויס יעדע העגעמאָניע, חוץ דער מאָראַלער העגעמאָניע, וועלכע דרינגט אַרויס פונם אָפּטי־מאַלן קולטור־ווערט פונם פאָלק, וועלכער האָט איבערגעיאָגט אַלע אַנדערע פעלקער און וועלכער פאָדערט ניט דערפאַר פאַר זיך קיין שום מאָנאָפּאָליעס און קיין שום פּריווילעגיעס.

בײדע פּרעזידענטן רײדן — אין סאַמע אַלגעמײנע שטריכן — װעגן דעם סאָציאַלן אינהאַלט פון די דעמאָקראַטישע מלוכות, — װעגן דער אַלגעמײנער עקאָנאָמישער אַנטװיקלונג, װעגן צוטריט צו די װעלט־קװאַלן פון רױ־שטאָפן, װעגן פאַרבעסערטע אַרבעטס־סטאַנדאַרטן, װעגן אַן׳עקזיסטענץ „אָן שרעק און אָן נױט״. די אַלע פראַגן געהערן צו דער ספּעציעלער קאָמפּעטענץ פון סאָציאַליזם, װעל־כער איז שטענדיק געװען דער הױפּט־פירער צו סאָציאַל־עקאָנאָמישער גלײכקײט.

דער סאָציאַליזם דאַרף פאַרשטײן זײן װעזן, אַלס קאָנסעקװענט אַדורכגעפירטע עקאָנאָמישע דעמאָקראַטיע. סאָציאַליזם הײסט ניט פאַרװאַנדלען דעם פּריװאַטן קאַפּיטאַליזם אין אַ טאָטאַליטאַר־עטאַ־טיסטישן. עקאָנאָמישע דעמאָקראַטיע, אין אונטערשיד פון דער מלוכה׳ש־ פּאָליטישער, איז אַ פ ו נ ק צ י אָ נ ע ל ע דעמאָקראַטיע. די אַלגעמײנע אָרגאַניזירונג פון די מענטשן, אַלס געברױכער, מיט איר קעגנזײטיקער אָפּהענגיקײט פון דער אַלגעמײנער דיפערענציר־טער אָרגאַניזאַציע פון די מענטשן, אַלס פּראָדוצענטן; איר נאַטיר־לאַכער, אױטאָנאָמער פעדעראַליזם און קאָרפּאָראַטיװיזם ליגן אין אַן׳אַנדער פלאַכע פונם היעראַרכישן און צענטראַליסטישן פּרינציפּ פון דער מלוכה.

אָן קלאָר אױסקשטעלן און קאָנסעקװענט לײזן די דאָזיקע פראַגע — איז נישטאָ קײן סאָציאַליזם אין אונזער תקופה, — אין דער תקופה פון אַנטאַרטונג און אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם, װעלכער קאָן ליקװידירט װערן נאָר אױף צװײ קעגנזעצלאַכע װעגן: אָדער פון טאָ־טאַליטאַרן עטאַטיזם, אָדער פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

דער אינטערנאַציאָנאַל לעבט אַדורך אַ גראַנדיעזן קריזיס. אָבער טײלװײז איז עס אַן׳אױסערלאַכער קריזיס, אין װעלכן ער איז אַרײנ־געצױגן געװאָרן דורך דער אַלגעמײנער קאַטאַסטראָפע. זי האָט גע־טראָפן די גאַנצע אײראָפּעאישע ציװיליזאַציע, װאָס איז אין איר אור־שפּרונג אַ הומאַניטאַרע און דעמאָקראַטישע און געפינט זיך יעצט אונטערן דרוק פון אַן׳אַנדער קװאַזי־ציװיליזאַציע, אַן׳אױטאָריטערער, טאָטאַליטאַרער און דיקטאַטאָריש־טעראָריסטישער. װען דער „מאָטאָ־ריזירטער אַטילאַ״ װעט צעקלאַפּט װערן דורך די כוחות פון דער װעלט־דעמאָקראַטיע, — װעט דער יעצטיקער קריזיס תיכף פאַר־ביטן װערן דורך אַ מעכטיקן שטוים צו אַ נײעם אױפשטײג און פאַ־נאַנדערבלי.

פאַראַן אָבער אין אים אױך אַ חלק פון אינערלאַכן קריזיס. ער איז אַנטשטאַנען, ערשטנס, דורכדעם, װאָס אינם סאָציאַליסטישן לאַ־

גער פאַרשטייט מען ניט גענוג דעם דעמאָקראַטישן און הומאַניטאַרן מהות פון אונזער סאָציאַליזם. פון דעם זיינען געקומען די אַנדרוגנוס־פאַרמען פון באָלשעוויסטישן קאָמוניזם, וועלכער פאַרייניקט טאָטאַ־ליטאַרע פּרינציפּן פון טעראָריסטישער טיראַניע מיטן אויסגלייכונגס־לאָזונג פון סאָציאַליזם. די אינערלאַכע סתירות פון דער אידיי פון איינ־הייטלאַכן פראָנט פון אינטערנאַציאָנאַל מיטן קאָמינטערן דערפירט די גייסטיקע צעמישונג, וואָס קומט אַרויס פון דעם, צום העכסטן פונקט.

צווייטנס, איז דער קריזיס אַנטשטאַנען צוליב דער קאָנסטרוק־טיווער אומרייפקייט פון סאָציאַליסטישן פּאָציפיזם, פון זיין ריין־נעגאַטיווער פּראַקטיק. אָבער די ניט־רייפקייט וועט שנעל פאַרשווינדן, זי ווערט שוין פאַרשוואונדן, אין דער מאָס, ווי דער סאָציאַליזם גרייט זיך צום קינפטיקן שלום־קאָנגרעס. מ'דאַרף נאָר, אַז פון אַבסטראַקטע פּרינציפּן זאָל ער אַריבערגיין צו דער קאָנקרעטער אויסאַרבעטונג פונם קינפטיקן שלום־טראַקטאַט, פונם סטאַטוט פון דער נייער איי־ראָפּע. דורכדעם וועט דער סאָציאַליזם באַווייזן, צי ער איז ווירקלאַך רייף געוואָרן, כדי אָנצופירן מיט דער וועלט. אָדער צווישן דער שקיעה פון קאַפּיטאַליזם און דעם זון־אויפגאַנג פון סאָציאַליזם שטייט אונז נאָך פאָר אַ לאַנגע תקופה פון אַ טיפן נעפּל, ווען מען דאַרף זוכן דעם וועג, טאַפּנדיק אין דער פינצטערניש און ווען מ'קאָן אַזוי לייכט פאַרבלאָנדזשען . . .

די יידישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק און דער קריג

פון

מ. קאָבאַנסקי

מיט איינינקע וואָכן צוריק איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט געמאַכט די גאַנצע וועלט טראַכטן וועגן מאָרגן, וועגן ליכטיקערן מאָרגן, וועלכן מיר דערוואַרטן נאָכן פינצטערן היינט. דער צוזאַ־מענטרעף צווישן די פירער פון די צוויי גרעסטע וועלט־מאַכטן און די היסטאָרישע דעקלאַראַציע וועגן דער אָנטשלאָסנקייט צו באַזיגן נאַצי־דייטשלאַנד און אויפשטעלן אַ נייע וועלט, האָבן פאַר דער אויס־געמאַטערטער וועלט אויפגעשיינט ווי אַ רעגנבויגן, וואָס וועט קומען נאָכן מבול און אָנזאָגן, אַז מיר הויבן אָן אַ ניי לעבן. און אויב איי־ראָפּע וועט דעמאָלט האָבן מער פאַרשטאַנד, וועלן אפשר די אָכט

פונקטן פון דער דעקלאַראַציע ווערן אַ נייע מאַגנאַ כאַרטאַ ליבערטאַ־טום, נישט פאַר איינצלנע מענטשן, נאָר פאַר פעלקער, ווי ווילסאָנ׳ס פערצן פונקטן זיינען עס נישט געוואָרן, ווייל די וועלט איז נאָך נישט רייף געווען דערצו.

און איצט שטעלט זיך די פראַגע: וואו זיינען מיר, יידן, וואו קאָנען זיין מיר, יידן, אין דער נייער וועלט, וואו און ווי אַזוי קאָנען מיר אַרויסשטעלן אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, מיר, אַלס אַ פאָלק, און מיר, אַלס בירגער, אַלס נאַציאָנאַלע גרופעס אין פאַרשי־דענע לענדער.

מלחמות קומען געוויינטלאַך פאָר צווישן מלוכות, דאָס הייסט צווישן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן, וואָס באַזיצן אייגענע טערי־טאָריעס, אייגענע אַדמיניסטראַציעס און אייגענע אַרמייען. דאָס ביז־איצטיקע אינטערנאַציאָנאַלע רעכט קען נישט קיין פעלקער, נאָר מלוכות, ביי אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהאַנדלונגען טרעט אַרויס אַלס צד אַ רעגירונג, אַן אָנערקענטע פירערשאַפט פון אַ מלוכה.

אָבער די היינטיקע מלחמה האָט געענדערט אַלע געזעצן פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, סיי אין דער פּראָצעדור, סיי אין עיקר־ענינים. דער נאַציזם האָט אַנגעוואָרפן דער וועלט אַן אופן פון קאַמפן, וואָס איז ביז איצט געווען אומבאַקאַנט אין דער געשיכטע. עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, ווען אַ מלוכה קעמפט נישט בלויז מיט מלוכות, נאָר מיט אַ פאָלק, וואָס האָט נישט קיין אייגענע מלוכה. די נאַצים קעמפן נישט בלויז מיט פוילן, מיט פראַנקרייך, מיט ענגלאַנד, רוסלאַנד, נאָר מיט די יידן; נישט מיט די יידן, אַלס ביר־גער פון די דאָזיקע מלוכות, נאָר מיט יידן, אַלס **אַ פ אָ ל ק**. און די מלחמה־צילן בנוגע די יידן זיינען פיל ווייטער־גייענדיקע, ווי בנוגע אַנדערע. דאָרט האַנדלט זיך ווענן באַהערשן, דאָ — ווענן אויסראָטן.

דער דאָזיקער פאַקט, אַז קעגן אונז ווערט געפירט אַ מלחמה, דאַרף זיין דער אויסגאַנג־פונקט פון אַלע אונזערע באַטראַכטונגען ווענן מאָרגן נאָכן קריג, ווען די זיגער וועלן זיך אָוועקזעצן משפט׳ן נאַצי־דייטשלאַנד און איינשטעלן אַ נייע אָרדנונג אין דער וועלט. מיר זיינען נישט בלויז בירגער פון קריג־פירנדיקע מלוכות, מיר זיינען נישט בלויז דער גרעסטער כוח אין אַ לאַנד, וואָס געהערט צו דער בריטישער אימפּעריע, **מיר זיינען אין דער ערשטער ריי אַ צד אין דער מלחמה.** אין דער צאָל קרבנות, וועלכע די מלחמה האָט אונז גע־קאָסט, שטייגן מיר, ליידער, פאַרהעלטנישמעסיק איבער אַלע אַנדע־רע פעלקער, און אונזער אַבסאָלוט געמומען מינימאַלער, אָבער פּראָ־

פאַרציאַנעל גרויסער ביישטייער צו באַזיגן דעם נאַצישן משוגע'נעם הונט וועט אויך אויפגעדעקט ווערן נאָך דער מלחמה פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

מיר זיינען אַלזאָ אַ צד אין דער מלחמה. אַז אַ לאַנד, אַז אַן אַרמיי אין געוויינטלאַכן זין פון דעם וואָרט, אָבער אַ קריגספירנדיק פאָלק. די אַנערקענונג פון דאָזיקן פאַקט דאַרף זיין אונזער ערשטע און וויכטיקסטע פאָדערונג צו דער וועלט, און דערפון דרינגען אַרויס גאַנץ ווייטגייענדיקע קאָנסעקווענצן.

לאָמיר זיך איצט אָפּשטעלן בלויז אויף איין זייט פון דער פראַגע.

עס איז לגמרי נישט קיין איבערטרייבונג, ווען מען זאָגט, אַז די היינטיקע מלחמה, וועלכע איז נאָך ווייט פון פאַרענדיקן, האָט גע־בראַכט אַ חורבן אומעטום, וואו זי איז אַדורך. גאַנצע לענדער ליגן אין חורבות, פאַרברענט, רואינירט, אויסגעליידיקט פון אַלע רייכטי־מער, אַן דער מינדסטער מעגלאַכקייט זיך צוריקצובויען מיט אייגענע כוחות. דער הויפּט־פּראָבלעם נאָך דער מלחמה וועט טאַקע זיין ווי אַזוי צו ראַטעווען די צענטליקער מיליאָנען מענטשן פון הונגער, ווי אַזוי צוריק איינצושטעלן אַ נאָרמאַל עקאָנאָמיש לעבן, פאַרזייען די פעלדער, לאָזן אין גאַנג די אינדוסטריע, דעם טראַנספּאָרט. ווער וועט דאָס פינאַנסירן?

פוילן האָט שטאַרק געליטן פון דער מלחמה, אָבער די יידן אין פוילן האָבן געליטן אויף אַ גאָר אַנדערן אופן. נישט אַלס בירגער פון אַ באַזיגט לאַנד, נאָר אַלס אַ נאַציאָנאַלע גרופּע. די מערהייט פּוילישע פּויערים איז געבליבן אויף איר ערד, אַרבעטער — ביי זייערע וואַר־שטאַטן, סוחרים — אין זייערע געשעפטן, הגם אַלע אין געהאַקטע צרות, אָבער אונזער **גאַנצע** ווירטשאַפט איז חרוב געוואָרן, אַלץ איז פאַרניכטעט געוואָרן און אַלץ דאַרף מען אויפבויען פונדאַסניי.

ווען דאָס אויפגעלעבטע פּוילן וועט מיט דער הילף פון זיינע פאַרבינדעטע זיך אָנהויבן ווידער שטעלן אויף די פיס, וועלן מיר אוודאי פאָדערן אונזער חלק, אַלס בירגער פון לאַנד. אָבער מיר דאַרפן אויך פאָדערן פון דער וועלט אונזער חלק, אַלס איינס פון די געליטענע **פעלקער**.

און ס'האַנדלט זיך דאָ נישט בלויז וועגן פּריוואַטן אייגנטום פון איינצלנע יידן. מיר האָבן נאַציאָנאַל, ריכטיקער געזאָגט **מלוכה'ש**, געליטן פון דער מלחמה. אונזער מלוכה'שע אויפבוי־אַרבעט איז פאַרן קריג געווען קאָנצענטרירט אויף ארץ־ישראל. דאָרטן האַלטן מיר אין שאַפן דעם מלוכה'שן צענטער פון יידן, אַלס **פאָלק**. אינם קריג

און צוליב אים, איז אונזער ארבעט דאָרט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. צו־ליב דער פאַרניכטונג פון יידישע ישובים, זיינען שטראָמען עולים און געלט, וועלכע זיינען געפלאָסן פון די אַלע לענדער, אין דער צייט פון דער מלחמה אָפּגעשוואַכט, צי אפילו אויסגעטריקנט געוואָרן, און וואָס שייך געלט, וועט עס אַזוי גיך נישט אָנהויבן צו פליסן אפילו נאָך דער מלחמה. עס שטייען, אַלזאָ, פאַר אונז פיל וויכטיקע אויפגאַבן אין דעם געביט, און קודם־כל די פאָדערונג, אַז דער קינפטיקער שלום־קאָנגרעס זאָל נעמען אין באַטראַכט די געוואַלטיקע יעצטיקע ליידן פון יידן, אַלס פאָלק, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגלייכן מיט די „נאָר־מאַלע" ליידן פון מלוכה'שע פעלקער, און זאָל אונז ענדליך געבן די מיטלען און מעגלאַכקייטן, אונזער נאַציאָנאַל־מלוכה'שן ווידער־אויפ־בוי אין ארץ־ישראל פולשטענדיק צו רעאַליזירן.

דאָס איז איין פונקט פון די קאָנסעקווענצן, וועלכע דרינגען אַרויס פון אונזער פונדאַמענטאַלער פאָדערונג צו דער נאָכ'מלחמה'־דיקער וועלט: די אָנערקענונג פון יידישן פאָלק אַלס קריגפירנדיקן צד. די קאָנסעקווענצן זיינען ריזיקע. און נאָר מיט דער דאָזיקער פאָדערונג, אפילו ווען ס'זאָל אונז נישט געלונגען זי אינגאַנצן אַדורכצופירן, קע־נען מיר פירן אַן אמת'ע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, נישט קיין עני בפתח־פּאָליטיק, נאָר אַ פּאָליטיק פון אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט מער, ווי דעם מאַקסימום, וואָס עס האָט געקענט געבן, און פאָדערט זיין חלק.

פ. ס. — שוין נאָכן אָנשרייבן דעם אַרטיקל האָבן מיר געהערט אין ראַדיאָ פּרעמיער טשערטשיל'ס רעדע, מיט דעם וואונדערבאַרן פאַ־טעטישן רוף צו אַלע פעלקער, וואָס זיינען באַזיגט געוואָרן פון נאַ־ציזם און באַזיגטערהייט שטעלן זיי אַ ווידערשטאַנד, צו די נאָרוועַ־גיער, טשעכן, פּאָליאַקן, פראַנצויזן, האָלענדער, בעלגיער, לוקסעמבור־גער, יוגאָסלאַווער. צו די יידן — נישט. ווע וועלן שוין ענדליך די מלוכה־לייט זיך רירן פון אַ ט ־ ד ע ם טויטן פונקט?

אונזער אַרבעט פאַר רעטונג און פּליטים־הילף

פון

ל. פּעק

נישט אין שטילע, רואיקע טעג, אין נאָרמאַלע צייטן, ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען קען מען פעסטשטעלן דעם כוח פון אן אידייע, די אויסגעהאַלטנקייט פון א באַוועגונג, די עקשנות פון אירע טרעגער, נאָר אין צייטן פון שטורם און כאַאָס, אין טעג פון סכנות און געפאַרן, פון בלוטיקע קאַשמאַרן — אין אַזעלכע טעג ווערן מענטשן פון באַוועגונגען געשטעלט צום נסיון, צום פּרוביר־שטיין פון אויסגעהאַלטנקייט, צו די אידייען און אמת'ן, וועלכע זיי האָבן תמיד געפּריידיקט, זיינען טאַקע זייער לעבנס־אינהאַלט, פאַר וועלכן זיי זיינען גרייט קרבנות צו ברענגען.

ווי א וואונדערלאַכע לעגענדע וועט אַמאָל דערציילט ווערן די העראָאישע געשיכטע פון אונזער באַוועגונג אין דער תקופה פון דער מלחמה, ווי אַזוי אין די בלוטיקע חורבן־טעג, ווען יעדע טעטיקייט איז פאַרבונדן מיט סכנות־נפש, האָבן אונזערע חברים אין די הונדערטער און טויזנטער נישט איבערגעריסן די אַרבעט, אומעטום אין די געפערלאַכסטע באַדינגונגען געטראָגן שטאָלץ דעם אמת פון אונזער אידעאַל אין הארץ און אין טאַט, האָבן זיך נישט אָפּגעהאַלטן פאַר קיינע שוועריקייטן און קרבנות און כסדר פאָרגעזעצט די אַרבעט און דעם קאַמף פאַרן ציוניסטישן סאָציאַליזם, פאַר אידישער באַפרייאונג.

די שילדערונג פון דער שטראַלנדיקער, העראָאישער אונטערערדישער אַרבעט פון אונזער באַוועגונג אויף די שטחים פון די אָקופּאַציעס אין פּוילן ווערט באַזונדערס געגעבן אויף אן אַנדער פּלאַץ. דאָ ווילן מיר נאָר פאַרצייכענען אַביסל פון די טעטיקייטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך אונזערע חברים במשך פון די צוויי וואַנדערונגס־יאָרן זייט דעם אויסברוך פונם קריג, אין ווילנע און אין יאַפּאַן.

* * *

אין די שווערע טעג פון פּלוצלינגן שרעקלאַכן חורבן פון דער פּוילישער מלוכה און קאַטאַסטראָפע פון פּוילישן יידנטום, איז אונזער באַוועגונג ניט אַנטמוטיקט און צעבראָכן געוואָרן, נאָר געבליבן פעסט און שטאַרק, פול מיט האָפנונג און גלויבן אין נצחון פון אמת און גערעכטיקייט. מיט ענערגיע און עקשנות האָבן די חברים זיך גלייך געוואָרפן אין דער אַרבעט פון הילף און רעטונג פון אויפבוי און

עליה. אין יעדן מאָמענט, אויף יעדן פּלאַץ, ביי אַלע באַדינגונגען, וואו ס'איז נאָר נויטיק געווען הילף, האָבן זיי זיך געשטעלט צו דער אַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט און מסירות־נפש. אומעטום זיינען זיי געווען די פּיאָנערן, די פאַרגייער פון דער מחנה, און תמיד גענומען אויף זיך די לאַסט פון הילפס־אַרבעט פאַר דעם גאַנצן יידישן כלל. און אין די שווערסטע, טראַגישסטע טעג איז, אַדאַנק אונזערע חברים, פיל געשאַפן געוואָרן אויפן געביט פון רעטונג און הילף.

* * *

ווען מיר זיינען אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער 1939 נאָך לאַנגע און שווערע וואַנדערונגען אַנגעקומען קיין ווילנע, זיינען דאָרט געווען בלויז געציילטע הונדערטער פּליטים. פון אונזער באַוועגונג נאָר עטלאַכע צענדליג חברים. דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן אָנגע־הויבן טאָן, איז געווען צו זען וואָס מער מענטשן אַרויסצוראַטעווען פון די אָקופּאַציע־געביטן און זיי אַריבערברייינגען קיין ווילנע. ס'זיי־נען אַרויסגעשיקט געוואָרן שליחים אין די פאַרנומענע געביטן, אָנצו־זאָגן די חברים, זיי זאָלן אַריבערקומען אין וואָס גרעסערע צאָלן און וואָס שנעלער. צו די גרעניץ־פּונקטן זיינען געשיקט געוואָרן חברים צו הילף און אינסטרוקציעס.

די סאָוועטיש־ליטווישע גרעניץ איז געווען אָפּגעשלאָסן. פון ביי־דע זייטן גרעניץ האָט געדראָט אַ געפאַר פאַרהאַלטן צו ווערן און שווער באַשטראָפט צו ווערן. די ראַטן־מאַכט האָט באַשטראָפט פאַר שמוגלען די גרעניץ מיט יאָרן טורמע אָדער מיט פאַרשיקונג קיין סיביר. די ליטווישע מאַכט פלעגט אַרעסטירן און צוריקשיקן צום סאָוועטישן גרעניץ. געפאַרן און סכנות האָבן געלויערט אויף די לאַנג־אויסגע־צויגענע גרעניץ־וועגן, און דאָך — האָבן אין געציילטע וואָכן אַריינ־געשטראָמט פון די אָקופּירטע שטחים, דורך אָט־די סכנות'דיקע וועגן און געפערלאַכע גרעניצן, אין קאַלטע, פראָסטיקע ווינטער־נעכט, אי־בער צוויי טויזנט חלוצים און חלוצות אין דער עיר־המקלט — אין ווילנע. אַ טייל פון זיי זיינען אָנגעקומען קראַנקע, מיט אָפּגעפרוי־רענע פיס, אַ טייל ערנסט־פאַרקילטע, וועלכע זיינען גלייך אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל.

די טויזנטער יונגע חברים פון דער חלוצישער און פאַרטייאישער מחנה זיינען סטימולירט און באַוואויגן געוואָרן צו אַנטלויפן פון זייערע היימען, זיך שיידן מיט זייערע עלטערן און פאַמיליעס, אַז אויסזיכטן צו באַקומען אין דער אָרימער חרוב'ער יידישער ווילנע אַרבעט און ברויט — נישט דורך שרעק פאַר זייער פיזישן קיום,

נישט דורך מורא פאַר הונגער אָדער פאַר טורמע און פאַרשיקונג אונטער די אָקופּאַנטן, — נאָר דורך זייער שטאַרקן דראַנג נאָך פרייהייט, דורך זייער בענקשאַפט צו ארץ־ישראל, צו אַ פרייען יידישן לעבן, דורך זייער הייסן באַגער אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דעם איצטיקן גרויסן וועלט־קאַמף פאַר פעלקער־ און מענטשלאַכער פרייהייט. אָט־די גרויסע בענקשאַפטן האָבן געגעבן כוח און גבורה די טויזנטער חברים פון „החלוץ" און פון דער פאַרטיי, אַלע סכנות און שטערונגען צו איבערווינדן.

צוזאַמען מיט דעם חלוציש־ציוניסטישן שטראָם, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס פון פּוילן, האָבן אויך אָנגעהויבן שטראָמען פיל הונדערטער, הונדערטער פון אַנדערע קרייזן, ישיבה־בחורים, רבנים, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלאַכע טוער א. אַ. די פּליטים־מחנה האָט זיך צעוואַקסן. עס זיינען אַנטשטאַנען פראַגן פון אָרגאַניזירן הילף פאַר די פליטים, באַזאָרגן זיי מיט עסן, וואוינונגען, קליידונג, מעדיצינישע הילף, העלפן אַריבערברענגען די פאַמיליעס. כמעט אַלע זיינען געקומען באַרוויס און נאַקעט — אין אַ גראַשן געלט. מיר האָבן דאָן אויסגעאַרבעט אַן'אַרבעטס־פּלאַן.

דער פּלאַן אונזערער האָט אַרומגענומען די פאָלגנדע געביטן: 1) סאָציאַלע הילפס־טעטיקייט; 2) קאָנטאַקט מיט די אָקופּירטע געביטן; 3) עמיגראַציע און עליה; 4) היסטאָרישע אַרבעט. די דאָזיקע אַרבעטס־געביטן זיינען צעטיילט געוואָרן צו באַזונדערע חברים, וועלכע האָבן געדאַרפט אין די באַטרעפנדע אינסטיטוציעס די אַרבעט אָנפירן און אָרגאַניזירן.

1. סאָציאַלע הילפס־טעטיקייט

אין ווילנע האָבן זיך קאָנצענטרירט איבער צען טויזנט פּליטים. די גרעסטע העלפט האָבן געהערט צו אָרגאַניזירטע גרופּן: 2500 ציוניסטן און חלוצים, בערך 2000 ישיבה־לייט און רבנים, איבער 200 „בונד" און קרוב 1000 פון אַנד. פּאַרטייען. אויך פון די ניט־אָרגאַניזירטע זיינען געווען אַ גרויסער טייל מענטשן, וועלכע זיינען ביז דער מלחמה נישט אָנגעקומען צו קיין הילף און שטיצע. די אַלע מענטשן זיינען פּלוצים אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען, פון זייער אַרבעט און באַשעפטיקונג און געצוואונגען געוואָרן זיך צו ווענדן נאָך געזעלשאַפטלאַכער הילף. עס האָט אַלעמען געדראָט אַ פיזישער און מאָראַלישער צוזאַמענברוך. די דאָזיקע גרויסע און פאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעט איז אָנגעטרויט געוואָרן מצד דער קהילה אַ קליינעם קאָמיטעט, אין וועלכן אונזערע חברים האָבן פאַרנומען אַן'אָנפירנדן פּלאַץ.

כדי צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די שווער־געטראָפענע פּליטים, זיי זאָלן זיך ניט פילן שלעכט ביים באַקומען די שטיצע, איז די הילף פאַרטיילט געוואָרן, לויט די פאַרשידענע גרופּירונ־גען, — פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע. יעדע גרופּירונג האָט געהאַט איר ספּעציעלע קיך פאַר זיך, וועלכע האָט גלייכצייטיק אויך געדינט אַלס קלוב פאַר אירע מיטגלידער, אַלס היים זיך אויסצו־לעבן קולטורעל און געזעלשאַפטלאַך. די גאַנצע אַרבעט איז געפירט געוואָרן דורך אַ זעלבסט־אָרגאַניזאַציע פון די פּליטים. עס איז געווען, למשל, אַן אייגענע בעקעריי פאַר פּליטים, אַן אייגענע יאַטקע פון כשר׳ע פלייש, אַן אייגענע שוסטעריי, שניידער־וואַרשטאַטען, איי־גענע סאַניטאַרישע און מעדיצינישע הילף. פאַר גרופּן זיינען גע־שאַפן געוואָרן קאָלעקטיווע וואוינונגען א. אַ. וו.

די גרויסע חלוצישע מחנה פון איבער 2 טויזנט חלוצים זיי־נען איינגעאָרדנט געוואָרן ביי לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעטן, אין וואַרשטאַטן, אויף הכשרה־פּונקטן א. אַ. וו.

אַט די דאָזיקע גאַנצע גרויסע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן אין גרעסטן טייל דורך אונזערע חברים. אַדאַנק אונזער איניציאַ־טיוו און שאַפונגס־קראַפט, איז אויפגעבויט געוואָרן אין די שווע־רע שטורמדיקע מלחמה־טעג אַ נעץ פון אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אויף אַ וואונדערבאַרן אופן געלייסטעט די פּליטים הילף און גאָר שטאַרק פאַרקלענערט דורכדעם זייערע ליידן און צרות אין משך פון אַ יאָר צייט.

2. קאָנטאַקט מיט די אָקופּירטע געביטן

ווי די טויבן אין מבול, אַזוי האָבן אויסגעזען די יונגע בחורים און מיידלאַך פון „החלוץ״, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן אין די אָקו־פּירטע געביטן מיט דער בשורה פון ווילנע, מיט דער האָפנונג פון עליה. טויזנטער אַרבעטער און יוגנטלאַכע, וועמען עס האָט גאָרנישט געדראָט אין דער סאָוועטישער אָקופּאַציע, האָבן פאַרלאָזן זייערע היימען, נישט וועלנדיק בלייבן אין גייסטיקער און פּאָליטישער פאַר־שקלאָפונג, און זיינען אַוועק קיין ווילנע, כדי פון דאָרטן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. און ווילנע, וואו ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט צוויי טויזנט חלוצים און הונדערטער חברים פון פועלי־ציון און התאחדות, איז געוואָרן אַ צענטער, פון וועלכן עס האָבן געצויגן יניקה אונזערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין דיביידע אָקופּאַציעס. די שווערע

אורטיילן צו זעקס און צו אכט יאר, וואס אייניקע שליחים האבן באקומען, אריבערגייענדיק די גרעניץ, האט קיינעם נישט אפגעהאלטן פון ווייטער צו גיין אין דער הייליקער שליחות. מיט מוט און התלהבות זיינען געגאנגען די יונגע חלוצים אויף די סכנות־פולע וועגן. דער־מונטערט און קאמפלוסטיק, ווערט די העראאישע ארבעט געפירט דורך אונזער יוגנט אומעטום, אין די געטאס און אין די ארבעטס־לאגערן, אויף פארשיקונג און אין די תפיסות.

3. עמיגראציע און עליה

איבער 4000 פליטים זיינען ארויסגעראטעוועט געווארן פון ליטע, אדאנק דער אוממיטלבארער עקשנות'דיקער ארבעט פון אונזער פאר־לעסטינער קאמיסיע פאר פליטים אין ליטע. ליטע איז געווען ארומ־גענומען ווי מיט אייזערנע רייפן פון דייטשלאנד און סאוועט־רוס־לאנד. פארן דורך דייטשלאנד איז געווען אויסגעשלאסן, רוסלאנד האט נישט געגעבן קיין טראנזיט־וויזעס פאר קיין פרעמדע בירגער. די קאמיסיע האט אויסגעארבעט א מעמאריאל צו דער סאוועטישער רעגירונג, אין וועלכן זי האט געבעטן טראנזיט־מעגלאכקייטן איבער רוסלאנד פאר 1000 מענטשן קיין ארץ־ישראל און 500 אין די אמע־ריקאנער לענדער. אלע עמיגראציע־„ספעצן" האבן ניט געגלויבט, אז רוסלאנד וועט דערלויבן דעם טראנזיט. מיר האבן אבער דאך אונ־זער ווענדונג געמאכט. עס זיינען אריבער וואכן און חדשים און קיין ענטפער איז נישט געווען. דערווייל איז געלונגען נאך גרויסע באַ־מיאונגען, אויסנוצנדיק אויך די הילף פון ח' לעאן בלום אין פאריז, צו באקומען פאר עטלאכע הונדערט פליטים טראנזיט־רעכט קיין ארץ־ישראל איבער מארסעל. די ערשטע גרופע איז אפגעפארן אדאנק דער באדייטנדיקער פינאנסיעלער הילף פון יידישן וועלט־קאנגרעס, יוניי־טעד פאלעסטיין אפיל און באארד און דעפיוטים אין דרום אפריקע — אין מערץ 1940, איבער ריגע און שטאקהאלם און פון דארט מיט אן עראפלאן קיין אמסטערדאם. דער דייטשער אטאק אויף דענמארק און נארוועגיע האט אוממעגלאך געמאכט אויף ווייטער דעם דאזיקן וועג. מיט אייניקע חדשים שפעטער האט די רויטע ארמיי אריינגעמאר־שירט קיין ליטע. די מאכט האבן איבערגענומען די קאמוניסטן, דער ארץ־ישראל־אמט איז געווארן געשלאסן, אונזער ארבעט איז פאר־באטן געווארן. די געפאר איז געווארן גרעסער און דער דראנג צו אנטלויפן שטארקער. מיר האבן אבער פארגעזעצט אומלעגאל ווייטער אונזער ארבעט, טראץ די סכנות, וועלכע זיינען דערמיט געווען פאר־בונדן.

טראָץ דאָס שליסן פון ארץ־ישראל־אַמט און דעם פאַרבאָט זיך צו פאַרנעמען מיט עמיגראַציע־טעטיקייט, האָט די ארץ־ישראל־קאָמי־סיע אַנגעווענדעט פאַרשידענע פּראַטעקציעס ביי דער סאָוועטישער און נייער ליטווישער רעגירונג — און נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז דערהאַלטן געוואָרן פון מאָסקווע אַ פּאָזיטיווע תשובה אויף אונזער מעמאָריאַל בנוגע טראַנזיט דורך רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל, און אַזוי־אַרום איז געעפנט געוואָרן דער רוסישער טראַנזיט פאַר די טויזנטער יידישע פּליטים.

דאָס איז דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון אונזער ארץ־ישראל־קאָמיסיע פאַר דער רעטונג פון די טויזנטער פּליטים. ווען נישט דער פאַקט, וואָלטן פיל טויזנטער פּליטים, וועלכע געפינען זיך איצט אין אַמעריקע און ארץ־ישראל, זיך איצט וואַלגערן אויף די חרוב'ע וועגן פון סאָוועט־רוסלאַנד אָדער אין די יידישע געטאָס, אָדער אינגאַנצן אומגעקו־מען. באַלד האָט אָבער די ראַטן־מאַכט פאַראָרדנט צו שליסן אַלע אוים־לענדישע קאָנסולאַטן אין ליטע; קרוב צו טויזנט פּליטים האָבן נאָך גע־דאַרפט באַקומען פּאַלעסטינער וויזעס, מערסטע פון זיי האָבן אפילו נאָך נישט געהאַט קיין דאָקומענטן און ס'האָט זיי געדראָט צו בלייבן אָן וויזעס. אויף דער ווענדונג פון דער ארץ־ישראל־קאָמיסיע, וועלכע איז אומלע־גאַל דאָך געשטאַנען אין אַ קאָנטאַקט מיט דעם ענגלישן קאָנסולאַט, איז דער לעצטער אַנטקעגן געקומען איר פאָדערונג און האָט מסכים געווען אַרויסצוגעבן באַשטעטיקונגס־בריוו פאַר די אַלע, וועלכע דאַרפן באַקומען וויזעס. טעכניש זיינען די בריוו דערליידיקט געוואָרן דורך דער ארץ־ישראל־קאָמיסיע.

אַדאַנק די באַקומענע בריוו, זיינען בערך 1500 פּליטים אָפּ־געפאָרן קיין ארץ־ישראל. איבער עלף הונדערט זיינען געפאָרן איבער מאָסקווע, אָדעס און טערקיי. איבער הונדערט — דורך רוסלאַנד און פּערסיע. 70 — דורך יאַפּאַן, דרום־אַפריקע און עגיפּטן. איבער 200 — דורך יאַפּאַן, באָמבעי, רויטן ים, עגיפּטן. עטלאַכע צענדליק — דורך יוגאָסלאַוויע און טערקיי. נעמענדיק אין אַכט, ווי שווער עס איז אין מלחמה־צייט צו באַקומען טראַנזיט באַ־זונדערס דורך לענדער, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט קריג־פירנדע מלוכות, קען מען האָבן אַ באַגריף וועגן דער גרויסער אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן דורך דער קאָמיסיע. די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון דריי פאַרשטייער — פון אונז, מזרחי און אַלגעמיינע ציוניסטן.

טראָץ דער פּרינציפּיעלער פּאָזיטיווער תשובה פון מאָסקווע צו ערטיילן סאָוועטישע טראַנזיט־וויזעס, זיינען געמאַכט געוואָרן גרוי־סע שוועריקייטן דורך דער גע־פּע־או. יעדן עמיגראַציע־קאַנדידאַט

האָט מען חוקר ודורש געווען, וואָכן האָט געדויערט, ביז מען האָט באַקומען אַ תשובה. די טערקישע רעגירונג האָט לכתחילה נישט געוואָלט דערלויבן קיין טראַנזיט דורך טערקיי קיין ארץ־ישראל. דער איינציקער וועג איז דעריבער צוערשט געווען איבער רוסלאַנד דורך סיביר, יאַפּאַן און מיטן אַרומוועג איבער באָמבעי און איראַק קיין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער וועג איז אַ ווייטער, שווערער און זייער קאָסטבאַרער, קיין אַנדערער איז אָבער נישט געווען. די ערשטע גרופּע איז אַלזאָ אָפּגעפאָרן פון ליטע איבער רוסלאַנד און סיביר קיין יאַפּאַן.

4. די אַרבעט איבער דער פּאַרטיי־געשיכטע

אַ גרופּע חברים האָבן זיך פאַרנומען מיטן באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן איבער דער געשיכטע פון דער באַוועגונג. אונטער דער לייטונג פון אַ צענטראַלן חבר זיינען שטודירט געוואָרן די אַרכיוון פון „איוואָ״ און אַלע מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען דערשינען אין פאַרבינדונג מיט אונזער באַוועגונג אין דער פּרעסע און פאַרשידענע אויסגאַבן, זיינען קאָפּירט געוואָרן און די קאָפּיעס זיינען איבערגעשיקט געוואָרן אין אַרכיון העבודה אין ארץ־ישראל, אַזוי־אַרום זיינען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון היטלערישן פייער וויכטיקע מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג.

אונזער אַרבעט אין יאַפּאַן

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין יאַפּאַן, האָבן די חברים פון דער פּאַלעסטינער קאָמיסיע אין ווילנע, תיכּף אָנגעהויבן פאָרזעצן די אַרבעט. מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז טויזנטער פּליטים אין ווילנע וואַרטן אומגעדולדיק אויף דעם איינציקן וועג קיין יאַפּאַן. מיר האָבן אויף אַ זיצונג פון קאָבע׳ר אידישן קאָמיטעט אויספירלאַך באַריכטעט וועגן דער טראַגישער לאַגע פון די פּליטים אין ווילנע, אַפּעלירט צו זיי, אונטערצונעמען דרינגנדע שריט צו דערמעגלאַכן 1200 פּליטים אַריינצוקומען אין יאַפּאַן. צום שבח פון די קאָבע׳ר אידן דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זייער תשובה אויף אונזער ווענדונג איז געווען ברייטהאַרציק און טיף־מענטשלאַך. עס איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ טרעפונג מיט די צוויי יאַפּאַנער, איבערגעגעבענע אידן־פריינט, פּראָפעסאָר קאָדזשוזי און קאַפּיטאַן פוקאָמאַטשי, ביידע איינפלוסרייכע פּערזענלאַכקייטן אין די יאַפּאַנישע רעגירונגס־ספערן. אַדאַנק זייער הילף, האָט די יאַפּאַנישע רעגירונג געגעבן אַ פּאָזיטיווע תשובה צום קאָבע׳ר אידישן קאָמיטעט אויף אונזער מעמאָריאַל.

אין רעזולטאט פון דער תשובה, האט דאס אויסערן־מיניסטעריום אין טאקיא טעלעגראפירט צום יאפאנישן קאנסולאט אין מאסקווע, צו ערטיילן טראנזיט־וויזעס און פריינטלאך צו באהאנדלען די יידישע פליטים אין ליטע. דאס האט אויך געהאט א פאזיטיווע ווירקונג פאר אנ'אלגעמיינע פריינטלאכע באציאונג מצד די יאפאנישע רעגירונגס־אינסטאנצן צו די אידישע פליטים. די חברים פון דער א"י־קאמיסיע, וועלכע זיינען דאן אפיציעל אקרעדיטירט געווארן דורך דער אידישער אגענץ אלס אירע פארשטייער אויף אנצופירן מיט די עליה־ענינים אין יאפאן, האבן אויפן סמך פון דער רעגירונגס־תשובה אפגעשלאסן אן אפמאך מיט דער יאפאנישער שיפס־געזעלשאפט N. Y. K. וועגן טראנספארט פון די פליטים, וועלכע דארפן געבראכט ווערן קיין יא־פאן. די שיפס־געזעלשאפט האט דאן אויפן יסוד פון דעם אפמאך טע־לעגראפירט צום יאפאנישן קאנסול אין מאסקווע, ער זאל ערטיילן יא־פאנישע טראנזיט־וויזעס פאר 125 פערזאן פון ווילנע, וועלכע וועלן פארן קיין יאפאן און פון דארט קיין ארץ־ישראל אדער אמעריקע.

די דאזיקע ידיעה פון די 125 יאפאנישע וויזעס זיינען געווארן דער ערשטער סיגנאל פארן גרויסן וואנדערונגס־שטראם דורך יאפאן. די פליטים אין ווילנע האבן דורכדעם זיך דערוואוסט, אז אין ווייטן יאפאן וועט מען ניט זיין הפקר און אז דארט זיינען דא מענטשן, וועלכע זארגן און גרייטן צו הילף פאר זיי.

א מבול פון טעלעגראמעס האבן אנגעהויבן אנצוקומען צו די פארשטייער פון דער אידישער אגענץ אין קאבע. טויזנטער מענטשן האבן אפעלירט, מען זאל זיי ראטעווען און געבן די מעגלאכקייט אריינצוקומען קיין יאפאן. די אגענץ - פארשטייער האבן דאן גע־שיקט מעמאריאלן צו דער אגענץ, צום „דזשאינט", צום אידישן וועלט־קאנגרעס, צו פועלי־ציון אין אמעריקע, צום ועד הישיבות און „רע־ליגיעזן עמוירדזשענסי־קאמיטעט", צום „באארד אוו דעפיוטים" אין אפריקע — וועגן מאביליזירן פינאנציעלע מיטלען פאר דער גרוי־סער רעטונגס - אקציע. די תשובות זיינען ליידער געווען נישט - גע־ניגנדע און דעריבער זיינען די רעטונגס־רעזולטאטן נישט געווען, ווי זיי האבן געדארפט און געקענט זיין.

אינצווישן איז געלונגען דעם דעלעגירטן פון דער יידישער אגענץ אין אנקארא צו באקומען ביי דער טערקישער רעגירונג א הסכמה דורכצולאזן טראנזיט דורך טערקיי די אלע יידישע פליטים פון פוילן־ליטע, וועלכע האבן ארץ־ישראל'דיקע וויזעס, אדער בריוו פון ענגלישן קאנסול אין קאונע. די צווייטע ארץ־ישראל'דיקע קאמיסיע פאר

פוילישע פליטים אין ליטע אנטוויקלט דאָז אַ וואונדערבאַרע אַרבעט ביים אָרגאַניזירן די עליה — פון איבער טויזנט פליטים פון אַלע קרייזן און שיכטן, צווישן זיי איבער 200 קינדער ביז 16 יאָר — איבער אָדעס־טערקיי. זייער שווער איז געווען די דאָזיקע אַרבעט, אַ גרוי־סער טייל האָבן נישט געהאַט קיין דאָקומענטן, כמעט אַלע האָבן נישט געהאַט אויף רייזע־הוצאות. דאָך האָט די זייער ענערגישע און איבערגעגעבענע אַרבעט פון די חברים פון דער ארץ־ישראל־קאָמיסיע, אַדאַנק דער באַדייטנדער הילף פון „דזשאָינט״, אַלע מכשולים און מניעות איבערוואונדן, און כמעט אַלע באַזיצער פון וויזעס אָדער בריוו פון ענגלישן קאָנסולאַט זיינען אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און אַזוי־אַרום געראַטעוועט געוואָרן.

פון ליטע איבער רוסלאַנד און סיביר קיין יאַפּאַן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פיל הונדערטער פליטים. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גרעסטער טייל פון די אָנגעקומענע האָבן נישט קיין מעגלאַכקייט ווייטער צו פאָרן, נישטאָ קיין ענד־וויזעס, שיפס־קאַרטן און לאַנ־דונגס־געלט. עס זיינען אַנטשטאַנען שוועריקייטן ביים לאַנדן אין יאַפּאַנישן פּאָרט צורוגא. אַדאַנק דער זייער ענערגישער אַרבעט פון אידישן קאָמיטעט אין קאָבע זיינען די שוועריקייטן אין מערסטן פאַל איבערוואונדן געוואָרן. די אַגענץ־קאָמיסיע האָט זיך דאַן געווענדט טעלעגראַפיש צו דער אידישער אַגענץ, פאָדערנדיק 500 סערטיפי־קאַטן פאַר די פליטים אין יאַפּאַן. זי האָט זיך אויך געווענדט צו דער פוילישער אַמבאַסאַדע אין טאָקיאָ וועגן באַקומען אַ געוויסע צאָל ווי־זעס אין די ענגלישע קאָלאָניעס פאַר די פליטים. אַ מעמאָריאַל איז אויך געשיקט געוואָרן צו דער האָלענדישער אַמבאַסאַדע וועגן פינף הונדערט וויזעס פאַר פליטים און צום אידישן קאָנגרעס וועגן פאַרשאַפן וויזעס אין דרום־אַמעריקאַנישע לענדער. די אַלע ווענדונגען און מע־מאָריאַלן האָבן גלייך געגעבן נאָר טיילווייזע רעזולטאַטן. ס׳זיינען אָפּגע־פאָרן אייניקע גרופּן צו עטלאַכע צענדליק קיין ארץ־ישראל איבער דרום־אַפריקע און איבער באָמבעי; עטלאַכע צענדליג האָבן באַקומען קאַנאַדישע וויזעס דורך דער פוילישער אַמבאַסאַדע אין טאָקיאָ. דער קאָבע׳ר אידישער קאָמיטעט איז דעריבער געווען אין אַ שווערער לאַגע, נישט קענענדיק דערפילן זיינע פאַרפליכטונגען לגבי דער רעגירונג וועגן אויסוואַנדערונג פון די פליטים. ס׳איז אַלזאָ געבליבן, מען זאָל פאָרן קיין שאַנכאַי און אויפן אָרט אויספאָרשן די לאַגע, זען, וואָס ס׳איז מעגלאַך דאָרט צו טאָן. די ידיעות, וואָס זיינען דערהאַלטן גע־וואָרן אין קאָבע וועגן דער לאַגע פון די דייטשע פליטים אין שאַנכאַי, זיינען געווען שרעקלאַכע.

אין שאַנכאַי

די אַגענץ־דעלעגאַציע קיין שאַנכאַי האָט געהאַט פאַר זיך דריי אויפגאַבן: 1) אויספאָרשן די באַדינגונגען און צוגרייטן אויפנאַמס־מעגלאַכקייטן פאַר די פּליטים פון קאַבע אין שאַנכאַי, 2) שאַפן די־רעקטע טראַנספּאָרט־מעגלאַכקייטן פון וולאַדיוואָסטאָק קיין שאַנכאַי, וואָס עס זאָל דערמעגלאַכן פּליטים צו קומען אַהין אָן יאַפּאַנישע ווי־זעס, 3) באַקומען „פּערמיטן" פון דער שאַנכאַיער מוניציפּאַליטעט פאַר נייע טויזנט פּליטים פון ווילנע, וועלכע האָבן נישט קיין יאַ־פּאַנישע וויזעס און אַריבערברענגען זיי דירעקט פון וולאַדיוואָסטאָק קיין שאַנכאַי.

נאָכן באַקענען זיך מיט דעם שווידערלאַכן מצב פון די אידיש־דייטשע פּליטים אין שאַנכאַי, איז געוועזן קלאָר, אַז אין יענע פינצטערע היימען טאָר מען קיין נייע מענטשן נישט אַריינברענגען. מען האָט זיך אַנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד פון די תקיפים פון דעם דייטשן פּליטים־קאָמיטעט און מיט אַן אומווילן מצד די אידן פון דער אשכנז׳ער קהילה צו נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסן עול. נאָך שווערער איז געוועזן אויסצו׳פּועל׳ן אין דער שאַנכאַי׳ער מוניציפּאַליטעט צו באַ־קומען אַ גרעסערע צאָל „פּערמיטן" אַריינצופאָרן קיין שאַנכאַי. ס׳האָט גענומען טעג און וואָכן, ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן אַלע מעגלאַכע דרוקן אויף די אַלע מאַסגעבנדע פאַקטאָרן, און ס׳איז געשאַפן גע־וואָרן אַ קאָמיטעט פאַר פּויליש־ליטווישע פּליטים, אין וועלכן עס זיי־נען אַריין די אַקטיוווסטע, טרייסטע טוער פון דעם אידישן שאַנכאַי, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען אָנצופירן די אַרבעט. מיט גאָר גרוי־סע שוועריקייטן איז געלונגען צו באַקומען פון דער שטאָט־פאַרוואַל־טונג 300 „פּערמיטן" פאַר פּליטים אין ווילנע. די ערשטע „פּער־מיטן" זיינען באַזאָרגט געוואָרן פאַר די לאַנג ־ וואַרטנדיקע זיבעציק פּערזאָן אין וולאַדיוואָסטאָק, וועלכע זיינע זאַדאַנק דעם אַריינגע־לאָזן געוואָרן קיין שאַנכאַי; 200 זיינען איבערגעוויזן געוואָרן קיין ווילנע.

ליידער זיינען אָבער די אַלע דערגרייכונגען ניט אין דער פולער מאָס אויסגענוצט געוואָרן. דער געשאַפענער אשכנז׳ער קאָמיטעט פאַר די פּויליש־ליטווישע פּליטים איז צוליב ענגער עקשנות פון דעם אַלטן דייטשן פּליטים־קאָמיטעט ניט אַנערקענט געוואָרן דורכן „דזשאָינט", און הונדערטער פּוילישע פּליטים וואַלגערן זיך אין שאַנכאַי אין די ערג־סטע באַדינגונגען. די 300 „פּערמיטן", וואָס האָבן דערמעגלאַכט מיני־מום 600 מענטשן זיך אַרויסצוראַטעווען, זיינען נישט אויסגענוצט

געוואָרן, צווילבן מאַנגל אין רייזע־הוצאות פון קאָוונע קיין שאַנכאַי. קיינער האָט נישט געקענט פאַרויסזען, אַז אַזוי שנעל וועט קומען אַ נייער, נאָך שוידערלאַכערער חורבן אויף די אידישע שטעט און שטעטלאַך פון מזרח־פוילן און ליטע. מיט איייניקע מאָנאַטן צוריק, ווען די חברים זיינען געקומען אין אַמעריקע, האָבן זיי אַפּעלירט צו די היגע אינסטיטוציעס, מ'זאָל שאַפן די מיטלען צו ראַטעווען די טויזנט מענטשן פון ווילנע, ליידער איז די געלעגנהייט פאַרשפּעטיקט געוואָרן. ווער ווייסט, וויפיל פון די מענטשן זיינען שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

די חברים פון דער קאָמיסיע האָבן אויך דאָ אין אַמעריקע פאַרגעזעצט זייערע באַמיאונגען וועגן הילף פאַר די פאַרבליבענע אין יאַפּאַן און שאַנכאַי, האָבן מיטגעהאָלפן און אינטערוועניר‏ט אין די היגע אינסטיטוציעס וועגן רייזע־הוצאות פאַר איבער 200 חברים פון יאַפּאַן קיין ארץ־ישראל, וואָס ס'איז דערליידיקט געוואָרן.

* * *

פונם מאָמענט פון אונזער פאַרלאָזן וואַרשע ביז היינט, האָבן אונזערע חברים נישט אויפגעהערט אַנצוגיין מיט דער אַקטיווער הילפס־אַרבעט פאַר די אידישע פּליטים פון פוילן, אָן אונטערשייד פון זייער פּאָליטישער אָנגעהעריקייט. עס איז וויכטיק פעסטצושטעלן, אַז אונזערע חברים האָבן תמיד געטראָפן די פולסטע פאַרשטענדעניש און קאָאָפּעראַציע מצד פאַרשידענע פאַקטאָרן, מיט וועמען זיי האָבן זיך געטראָפן אין דער אַרבעט. עס דאַרף באַזונדערס אויסגעטיילט ווערן לשבח די מסירת־נפש'דיקע אַרבעט פון קאָבע'ר קאָמיטעט.

אויך די ניט־אידישע קערפּערשאַפטן, אין דער ערשטער ריי די פּוילישע אַמבאַסאַדע אין טאָקיאָ און דער קאָנסולאַט אין שאַנכאַי און די ענגלישע קאָנסולאַטן אין קאָוונע, קאָבע, טאָקיאָ און שאַנכאַי זיינען תמיד אויפן פריינטלאַכסטן אופן אַנטקעגנגעקומען אונזערע ווענדונגען. אָן דער אַקטיווער און איבערגעגעבענער הילף מצד די דאָזיקע אינסטאַנצן וואָלט אַ סך, אַ סך ווייניקער אויפגעטאָן געוואָרן פאַר די פּליטים. גאַנץ באַזונדערס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די זייער גרויסע הילף פון „דזשאָינט", וועלכע האָט דערמעגלאַכט די גלענצנדע הילפס־און רעטונגס־אַרבעט אין ווילנע און אין יאַפּאַן. די אַמעריקאַנער אידן מעגן זיכער זיין שטאָלץ מיט דער גרויסער הילפס־לייסטונג פון „דזשאָינט" פאַר די פּליטים. ס'דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די זייער

באַדייטנדיקע הילף פון אידישן וועלט־קאָנגרעס ביים דערמעגלאַכן די ערשטע עליה־גרופּע פון ווילנע קיין ארץ־ישראל, ווי אויך זיין הילף פאַר די פּוילישע פּליטים אין שאַנכאַי.

מיר האָבן נאָר בקיצור אָנגעצייכנט אַביסל פון אונזער טעטיקייט אונטערוועגס. קיינער פון אונז טראַכט נישט, אַז עס קומט אונז פאַר דעם אַ דאַנק. עס איז אונזער הייליקע פליכט געווען דאָס צו טאָן.

אין דער אידישער אַמעריקע טומלט לעצטנס אַביסל אַ געוויסע אידישע פּאַרטיי פון פּוילן, וועלכע דערקלערט זיך נישט מער און נישט ווייניקער, אַז זי רעדט אין נאָמען פון דער גרעסטער מערהייט פון פּוילישן אידנטום. עס ווילט זיך זיי פרעגן: וואו זיינען זיי געווען די צען חדשים אין ווילנע? פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון די איבער צען טויזנט אידישע פּליטים פון פּוילן? פאַרוואָס זיינען די אידישע פּליטים אין ווילנע געווען געטיילט אויף צוויי לאַגערן, איינער פון 9,800 אידן און אַ צווייטע איזאָלירטע גרופּע פון 200 בונדיסטן?! ס'זיינען דאָך אויך מענטשן פון „בונד" געקומען צוגלייך מיט אונזערע חברים אין יאַפּאַן. פאַרוואָס האָט קיינער פון זיי זיך ניט פאַרנומען מיט העלפן אַריבערברענגען נאָך פּליטים, אחוץ בונדיסטן פון ווילנע? פאַרוואָס האָט קיינער זיך ניט פאַרנומען מיט דער זאָרג און הילף פאַר די פּליטים אין יאַפּאַן? פאַר זייערע עמיגראַציע - מעגלאַכקייטן פון יאַפּאַן? אָבער נישט קיין פּאָלעמיק ווילן מיר פירן. מיר האָבן נאָר געוואָלט פאַרצייכענען, ווער עס האָט געזאָרגט און געהאָלפן אויפן לאַנגן און ליידנספולן וועג פון די אידישע פּליטים פון פּוילן, זייט דעם אויסברוך פון קריג, און פאַר וועמען.

די וואַנדערונגען פון פוילישן „החלוץ" און זיין אַרבעט אין ליטע און אונטער דער סאָוועטן־אָקופּאַציע

פון

ק. בראָדזקי

.1

ווארשע. דריטער טאָג פון מלחמה. אויף גענשע 14, אין „באַראַ־כאַוו־היים" קומט זיך צענויף דער מרכז פון „החלוץ". וואָס טוט מען? טויזנטער חברים אין די קיבוצים אין גאַנץ פּוילן וואַרטן אויף אינ־סטרוקציעס. מיט פיל ערטער איז שוין די פאַרבינדונג איבערגע־ריסן. גדיניע, קאַטאָוויץ, בענדין ענטפערן שוין נישט — מען מוז די חברים באַזאָרגן מיט הילף. טויזנטער יוגנטלעכע וואַרטן אין אַלע שטעטלאַך אויף ידיעות.

ס'ווערט באַשלאָסן: אַלע חברים פון אונז צעפאַרן זיך אין די קיבוצים, וועלכע פאַרבלייבן אויף זייערע ערטער.

באַלד פאָרן אַרויס די חברים אויף מערב. זיי מוזן זיך דער־שלאָגן קיין בענדין, קראָקע און לאָדזש. דערצו ווערן אויסגעקליבן די מיידלאַך פון מרכז. זיי וועט זיין לייכטער דורכצעדרייען זיך דורך די פראָנט־ליניעס.

דערווייל הערט דער טעלעפאָן נישט אויף צו קלינגען. קיעלצער קיבוץ מעלדעט: „די דייטשן זיינען ביי קיעלץ, מיר מאַרשירן אַרויס קיין מזרח". טשענסטאָכאָווער פאַרם איז שוין פאַרלאָזן. אַלע חברים זיינען אינאיינעם אַרויס קיין וואָלין. פון גדיניע — קיין ידיעה. וואָס האָט פּאַסירט מיט די חברים דאָרט? לאָדזש אַלאַרמירט: וואָס טוט מען? בלייבן אָדער פאַרלאָזן די שטאָט?

מיטוואָך ביינאַכט. אין דער חלוצישער פאַרם אין גראָכאָוו ביי וואַרשע אַ שטורמישע אסיפה: וואָס טוט מען — בלייבן אָדער אַרויס־גיין? 200 חברים דאָ. צווישן זיי פיל דייטשע קינדער פון דער יוגנט־הכשרה. זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ וואַנדערונג, די באַרימטע טראַגישע וואַנדערונג ביז זבאָנשין. אַ שאָד צו פאַרלאָזן די פאַרם. די מערהייט איז פאַר בלייבן. אָבער פּלוצלינג, אינמיטן דער אסיפה, מעלדעט דער ראַדיאָ: „די רעגירונג פאַרלאָזט וואַרשע, זי רופט אַלע יונגטלאַכע צו גיין אויף מזרח"! דער באַשלוס איז געפאַלן. דאָנערשטיק פרי מאַרשירט אַרויס דער גאַנצער קיבוץ. מיט זיי דער מרכז. מיט דער מחנה צוזאַמען.

.2

די גרויסע חלוצישע וואנדערונג האט זיך אנגעפאנגען. אויף אלע וועגן פון פוילן מארשירן חלוצים. צוזאמען געשלאסן. פארויס, מיט 30-20 קילאמעטער, גייט דער פארפאסט, וועלכער קומט אן מיט עטלאכע שעה פריער אין שטאט און שטעטל, רופט צענויף די ארטיקע חלוצים און צוזאמען גרייט מען צו געלעגערס און עסן פאר דער מחנה. אומעטום באגעגנט מען הילף. אומעטום חברים.

און דער וועג איז — קיין וואלין און מזרח-גאליציע, צו דער רומענישער גרעניץ, נענטער צו ארץ-ישראל. נישט צענויפגערעדט זיך, מארשירן אלע אין דער זעלבער ריכטונג. אזוי ווי פויגלען אין הארבסט, ציט עס אלעמען אינסטינקטיוו אין איין ריכטונג.

טעג גייען דורך. אויף די וועגן וואנדערן מיליאנען מענטשן. פיל פאלן פון באמבעס, מער פון הונגער און פארמאטערניש. אויך די חלוצישע מחנה האט אירע קרבנות. א חבר, דערשאסן דורך א נאצי-פליער. דריי דייטשע חברים, דערשאסן דורך די פאליאקן אלס שפיא-נען. אבער קיינער בלייבט נישט אין וועג. די שוואכע ווערן געטראגן דורך די שטארקע. מען העלפט זיך, מיט אלע כוחות.

קאוועל. די דאזיקע שטאט אין וואלין ווערט עס דער צענטער פון אלע חלוצים. דא באגעגנט מען זיך. ס'קומען אן די חברים פון ווארשע, ס'מארשירן אריין די 200 חברים פון קיעלץ, ס'דערשלעפן זיך די 500 חברים פון בענדין, קראקע און טשענסטאכאוו. ס'ווערט דורכגעפירט די צייטלונג אין דער מחנה. מען דערוואוסט זיך, ווער איז געבליבן ,ווער האט פארלאזן. נאר גדיניע לאזט נאך פון זיך ניט הערן. וואס האט פאסירט מיט די חברים פונם חלוצישן ים-קיבוץ?

אנפאנג אקטאבער. אין א קליין צימערל אין קאוועל, אונטער דער נאז פון דער געהיים-פאליציי (זיי וואוינען אין זעלבן הויז) קומט זיך צענויף די זיצונג פון מרכז „החלוץ".

דער מרכז באשליסט: צעטיילן דעם מרכז אין דרייען: איין טייל גייט צוריק קיין ווארשע, אנפירן מיט דער ארבעט אין נאצישן געביט. א צווייטער טייל הויבט אן צו בויען די באוועגונג אין סאוועטישן טייל. א דריטער טייל גייט זוכן וועגן דורכצוקריגן זיך קיין ארץ-ישראל. צומארגנס — א געזעגענונגס-אסיפה אין קאוולער קיבוץ. מען צעפארט זיך אויף די נייע קאמפס-פאסטנס.

.3

פארשטייט זיך, אז דער ערשטער טריט איז געווען אין דער זייט פון רומעניע. דאָס איז דער נעענטסטער וועג קיין ארץ־ישראל. דורך דאַנען פלעגן דאָך יאָרנלאַנג פאָרן טויזנטער חלוצים קיין חיפה. אויך האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז די גרעניץ איז נישט שווער דורכצוגיין.

אין קאָלאָמיי, 30 קילאָמעטער פון דער גרעניץ, איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג אויף דורכצופירן די גרעניץ. מ'האָט אָנגעקניפּט קאָנטאַקט מיט די פויערים ביי דער גרעניץ — און אָנ־געפאַנגען די אַרבעט.

באַלד די ערשטע טעג איז אָבער דורך אַ מסירה אַרעסטירט גע־וואָרן דורך דער סאָוועטישער וואָך אַ חבר פון מרכז (ער האָט באַקומען 8 יאָר שווערע אַרבעט אין קוילן־גרובן). אויך זיינען אַרעסטירט געוואָרן נאָך אייניגע חברים. די פויערים האָבן געפאָדערט ריזיקע סומעס געלט פאַר אַריבערפירן דורך דער גרעניץ. דער אַפּאַראַט איז געווען פאַרצווייפלט. מיט גרויסע שוועריקייטן איז געלונגען דורכ־צופירן אַרום 20 חברים קיין טשערנאָוויץ אין רומעניע. איינער פון זיי האָט זיך צוריקגעקערט מיט געלט אויף דער סאָוועטישער זייט, אָבער אויף דער גרעניץ איז ער דורך דער וואָך דערשאָסן געוואָרן.

דער וועג איז געוואָרן שווערער פון טאָג־צו־טאָג. די געהיים־פּאָ־ליציי האָט געטרעטן אויף די פּיענטעס, און מען האָט געמוזט דעם אַפּאַראַט ליקווידירן. דער וועג אויף דרום האָט זיך געענדיקט.

געעפנט האָט זיך אָבער אַ נייער וועג, אויף צפון. ווילנע איז פון די סאָוועטן אָפּגעגעבן געוואָרן צו ליטע. אין ליטע האָט עקזיסטירט אַ „החלוץ", אַ פּאַלעסטינע־אַמט, און פון ליטע האָט מען געקענט פאָרן קיין ארץ־ישראל. האָט דער מרכז באַשלאָסן: קאָנצענטרירן אין וויל־נע אַ גרויסע צאָל חלוצים פון ביידע טיילן פון פוילן.

ספּעציעלע שליחים זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין וואַרשע, אין נאָצי־פּוילן. אַנדערע זיינען געפאָרן אין די גרעסערע שטעט און שטעטלאַך, אָנזאָגן די חברים די בשורה פון ווילנע.

.4

אין ווילנע, אין עק שטאָט, אויף סובאָטש גאַס 27, שטייען צוויי גרויסע מויערן. אויפגעבויט האָט זיי מיט פערציק יאָר צוריק די באַראָן הירש־„פונדיישאַן". גרויסע, אומגעלומפּערט געבויט, האָבן זיי אויסגעזען משונה'דיק צווישן דעם גרויסן קלויסטער און די אָרימע קליינע הייזקעס פון ווילנער אָרעמע אַרבעטער. דאָ האָט זיך אַרי־בערגעקליבן אַ טייל חברים פון מרכז „החלוץ", כדי צוצוגרייטן דעם קיבוץ אויפצונעמען די אָנקומענדיקע חברים.

אויף ביידע זייטן גרעניץ אין לידע און איישישאַק האָט זיך באַזעצט דער „גרעניץ־סטעפּ". לידע האָט געזאָלט די חברים באַוואָ־פענען מיט געלט, עסן און וועג־ווייזער און איבערשיקן זיי קיין אײ־שישאַק אויף דער ליטווישער זייט.

אַנהויב נאָוועמבער האָט עס זיך אָנגעפאַנגען. צוערשט איינצל־נע, שפּעטער — צענטליקער און נאָך שפּעטער — צו 60־70 אַ טאָג פלעגט מען גיין. פון אַלע זייטן פּוילן האָט מען געצויגן קיין לידע. מיט באַנען, באַסעס, פורן, צופוס. פון וואַרשע זיינען אַרויס גאַנ־צע פּאַרטיעס, אַריבער די דייטש־סאָוועטישע גרעניץ און געקומען אויסגעמאַטערטע, דערפרוירענע אין לידע (דער ווינטער איז געווען אַ שרעקלאַך קאַלטער). דאָ האָט מען באַקומען אינסטרוקציעס און געגאַנגען איבער דער גרעניץ.

אָבער אויך אין ווילנע מוז מען זיך היטן. אַ ליטווישער פּאָלי־ציאַנט קאָן כאַפּן און דאַן שיקט מען צוריק קיין רוסלאַנד. הונדער־טער חברים זיינען אַזוי־אַרום צוריקגעשיקט געוואָרן פון איין זייט אין דער צווייטער. איין יונגע חברה איז 8 (אַכט) מאָל אַריבער די גרעניץ, ביז זי איז מיט אָפּגעפרוירענע פיס געקומען אין ווילנע און גלייך אַוועק אין שפּיטאָל. אין וויפיל זיינען געבליבן ליגן אין שניי אויף אייביק? פרילינג, ווען דער שניי איז צעגאַנגען, פלעגט מען טאָג־טעגלאַך געפינען קערפּערס פון יידישע יוגנטלאַכע. ווער ווייסט זייערע נעמען?

ביידע רעגירונגען, די ליטווישע און סאָוועטישע, זיינען געקומען שפּעטער צו אַ פאַרשטענדיקונג און פאַרשטאַרקט די גרעניץ־וואַך פון ביידע זייטן. אָפּילו ספּעציעלע שפּיר־הינט האָט מען אַראָפּגעבראַכט קעגן די, וואָס ווילן אַריבערגיין די גרעניץ קיין ליטע. דער גרויסער שטראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווילנע האָט שוין אָבער געציילט ביי צוויי טויזנט **חלוצים און חלוצות!**

די דאָזיקע מאַסע איז באַלד אָרגאַניזירט געוואָרן אין לאַנד־ווירטשאַפטלאַכע קיבוצים און אַרבעטס־אַרטעלן און איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן ווילנע, קאָוונע, שאַוול, פּאַניעוויעזש, ווירבאַלן א. אַנד. דער עיקר איז אָבער געווען — עליה.

אין מערץ 1940 זיינען ערשט אָנגעקומען 100 סערטיפיקאַטן פאַר חלוצים און יוגנט־עליה. מען האָט נישט געגעסן און געשפּאָרט געלט און די הונדערטער חברים אָפּגעשיקט מיטן טייערן לופט־וועג איבער סקאַנדינאַוויע, האָלאַנד און פראַנקרייך קיין ארץ־ישראל.

גלייך נאָכן אוועקפאָרן פון דער ערשטער גרופּע איז געפאַלן דע־נעמאַרק און נאָרוועגן. דער וועג איז געווען געשלאָסן. די גרויסע חלוצישע מחנה אין ליטע איז געבליבן ווי אין אַ שטייג אָן שום אויס־וועג, אָן אַ פּורטקע קיין ארץ־ישראל.

זוכנדיק וועגן צו עליה, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאַרזוך דורך גנב'ענען די גרעניצן אויף דרום: קיין אונגאַרן און רומעניע. מ'איז גע־קומען אין קאָנטאַקט מיט די חברים אין די צוויי לענדער און זיי האָבן צוגעזאָגט הילף אין דער אַרבעט.

דער פּרוּוו מיט אונגאַרן איז באַלד נישט געלונגען. אַביסל בע־סער איז עס געגאַנגען אויף דער רומענישער גרעניץ. נאָך פיל מי און גרויסע געלט־הוצאות איז געלונגען דורכצוגיין די גרעניץ ביי 20 בחורים און מיידלאַך. זיי זיינען אָנגעקומען אין טשערנאָוויץ, וואו ס'איז באַלד אָרגאַניזירט געוואָרן אַ הילפס־אַפּאַראַט. איינער פון די פּוילישע חברים, באַוואָפנט מיט אינסטרוקציעס און געלט, האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן. דאָ איז ער אָבער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די סאָוועטן. דער פּלאַן איז דורכגעפאַלן. פיל חברים, וואָס האָבן זיך געגרייט דורכגיין די גרעניץ, זיינען אַרעס־טירט געוואָרן. פון דעם וועג האָט מען געמוזט רעזיגנירן.

.5

מיטן אַריינמאַרשירן פון דער רויטער אַרמיי אין ליטע האָט אַלץ געפּלאַצט. ביי פיל עסקנים זיינען אָפּגעפאַלן די הענט. מ'האָט געגלויבט, אַז ס'איז שוין געקומען דער סוף פון דער עליה פון ליטע. דער מרכז „החלוץ" האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזן די הענט און באַשלאָסן צו זוכן נייע וועגן פאַר חלוצישער עליה. מען האָט אָנגעהויבן שטורע־מען מאָסקווע מיט ביטעס און אינטערווענצן. אויך פון אויסלאַנד האָט מען אינטערווענירט. און נאָך לאַנגע מאָנאַטן פון וואַרטן איז געקומען אַן ענטפער: פּוילישע פּליטים, וואָס האָבן געלט און וויזעס, וועלן קענען אַרויספאָרן.

צוויי וועגן זיינען געווען: איינער דורך באַקו און איראַן (פּער־סיע) און דער צווייטער דורך אָדעס און טערקיי.ביידע מלוכות האָבן אָפּגעזאָגט צו געבן טראַנזיט־וויזעס.

די אָרטיקע יידישע קאָמוניסטן האָבן פּרובירט צו ווירקן אויף די חלוצים, זיי זאָלן נישט אַרויספאָרן פון רוסלאַנד, צוזאָגנדיק זיי גליקן. קאָמוניסטישע פירער זיינען געקומען אין קיבוץ „שחריה"

און געהאַלטן רעפּעראַטן, אַגיטירנדיק די חלוצים צו בלייבן און אָפּזאָגן זיך פון ארץ־ישראל. די חלוצים האָבן געגעבן אַ ווירדיקן ענטפער און נישט אָפּגעזאָגט זיך פון עליה־געדאַנק.

ענדלאַך נאָך לאַנגע וואָכן איז דורכגעבראָכן געוואָרן די וואַנט. טערקיי האָט מסכים געווען דורכצולאָזן די חלוצים דורך איר לאַנד און פון אַמעריקע איז אויך אָנגעקומען דאָס געלט אויף רייזע־הוצאות.

דעם 20־טן דעצעמבער 1940 איז אַרויסגעפאָרן די ערשטע גרו־פּע פון 50 חלוצים דורך אָדעס קיין סטאַמבול און נאָך זיי איז יעדע 8 טעג געפאָרן אַ טראַנספּאָרט. ביזן 1־טן מערץ 1940 זיינען אַרויס־געפאָרן איבער 700 חלוצים און קינדער פון יוגנט־עליה. וואָך נאָך וואָך פלעגן פאָרן פאַרגרעסערטע טראַנספּאָרטן. יעדער טראַנספּאָרט איז געווען אַ געשעעניש אין אידישן לעבן אין ליטע. הונדערטער מענטשן זיינען געקומען צו דער באַן, מ'האָט זיי באַגלייט מיט טרערן און מיט געזאַנג. די סצענעס האָבן דערמאָנט דעם אָפּפאָר פון די פילע טויזנט עולים פון וואַרשע, פאַרן קריג.

אַרום טויזנט חלוצים פון פּוילן זיינען עולה געווען פון ווילנע קיין ארץ־ישראל. אַ צווייטער טויזנט איז נאָך געבליבן. וואו זיינען זיי יעצט? ווי האָבן זיי אַריבערגעטראָגן דעם שטורם פונם נייעם, דייטש־רוסישן קריג? צי האָט זיי דער נייער שטורם געשווינט און וואוהין האָט ער זיי פאַרטראָגן?

6.

די צוויי אַנדערע טיילן פון מרכז „החלוץ" האָבן אין דער זעל־בער צייט אָנגעפאַנגען זייער אַרבעט איןביידע טיילן פון צעטיילטן פּוילן.

נישט לייכט איז געווען דאָס צוריקבויען די באַוועגונג אין סאָ־וועטישן טייל פון פּוילן. די פאַרבינדונגען מיט די שטעט איז געווען איבערגעריסן. אַדרעסן פון חברים — שוין נישט ווערט פיל. אַ גרוי־סער טייל אַדרעסאַטן זיינען אַוועק קיין ווילנע, אַ טייל — געבליבן אין די שטעט פון נאַצי־אָקופּאַציע. די פּאָסט האָט פונקציאָנירט נישט רעגולער. באַן — אויך אַזוי. דאָס ערגסטע איז געווען אָבער דאָס, וואָס די סאָוועטישע געהיים־פּאָליציי האָט זיך גענומען „רייניקן". ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן און פאַרשיקונגען.

האָבן זיך פיל טאַקע אונטערגעגעבן. גאַנצע באַוועגונגען זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. פון „בונד" אָדער רעוויזיאָניסטן איז קיין שפור נישט געבליבן. זיי האָבן אַפילו נישט פּרובירט פאָרזעצן זייער אַרבעט. די איינציקע, וועלכע איז געבליבן אויף דער וואָך צו היטן

דאָס יידישע לעבן, זיין היינט און זיין צוקונפט — איז געווען די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע מחנה, און קודם־כל די חלוצישע יוגנט.

נאָך דריי חדשים אַרבייט, ווען כמעט אין יעדער שטאָט אין סאָוועטישן פּוילן האָט שוין עקזיסטירט אַן אומלעגאַלע אָפּטיילונג פון דער באַוועגונג, — איז גערופן געוואָרן די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער נייער, אונטערערדישער חלוצישער יוגנט־באַוועגונג.

ניי־יאָר 1940 איז אין לעמבערג צוזאַמענגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ. ס׳זיינען געקומען דעלעגאַטן פון אַלע ראַיאָנען. דאָן זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן די אַרבעטס־מעטאָדן און די אידעאישע פּלאַט־פאָרם.

מען איז געקומען צו אַן איינהייטלאַכער אידעאישער פּלאַטפאָרם, וועלכע זאָגט, אַז דער ציל פון דער באַוועגונג איז צו שטאַרקן דעם כוח פון יידישן פאָלק, פּלעגן זיינע ווערטן, קעמפן קעגן אַסימילאַציע און דערציען אַ ייִנגן חלוץ, גרייט צו יעדער צייט פאַר קרבנות פאַר דער דערלייזונג פון פאָלק. אין פאַל פון אַ נאַציִשן אָנפאַל וועט זי רופן אירע חברים צו פאַרטיידיקונג. זי קעמפט אָבער פאַר אָנערקענען דעם ציוניזם אַלס די איינציקע אידייע, וואָס דורך איר פאַרווירקלאַכונג וועט דאָס יידישע פאָלק אויסגעלייזט ווערן.

דריי טעג האָט די קאָנפערענץ געדויערט. די חברים זיינען זיך צעפאָרן מיט פרישע כוחות און מיט נייעם מוט פאַר דער אַרבעט.

נאָך דער קאָנפערענץ האָט די באַוועגונג אָנגעהויבן צו וואַקסן. הונדערטער יוגנטלאַכע זיינען צוגעקומען. ס׳איז געוואַקסן דער ענ־טוזיאַזם מיט יעדן ביולעטין, מיט יעדער צייטונג, וואָס די באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן. יעדער צירקוליאַר איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, איבערגעבנדיק ידיעות וועגן ארץ־ישראל, וועגן די דערגריי־כונגען פון דער הסתדרות אין דער מלחמה־צייט, וועגן דער לאַגע פון יידן אין די נאַצי־לענדער.

מען האָט אָנגעהויבן אַ שטילע אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. אַדאַנק די באַמיאונגען פון דער באַוועגונג זיינען אָפּגעראַטעוועט גע־וואָרן פיל יידישע שולן פון ליקווידאַציע, פון אַריבערגיין אויף רוסיש אָדער אוקראַאיניש. צום 25־טן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ, זיינען אַדאַנק דער חלוצישער באַוועגונג, אָרגאַניזירט געוואָרן אַקאַדעמיעס, אויפן לעמבערגער אוניווערסיטעט, אין די מיטל־שולן. צו יעדן יידישן יום־טוב, ווי אויך צום חג ההסתדרות, באַלפור־דעקלאַראַציע, כ׳ תמוז — זיינען דערשינען ספּעציעלע אויפלאַגעס פאַר דער יוגנט.

דערפאַר האָט די באַוועגונג געמוזט צאָלן מיט שווערע קרבנות. חברים זיינען אַוועקגעריסן געוואָרן דורך דער געהיים־פּאָליציי און פאַרשיקט צו שווערער אַרבייט אין שאַכטן. דאָס האָט אָבער נישט געבראָכן דעם מוט. זייער אָרט האָבן פאַרנומען נייע, יינגע יינגלאַך און מיידלאַך.

7. *)

אַנדערש איז געווען אין נאַצי־פּוילן. דאָ האָט דער מרכז געהאַט אַנדערע שוועריקייטן ביים צוריקבויען די באַוועגונג.

שטעט זיינען חרוב געוואָרן. יידן זיינען געטריבן געוואָרן פון שטאָט צו שטאָט. די גרעסטע טייל פאַרשפאַרט אין די געטאָס. דאָס בילד איז באַקאַנט.

שרעקלאַך איז די לאַגע פון דער יידישער יוגנט. אָן אַרבעט, אָן אַ צוקונפט, דערדריקט, פאַרצווייפלט, האָט זי זיך נישט געקענט אַן עצה געבן.

און אָט איז צווישן דער יוגנט אין גאַנצן לאַנד דערגאַנגען די ידיעה, אַז דער מרכז „החלוץ" איז דאָ צוריק אויפן אָרט, געקומען שטאַרקן די יוגנט, צוגעבן איר מוט דורכצוהאַלטן.

און די יוגנט האָט באַלד דערפילט די הילף. דער מרכז, אין באַ־שטאַנד פון עטלאַכע מענטשן, בראש פון וועלכן ס'האָבן זיך געשטעלט צוויי יונגע מיידלאַך, האָט אָנגעהויבן די אַרבעט. די מיידלאַך זיי־נען געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט. געשמוגלט זיך דורך די באַנעי־געקומען אומעטום, געוועקט, געטרייסט, צוגעגעבן מוט.

און די אַרבעט איז געוואָרן פאַרגעזעצט. אַז מיטלען, מיט אַ געוויסער הילף פון אַמעריקע, האָט מען אויפגעשטעלט לאַנדווירט־שאַפטלאַכע פאַרמס, געגרינדעט אַרבעטס־אַרטעלן, אָרגאַניזירט פאָלקס קיכן. הונדערטער יוגנטלאַכע האָבן אויפגעלעבט, צוריק באַקומען זייער יוגנט.

עס לאָזט זיך נישט באריכות שרייבן וועגן דעם „החלוץ" אין נאַצי־פּוילן. מיר ווייסן אָבער, אַז ער טוט ווייטער זיין אַרבעט און ברענגט מיט איר הילף און מוט נישט נאָר פאַר די חברים פון די קיבוצים און אַרטעלן, נאָר אויך פאַר דער ברייטער יידישער מאַסע, וועלכע קרעכצט אונטערן שטיוול פונם שרעקלאַכן אָקופּאַנט.

---

*) צוליב פאַרשטענדלאַכע טעמים מוז איך וועגן דער אַרבעט אין נאַצי־פּוילן שטאַרק מקצר זיין.

דער פוילישער דעמאָקראַטישער פראָנט
און די יידן־פראַגע

פון

פעליקס גראָס

דער אַרטיקל, וועלכער איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך אַ באַקאַנטן טוער פון פּ. פּ. ס., ווערט געבראַכט, מיט אייניקע פאַרקירצונגען, פון „קאָנגרעס וויקלי" (וועכנטלאַכע אויסגאַבע פון יידישן וועלט קאָנגרעס).

די דיסקוסיע איבער דער יידן־פראַגע אין פוילן איז סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַזוי אויך אין ענגלאַנד, ווייטער אַ לעבעדיקע. לאָמיר דערמאָנען כאָטשבי די דיסקוסיע, וועלכע איז לעצטנס פאָרגעקומען אויף די שפּאַלטן פון „ניישן", „ניו־יאָרק פּאָסט", „ניו־לידער" און „קאָנגרעס וויקלי".

די דאָזיקע דיסקוסיעס דערגרייכן אָבער נישט שטענדיק דעם עיקר פון דער זאַך און זיינען אָפט ווייניק קאָנסטרוקטיוו. פאַרוואָס? ווארום עס איז אונז בלי ספק באַקאַנט, אַז אין ענגלאַנד געפינען זיך אויך אייניקע אַנטידעמאָקראַטישע, ענדעקישע און אַנטיסעמיטישע עלעמענטן, אַז זיי קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם שריפטל „יעסטעם פּאָליאַקעם", אַז די דאָזיקע גרופּן האָבן אַרויסגערוקט די קאַנדידאַטור פון קריגערישן ענדעק ביעלעצקי, אַלס וויצע־פּרעמיער, אַז... מיר וואָלטן דאָ געקאָנט ברענגען נאָך אַ ריי פאַקטן, וואָס דאַרפן פאַראורטיילט ווערן. אָבער דאָס באַגרעניצן די גאַנצע פּויליש־יידישע פראַגע בלויז צו די פאַקטן, דאָס פאַרשמעלערן דעם פּראָבלעם צום קאַמף מיט דער נישט איינציקער ווידער גרופּע, הייסט פאַרטונקלען פון איין זייט די פּאָליטישע בילד פון פוילן, און איז פון דער אַנדער זייט ווייניק קאָנסטרוקטיוו, ווייל דאָס שאַפט דעם עמאָציאָנעלן באַריער פאַרן אויסבויען די פּויליש־יידישע פריינטשאַפט, וועלכע איז אַזוי נויטיק פאַרן ווידער־אויפבוי פון פוילן.

מ'האָט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן די מעכטיקע דעמאָקראַטישע כוחות, וועגן די פיל גרופּירונגען, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט אין פוילן דער באַרבאַריי, מיט אַ פיל גרעסערער דרייסטקייט און הצלחה, ווי אין דייטשלאַנד, אונגאַרן און אין אַנדערע לענדער. וועגן דעם דערמאָנט מען אין די דיסקוסיעס אַמווייניקסטן.

די דאָזיקע גרופּירונגען זיינען געווען קודם־כּל די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אַרבעטער־בילדונגס־אָרגאַניזאַציעס, דער דעמאָקראַטישער קלוב, די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ און אַ רײ אַנדערע, נישט נאָר סאָציאַליסטישע גרופּן. טראָץ דער דעמאַגאָגישער אַגיטאַציע פון די פּראָפאַשיסטישע גרופּירונגען, טראָץ דעם פּאַקט, וואָס די דאָזיקע אַגיטאַציע פלעגט דאָ און דאָרט מאַכן דורכבּרוכן צווישן די פּאַראַרימטע מאַסן, איז די דעמאָקראַטישע באַוועגונג פאַרבליבן טריי אירע אידעאַלן און האָט געפירט איר קאַמף מיט דער פולער אונטערשטיצונג פון די פּוילישע מאַסן. בלי ספק, —די רעליגיע פון האַס, געשטיצט דורך האַלב־אָפיציעלע פּאַקטאָרן, איז נישט געבליבן לגמרי אָן רעזולטאַטן. אין רוסלאַנד האָט אין 1905 פּאַראַזיטירט אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג די „שוואַרצע מאה", וועגן גורל פון רוסלאַנד האָט אָבער נישט ז י דעצידירט.

נאָך דער טאָטאַלער אָקופּאַציע פון דער פּוילישער רעפּובליק, זיינען אַנטשטאַנען נייע דעמאָקראַטישע כּוחות, און זיי האָבן אויפגעהויבן דעם קאַמף פאַרן פרייגטלאַכן צוזאַמענלעבן צווישן די נאַציאָנאַליטעטן פון פּוילן. אינם דאָזיקן אונטערערדישן קאַמף, אין וועלכן ס'איז נישטאָ קיין פּאַרדאָן און קיין קאָמפּראָמיס, האָבן זיך געאייניקט די הענט פון פּאָליאַקן און יידן אינם געמיינזאַמען קאַמף פאַר אַ נייער פּוילן, פאַר אַן אומאָפּהענגיקער און פאָלקס־פּוילן. די אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַראייניקט אין קאַמף, טראָץ די מויערן פון געטאָ.

און די באַוועגונג האָט זיך געשטאַרקט. אין 1940 איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין דער אומלעגאַלער אויסגאַבע „וואָלנאָשטש" — אַן אויסגאַבע פון אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע מיט דעם זעלבן נאָמען —דער „פרייהייטס מאַניפעסט", אַלס פּראָגראַם פון דער באַוועגונג. דער „מאַניפעסט" דריקט אויס אומצוויידייטיק די שטעלונג פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין דער נאַציאָנאַליטעטן - פּראַגע: „כּדי דער בלוט־אָפּפער, וועלכער ווערט זייט יאָרן ברייט אָוועקגעגעבן, זאָל נישט זיין אומזיסט, פאָרמולירן מיר די צילן פונם קאַמף אויפן פאָלגנדן אופן: . . . פאַר אַלע פעלקער אין פּוילן דאַרף גאַראַנטירט ווערן פולע גלייכבּאַרעכטיקונג, פּאָליטישע, ווירטשאַפטלאַכע און קולטורעלע. ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם דאַרפן באַזייטיקט ווערן פונם עפנטלאַכן לעבן אין פּוילן."

און ווען דער אָקופּאַנט האָט פאַרשלאָסן אין געטאָ טויזנטער מענטשן, וואָס ליידן מאָראַליש און פיזיש, האָט זיך פון אונטער־ערד

אפגערופן א מעכטיקער פּראָטעסט, וואָס האָט דורכן אומלעגאַלן פלוג־בלאַט פון נאָוועמבער 1940, פאַראורטיילט די נייע ברוטאַליטעט אין שאַלענדע ווערטער:

„צום ארבעטס־פאָלק פון וואַרשע!

„צו דער ענדלאָזער קייט פון פאַרברעכנס און אכזריות'דיקע טאַטן, וואָס ווערן אויסגעפירט אין אונזער לאַנד, האָט דער היטלע־רישער אָקופּאַנט צוגעגעבן נאָך א רינג: דער לעבעדיקער קערפּער פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָט איז צעשניטן געוואָרן דורך חרפה'דיקע מויערן . . .

„דער פאַרברעכערישער, געמיינער און ביטערער אָקופּאַנט — לייענען מיר ווייטער — זעט, אז די רעפּרעסיעס וועלן נישט שוואַ־כער מאַכן די פאַראַכטונג, וואָס רינגלט אים אַרום, ער באַמיט זיך, אַלזאָ, אָפּוועגדן פון זיך דעם האַס, וועלכן ער פילט אַרום זיך. „נישט היטלער איז שולדיק אין די ליידן פון פּוילישן פאָלק, — שולדיק זיי־נען יידן". און יעצט וויל די ווילדע דייטשע פּראָפּאַגאַנדע ריכטן די שאַרפקייט פונם האַס פון פאַריאָכטן פּוילישן פאָלק קעגן די פאַר־שלאָסענע הינטער די מויערן פון געטאָ.

„דאָס פּוילישע פאָלק פאַרשטייט דעם זין פונם דאָזיקן שפּיל און וואַרפט אָפּ מיט פאַראַכטונג די פאַרגעשלאָגענע אים דורכן היט־לעריזם שטעלונג פון בעסערן, נאָך נישט פאַרשלאָסענעם אין געטאָ, שקלאַף."

אינם „מאַניפעסט צו די פעלקער פון גאַר דער וועלט", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער לייטונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, געפינען מיר שטאַרקע ווערטער פון שוץ פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און א שאַרפע פאַראורטיילונג פונם יידישן געטאָ. דער דאָזיקער מאַניפעסט איז אָנגענומען געוואָרן דורך פאַרשטייער פון צוויי טויזנט אומלעגאַלע גרופּן אין פּוילן.

דאָס איז א הייפל דאָקומענטן — און מעשים?

כ'וועל נישט שרייבן וועגן דעם, וואָס די פּוילישע באַפעלקע־רונג, טראָץ די סכנות, שטעלט דאָך צו לעבנס־מיטלען אין געטאָ. עס איז אויך גענוג באַקאַנט דער פאַקט וועגן דער סאָלידאַרער צוזאַמענ־אַרבעט פון די אומלעגאַלע אַרבעטער־באַוועגונגען, דער פּוילישער און דער יידישער. די דאָזיקע פאַקטן נויטיקן זיך נישט אין א ווידערהאָלונג.

וויכטיקער זיינען אָבער באַקאַנט די פאַקטן פון אָרגאַניזירן די פריינטשאַפט פוןביידע געזעלשאַפטן, וואָס גרייכט ווייט מחוץ די

ראַמען פון די מעכטיקע אַרבעטער־באַוועגונגען. אין איינעם פון די גרעסטע פּוילישע און יידישע צענטערן אין מזרח־טייל פון פּוילן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּוילישע ליגע צום קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם. אין דער ליגע זיינען אַריין פאַרשטייער פון דער אַר־בעטס־אינטעליגענץ, דערביי מענטשן מיט באַקאַנטע נעמען אין פּוילן. די ליגע האָט איינגעאָרדנט אַ ריי אומלעגאַלע פאַרזאַמלונ־גען און צוגעגרייט אַ ברייטערע אַקציע. מ'האָט געפּלאַנט אויך אַ קאָנפערענץ פון די פּוילישע און פון די יידישע גרופּירונגען, כדי אונטערצושטרייכן די געמיינזאַמע פריינטשאַפט, איינפאַרשטענד־ניש און ווילן צום קאַמף פאַר פרייהייט. די אַרעסטן האָבן געשטערט דער פולער רעאַליזירונג פונם פּלאַן.

די פאַרשטייער פון די דעמאָקראַטישע גרופּירונגען אין לאַנ־דאַן פאַרנעמען אין דער הינזיכט אַן ענלאַכע שטעלונג. כ'וויל דאָ דערמאָנען כאָטשבי די דערקלערונג פון אַרבעטס־מיניסטער און גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון די פּוילישע באַרג־אַרבעטער, סטאַנטשיק, וועל־כער האָט, צוו. אַנד., דערקלערט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט געהאַט אַלס ציל, צו פאַרוויקלען די פּוילישע געזעלשאַפט אין אינערלאַכע קאַמפן און אָפּצושוואַכן זיין ווילן צום צוגרייטן זיך צום קאַמף מיט דייטשלאַנד, אין מאָמענט, ווען זי וועט אַטאַקירן די פּוילישע גרע־ניצן.

„יעדער אַנטיסעמיטיזם מוז ווערן פאַרורטיילט, נישט נאָר ווייל ער שטייט אין סתירה מיט מענטשלאַכע געפילן, ווייל ער איז אַ באַר־באַריי, וואָס איז אומווירדיק פאַרן מענטשן, — נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער מאַכט אוממעגלאַך די האַרמאָנישע קאָאָפּעראַציע פון די יידן מיט דער איבעריקער, פּוילישער געזעלשאַפט!"

„אין פּוילן, וועלכע וועט אַנטוויקלען איר אינדוסטריעלע ווירט־שאַפט און וועט ענדערן איר איינזייטיקע סטרוקטור פון אַן אַגראַר לאַנד אויף אַ געהעריק אינדוסטריאַליזירט לאַנד, וועלן אַלע, פּאָליאַקן, יידן און אוקראַינער, געפינען באַשעפטיקונג!

אַ צווייטער פּוילישער אַרבעטער־פירער, מיטגליד פון פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט, אַדאַם טשאַלקאַש, וועלכער איז אויך שאַרף אַרויסגע־טראָטן קעגן אַנטיסעמיטיזם, האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט יידיש, כדי בעסער צו פאַרשטיין די יידישע אַרבעטער אין פּוילן.

די דאָזיקע שטימען זיינען באַדייטנד שטאַרקער, ווי די רופן צו האַס. זיי ווייזן אויף דער נויטיקייט צו בויען די פּויליש־יידישע

פריינטשאפט, וועלכע דארף זיך אויך ווייטער שטיצן אויף די דעמאָ־קראַטישע כוחות אין פּוילן.

אין פייער פון דער דיסקוסיע, ביים זוכן די עלעמענטן, וואָס טיילן ביידע געזעלשאַפטן, האָט מען פאַרגעסן, אַז איינע און די צווייטע געזעלשאַפט לעבן שוין איינער נעבן דער אַנדערער זייט דורות, אַז אַדאַנק דעם איז אַנטשטאַנען אַ דויערהאַפטער צוזאַמענ־לעבן. די צוקונפט קאָן מען בויען נאָר אויף די פּרינציפּן, נאָר אויפן יסוד פון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון ביידע פעלקער. מ'דאַרף אָפּ־בעטן פאַר דער צוקונפט, אַרויסבאַקומענדיק פון אונז דאָס אַלץ, וואָס אייניקט, און אָפּוואַרפנדיק דאָס, וואָס טיילט.

כ'וויל דערמאָנען אַן אַנדער תקופה אין פּוילן, נישט אַזאַ אָנגע־לאָדענע מיט רעזולטאַטן, ווי די יעצטיקע תקופה, אָבער פונדעסט־וועגן אויך אַן איבערברוך־תקופה — די צייט פונם אויפשטאַנד פון 1863. אינם דאָזיקן אויפשטאַנד איז אין אַ געוויסן זין אויסגעשמידט געוואָרן די פּויליש־יידישע פריינטשאַפט, וועלכע האָט געדויערט לאַנ־גע יאָרן, געגעבן גוטע רעזולטאַטן און איז אויך יעצט פאַר אונז אַ ביישפּיל. אַזאַ קאַפּיטאַל דאַרפן מיר יעצט צענויפזאַמלען.

אמת, עס זיינען פאַראַן פּראָפאַשיסטישע פּוילישע גרופּירונגען, וועמענס ציל איז צו שטאַרקן נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען און וועל־כע דינען אָביעקטיוו דער אידעאָלאָגיע, קעגן וועלכער עס גייט יעצט דער קריג אויף דער ערד, אויפן ים און אין דער לופט. עס איז אָבער קודם־כל אַן אמת, אַז אַן אומגעהייערע ראָל אין לאַנד שפּילן היינט די דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וועלכע דינען יענע צילן, פאַר וועלכע עס קעמפט יעצט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. זיי קעמפן אויך פאַר דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, פאַרן צעברעכן די מויערן פון געטאָ. אויף די דאָזיקע עלעמענטן מוזן מיר שטיצן אונזערע האָפנונגען, די דאָזיקע באַוועגונגען דאַרפן מיר קודם־כל ווידמען דעם גרעסטן טייל פון אונזער אויפמערקזאַמקייט און זיי דאַרפן גענומען ווערן אין חשבון, ביים אורטיילן דאָס פּוילישע פאָלק און די צוקונפט פון פּוילן.

אָפּקלאַנגען

בונדישע זעלבסט־רעקלאַמע

אינם „יידישן קעמפער" שטעלט זיך אָפּ ה. בן־טוב אויפן גרויסן געפילדער, וואָס דער „בונד" מאַכט אַרום זיין אונטערערדישער אַרבעט קעגן היטלעריזם אין פוילן, ווי אויך אַרום זיין כלומרשט'ן גרויסן אָנטייל אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע. דער מחבר שטעמפּלט עס, אַלס זעלבסט־רעקלאַמע פון „בונד" און באַמערקט:

דאַרף מען . . . די אידישע מאַסן אין פוילן איבערצייגן אין דער שעדלאַכקייט און פאַרברעכערישקייט פון היטלעריזם? דאַרף מען זיי ספּעציעל אויפקלערן און אַגיטירן, דורך אונטערערדישער אַרבעט, וועגן אַמת'ן כאַראַקטער און מהות פון היטלעריזם, וועגן זיינע מנובל'דיקע טעאָריעס און פאַרברעכערישער פּראַקטיק? איז דען די אידישע מאַסע אין פוילן שוין פריער ניט געווען באַוואוסט איבער דעם? און האָט נישט די קרימינעלע טעטיקייט פון די היטלעריסטישע מושלים אין פוילן אויפגעקלערט איבער־גענוג אפילו דעם אָפּגעשטאַנענסטן אידן (אויב אַזאַ איז אין באַצוג צום היטלעריזם בכלל געווען), וואָס דער נאַציזם איז?

דער מחבר פירט אויס:

טאָ צו וואָס איז דער רעש און געפילדער וועגן דער אונטערערדישער אַרבעט פון „בונד"? צו וואָס איז דער גאַנצער טומל וועגן דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס די בונדישע קרייזן ווילן מאַכן דאָ אין אַמעריקע? אַפילו אַ מלופּים־קינד וועט דאָך פאַרשטיין, אַז די אידישע מאַסן דאַרפן קעמפן קעגן היטלעריזם...

אַי וואָס, די בונדישע אונטערערדישע אַרבעט אין פוילן רופט די מאַסן, נישט צו פאַרלירן דעם מוט, האָבן אויסדויער און אויסהאַלטן ביז בעסערע צייטן? זיינען מיר זיכער, אַז דאָס טוען אויך אַלע אַנדערע אידישע פּאַרטייען אינם געטאָ. און צו דעם איז לאַו דווקא נויטיק „אונטערערדישע" אַרבעט. אינם געטאָ, אין די תנאים פון פולשטענדיקער איזאָלירונג פון די אידן פון דער אַרומיקער דייטשער און פּוילישער סביבה, קען אָט די דאָזיקע דערמוטיקונגס־ און שטאַרקונגס־אַרבעט געפירט ווערן, וואו נאָר אידן טרעפן זיך.

אַ מעשה מיט „אַרבעטער־באַטאַליאָנען"

זעלבסט־רעקלאַמע טרייבט אויך דער „בונד" מיט עפּעס אַ געשיכטע וועגן „אַרבעטער־באַטאַליאָנען", וואָס ער האָט אָרגאַניזירט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע. שרייבט טאַקע וועגן דעם „דער יידישער קעמפער":

. . . יעדערער ווייסט, דאַכט זיך, אַז וואַרשע, בעת איר איינציקאַרטיקער, העלדישער פאַרטיידיקונג, איז דורך די דייטשן אַטאַקירט געוואָרן דער עיקר פון דער לופטן, ווי אויך באַשאָסן געוואָרן דורך אַרטילעריע, וואָס איז געשטאַנען הינטער די וואַרשעווער פאָרשטעט, וואָליע און פּאָוואָנזעק. וואָס האָבן „אַרבעטער־באַטאַליאָנען" געקענט העלפן קעגן די לופט־אַטאַקעס און קעגן באַשיסן די שטאָט פון שווערע האַרמאַטן, — ווייסט איין גאָט אַליין.

דער מחבר דערציילט ווייטער געני וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע און באַמערקט:

...וואַרשע איז פאַרטיידיקט געוואָרן דורך מיליטער, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען, און נישט דורך דער ציווילער באַפעלקערונג; . . . די דאָזיקע העלדישע פאַרטיידיקונג איז געפירט געוואָרן דורך זעלנער, מיט ביקסן, מיט קוילנוואַרפערס, מיט קאַנאָנען, מיט טאַנקן, און נישט מיט עפּעס „אַרבעטס־באַטאַליאָנען"; און טאָמער האָט פּ.פּ.ס. גערופן לכתחילה צו אָרגאַניזירן אַזעלכע באַטאַליאָנען, האָבן זיי אָבער, צוליבן עצם־כאַראַקטער פון דער מלחמה... קריג, וואָס איז געפירט געוואָרן אַרום וואַרשע, נישט געקענט שפּילן אין אים די מינדעסטע ראָל.

און וואָס שייך דער באַהויפּטונג פון „בונד", אַז בלויז ער אַליין האָט זיך באַטייליקט אין פאַרטיידיקן וואַרשע, ווייזט אָן צום סוף דער מחבר פונם אַרטיקל:

אינם מיליטער ווידער, וואָס האָט העלדיש פאַרטיידיקט וואַרשע, זיינען, ווי געוויינלאַך, געווען אידישע זעלנער, סתם־אידן, און דעריבער האָבן אויך אידן פאַרטיידיקט די שטאָט, — אָבער נישט דווקא בונדיסטן, וואָס ווילן זיך יעצט מאַכן אַ נאַרישע און לעכערלאַכע זעלבסט־רעקלאַמע נישט בלויז אויף דער אידישער גאַס, נאָר און אפשר נאָך מער — אין די פּוילישע הויכע פענסטער.

„קוילע מיר מיינע גענז" . . .

שוין נאָכדעם, ווי דער אַרטיקל איז דערשינען אין „יידישן קעמפער", איז אַרוים דער סעפּטעמבער־נומער „אונזער צייט", וואו עס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן זכרונות פון די סעפּטעמבער־טעג 1939 אין וואַרשע. און אין די דאָזיקע זכרונות א. נ. „אין יענע טעג" לייענען מיר פאָלגנדע ווערטער וועגן די א. ג. „אַרבעטער־באַטאַליאָנען" פון „בונד":

בעת די פּ.פּ.ס. איז צוגעטראָטן צו שאַפן דעם אַרבעטער־באַטאַליאָן, האָט זי זיך פאַרשטענדיקט מיט אונז, און אויך מיר האָבן דורך דער צייטונג אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו די אידישע אַרבעטער און צו דער אַרבעטער־יוגנט, אַז זיי זאָלן זיך מאַסנווייז פאַרשרייבן אין באַטאַליאָן. גלייכצייטיק האָט אויך אַ דעלעגאַציע פון באַטאַליאָן זיך געווענדעט צו אונז וועגן העלפן זיי זאַמלען פעלד־בעטלאַך, וועש, קאָצן און מעדיקאַמענטן.

דער בונדישער זכרונות־שרייבער איז, הייסט עס, אַליין מודה, אַז בסך־הכל איז געווען נאָר איין אַרבעטער־באַטאַליאָן און דערצו איז ער געשאַפן געוואָרן דורך פּ. פּ. ס.

אָט אַזוי זעט עס אויס אין דער ווירקלאַכקייט די גאַנצע בלאָף־מעשה מיט די „אַרבעטער־באַטאַליאָנען", וועלכע דער „בונד" האָט בשעתו געשאַפן צום „פאַרטיידיקן וואַרשע". עס איז די אַלטע מעשה מיט „קוילע מיר מיינע גענז", און דערביי ווייזט זיך נאָך אַרויס, אַז די איין־און־איינציקע גאַנז איז אויך געווען נישט פון „בונד", נאָר — פון פּ.פּ.ס...

X

דאָס יידישע לעבן אינם נאַצי־פּוילן

פון אַ בריוו, וואָס איז אַרוים פון וואַרשע אָנפאַנג אַפּריל, 1941

ווי זעט אויס דאָס טאָג־טעגלאַכע לעבן?

איינער פון די הויפּט־מיטלען פאַר פאַרווירקלאַכן די נאַצישע פּאָליטיק אין פּוילן בנוגע יידן, איז — דאָס פאַרשפּאַרן די יידן אין געטאָס, הינטער הויכע ווענט און אָפּגעשלאָסענע גרעניצן, וואו מ׳פאַרשליסט זיי אויף זיבן שלעסער. דאָס גאַנצע לאַנד באַשטייט יעצט פון גרעניצן. יעדע שטאָט און שטעטל און אַפילו די גאַסן, הייזער און הויפן, אַלץ איז איינגעשלאָסן אין גרעניצן און ווערט באַהיט דורך וועכטער, כדי דער ייד זאָל חלילה נישט פורץ גדר זיין. וואָס עס באַדייט דאָס לעצטע, איז איבעריק צו קאָמענטירן.

דאָס אָפּשליסן די יידן האָט אַ באַשטימטן ציל: פולשטענדיק איזאָלירן די יידן פון זייערע שכנים, פון יעדן ווירטשאַפטלאַכן, פּערזענלאַכן, געזעלשאַפטלאַכן קאָנטאַקט מיט זיי. דאָס האָט געבראַכט צו אַ פולשטענדיקער ליקווידאַציע פונם ווירטשאַפטלאַכן לעבן פון די יידן. ווירטשאַפטליך לעבן יעצט יידן פון שיריים וועלכע ווערן מיט סכנות נפשות אַריינגעשמוגלט אין געטאָ. עס איז אויף אונז מקוים געוואָרן דאָס וואָרט „יהודים לכו והתפרנסו זה מזה״. און די פרנסות זיינען אונז געגנוג באַקאַנט: די גאַסן, הינטער־געסלאַך, הויפן זיינען מלא וגדוש מיט יידן „סוחרים״. דער ממשות׳דיקער ווערט פון דער „סחורה״ דערגרייכט בלויז צו איניקע פרוטות. אין דעם זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן די „ווירטשאַפטלאַכע אַרטעריעס״ פון די יידן אין געטאָ.

צוהילף דער אויסראָטונגס־פּאָליטיק איז געקומען דאָס קאָנצענטרירן די יידן אין די גרויסע שטעט. ריכטיקער, — דאָס אָפּשליסן די יידן אין געטאָס פון די גרויסע שטעט, וואָרום די נאַציס לוינט נישט צו צעטרענצלען אַדמיניסטראַטיווע כוחות אויף יידישע ענינים אין דעם אָדער יענעם שטעטל. עס איז מעגלאַך צו קאָנצענטרירן זיי, כדי דאָס שלעכטס זאָל זיי טרעפן קאָנצענטרירטערהייט. חוץ דעם, פאַרגרעסערט זיך אין דער קאָנצענטראַציע די ענגשאַפט, עס פאַרמערן זיך די קראַנקהייטן און פאַר פאַרהונגערונג עפנט זיך דורכדעם אַ ברייטער פלאַץ.

פאַקטיש זיינען שוין אַרויסגעטריבן געוואָרן די מערהייט יידן פון די שטעט און דערפער לעבן וואַרשע. אין דער לעצטער צייט האָט מען פאַרטריבן 170 טויזנט יידן און עס ווערט דערוואַרט אַ ווייטערדיקער גירוש. די יידן קומען בעירום ובחוסר כל. און דער באַגאַזש, וואָס מען דערלויבט זיי מיטנעמען, איז נאָר פּיין און צרות... מען רעדט ערנסט וועגן פיר שטעט פאַר יידן: וואַרשע, לובלין, קיעלץ און ריישע (זשעשוב אין מערב־גאַליציע). אין דער לעצטער צייט האָט מען ווינער יידן פאַרטריבן קיין לובלין. מען איז חושש, אַז עס זאָל פאַרווירקלאַכט ווערן דער אַלטער פּלאַן וועגן קאָנצענטרירן אַלע יידן פון דייטשלאַנד אין גאָווערנעמענט. פיל גורמים באַוועגן זיי דערצו.

די אַרבעטס־לאַגערן

די יידישע צרות ענדיקן זיך אָבער נישט מיטן געטאָ. יעדן יידישן יונגנמאַן באַפאַלט אין יעצטיקער צייט אַ מורא, — ער שרעקט זיך פאַר די אַרבעטס־לאַגערן, וועלכע דאַרפן אָרגאַנאַזירט ווערן אין פרילינגס־צייט. מיר ווייסן שוין איבערגענוג, וואָס זיינען די דאָזיקע לאַגערן. דער אָפיציעלער ציל פון די לאַגערן איז, חוץ דעם אויספירן די נויטיקע אַרבעטן דורך יידישע קרעפטן, — אויך די „דערציאונג״ פון

די יידן. און אַז אַך און ווי איז צו אַ יידישן יונגנמאַן, וועמענס גורל איז צו זיין זייער תלמיד. פיל האָבן זיך געשיידט מיטן לעבן אין זייער יוגנט. אין די צוריקקערנדע איז שווער צו דערקענען דעם מענטשלאַכן פּרצוף. שטעלט זיך פאַר, אַז וואַרשע דאַרף צושטעלן אָנפאַנג פרילינג 50,000 יוגנטלאַכע אין די אַרבעטס־לאַגערן. די קהילה־פאַרוואַלטונג מאַכט פּרואוון אויפצושטעלן אַרבעטס־לאַגערן מיט אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג. דער דאָזיקער פּרואוו איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון חברים פון „החלוץ״. מערסטנטיילס איז עס געלונגען. דאָס האָט געגעבן אַ שטויס, אַז אויך אין דער צוקונפט זאָל עס אָרגאַניזירט ווערן. אָבער דאָס איז נישט עלוי צו פאַרלייכטערן די שוועריקייט פון דער גאַנצער פּראַגע.

דאָס אינערלאַכע לעבן אין געטאָ

די יידן האָבן יעצט באַקומען „אויטאָנאָמיע״. די קהילה איז היינט־צו־טאָג — אַ רעגירונג פאַר יידישע ענינים. די שפּראָצונגען פון אַ יידישער אויטאָנאָמיע כביכול זיינען שוין געווען פאַרן געטאָ. איך וואָלט אָנגערופן די קהילה — אַ יידישע רעגירונג אין אַ קרומען שפּיגל. זי איז איצט דער אַדרעס פאַר אַלץ — פון גזירות ביז דער פּאָסט, פּאָליציי, אַפּראָוויזאַציע, סאָציאַלע אַנשטאַלטן א. אַ. וו. אויך די איינלאַדונגען צו אַרבעט ווערן אָרגאַניזירט דורך דער קהילה. צו דעם ציל איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביי דער קהילה אַ קאָמיסיע פאַר אַרבעטס־ענינים. אין דער לעצטער צייט זיינען דערהאַלטן געוואָרן אינסטרוקציעס פון דער מאַכט וועגן איינאָרדענען גרויסע וואַרשטאַטן אויף אויספירן רעגירונגס־אַרבעטן. מען האָט אָרגאַניזירט ניי־וואַרשטאַטן, יעדערע מיט 600 מאַשינען, ווי אויך שוסטער־וואַרשטאַטן, סטאָלערייען, וואַרשטאַטן פאַר טריקאָטאַזש־אַרבעטן. אַלס באַלוינונג פאַר דער אַרבעט, וועט די קהילה באַקומען אַפּראָוויזאַציע פאַר יידן. די מאַכט אינטערעסירט זיך מיט די פאַכמענישע קרעפטן צווישן די יידן. צו דעם צוועק איז דערלויבט געוואָרן אויפשטעלן פּראָפעסיאָנעלע קורסן פאַר דער יוגנט. עס זיינען פאַראַן אין וואַרשע צענדליקער קורסן, וואו פיל טויזנטער בחורים און מיידלאַך אין עלטער פון 15 ביז 19 יאָר לערנען אין אייניקע שיכטן. דאָס זיינען פאַקטיש די איינציקע קורסן, וועלכע זיינען דערלויבט געוואָרן דורך דער מאַכט.

דאָס גאַנצע יידישע לעבן איז קאָנצענטרירט אַרום דער קהילה, וועלכע האָט די אויפזיכט אויף אַלע יידישע לעבנס־געביטן און איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר זיי. די אַרבעט אין געטאָ, אויף וויפיל זי איז דאָ, איז אינגאַנצן אַ יידישע, אָן אַ „פּראַגע פון פּראָצענטער״.

די סאָציאַלע הילף (יידישע סאָציאַלע זעלבסט־הילף) איז פון יורידישן שטאַנדפּונקט אַן אָפּטיילונג פון דער קהילה און שטייט מיט איר אין אַן־ענגער פאַרבינדונג. די מיטלען ווערן קלענער פון טאָג צו טאָג. די פאַרמעגליכע האָבן גאָרנישט געלערנט פון די דאָזיקע ווילדע טעג, און זייער הילף איז אין אַ גרויסער דיספּראָפּאָרץ צו זייער מעגלאַכקייט. קיכן ווערן כסדר געשלאָסן, און די, וואָס זיינען אָפן, ראַנגלען זיך מיט געוואַלטיקע שוועריקייטן. די נויטבאַדערפטיקע וואַרטן אויפן מיטאָג מיט אומגעדולד, פון נעכטיקן מיטאָג אָן, — וואָרום דאָס איז דער איינציקער מאָלצייט פאַר זייער עקזיסטענץ. דער „דזשאָינט״ שטיצט די י. ס. ז., טוט, וואָס זי קען, אָבער צוליב פּאָליטישע סיבות, ווערט זיין טעטיקייט קלענער. שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס וועט זיין דער גורל פון די נויטבאַדערפטיקע אין פאַל פון שליסן די דאָזיקע אַנשטאַלטן . . .

די הילפס־טעטיקייט

דאָס לעבן אין אַלע זיינע שאַטירונגען קאָנצענטרירט זיך אין דער הילפס־אַרבעט, ווי קיכן, קינדער־קיכן, העלפן מיט לעבנס־מיטלען, פאַרטיילן געלט א. אַ. וו. די קיכן דינען, כידוע, אַלס צוזאַמענטרעף־פונקט פאַר די מענטשן; די קינדער־קיכן, זיינען אָנשטאָט שולן. עס איז זייער קענטיק די טעטיקייט פון ראַבינאַט אויף דעם געביט. עס איז שווער צו רעדן וועגן אַן אידעאָלאָגישער אַרבעט אין אַזאַ שווערער צייט פון מענטשן, וואָס זיינען מטופל מיט משפחות און האָבן אויף זיך די לאַסט פון כל׳ערליי שוועריקייטן. אָבער אַדאַנק דעם שטויסן פון דער איניציאַטיוו פון ...., האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אויף דעם געביט. פון צייט צו צייט קומען פאָר רעפעראַטן. געווען אויך אַן אַקאַדעמיע, געווידמעט דעם יובל פון יהודה הלוי, און אַן אַקאַדעמיע פאַר מענדעלע׳ן. עס דאַרף דערמאָנט ווערן צום שבת . . . , וועלכע פירן קרייזן פון קולטור־אַרבעט. זיי האָבן געגרינדעט אַ סעמינאַר און אַרויסגעגעבן אַ צייטונג, און ס׳איז גערעדט געוואָרן וועגן פראָקלאַמירן אַ שקל־אַקציע. דאָס איז אָבער יעצט אין גדר פון ווכוח, און עס איז שווער צו וויסן, וואָס עס וועט זיין דער סוף.

אונזער באַוועגונג האָט פאַקטיש ניט אָפּגעשטעלט איר אַרבעט אין קיין שום מצב אַפילו אויף א רגע. מען האָט זי געפילט צווישן אירע חברים און אין דער יידישער עפנטלאַכקייט אין אַ צייט, ווען קיין שום געזעלשאַפטלאַכע קערפערשאַפט האָט נישט געוואַגט אַפילו צו טראַכטן וועגן וועלכער עס איז געזעלשאַפטלאַכער אָדער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. עס איז נאָך פריצייטיק צו שרייבן וועגן אַלע געשעענישן אין דער באַוועגונג זינט דעם אויסברוך פון קריג ביז היינט" . . .

לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעט

„יעדער ערד־אייגנטימער האָט דאָס רעכט צו פאָדערן פונם אַרבעטס־אַמט יידישע אַרבעטער און די קהלה דאַרף אויספילן די אינסטרוקציעס פון דער מאַכט . . . אין פיל פאַלן זיינען די באָדן־אייגנטימער דערשינען אַלס „רעטער" . . . און אַלס עקספלואטאַטערן. פיל באָדן־אייגנטימער האָבן געוואָלט איבערלאָזן די אַרבעטער אויך אויף ווינטער . . . מען וויל איצט מאַכן אַ גרויס ווערק. עס איז געשאַפן געוואָרן אַנ׳אידישע לאַנדווירטשאַפטליכע געזעלשאַפט „טאָפּאָראָל"... די לאַנדווירטשאַפטליכע סעזאָן־אַרבעט ראַטעוועט פון געטאָ, פון הונגער . . . געוועזן גרופן, ווי ס׳איז מעגליך געווען צו פירן אַ ביסל קולטור־אַרבעט, און דער רו־טאָג איז שטענדיק אויסגענוצט געוואָרן פאַר דעם.

דער בריוו ברענגט ווייטער פיל ידיעות וועגן די פאַרמס און אַרבעטס־קבוצות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשידענע געגנטן. ליידער קענען די ידיעות נישט פאַרעפנטלאכט ווערן.

די אונטערערדישע אַרבעט

(פון אַ בריוו פון אַ חבר תּוז צ. ק. פּועלי ציון (צ. ס.), וועלכן ס'איז געלונגען צו פאַרלאָזן פּוילן און קומען קיין ארץ-ישראל)

ענדלאַך קען איך צו אייך שרייבן אומגעשטערט, אָן מיסטיק און רמזים. איך זאָג אייך, אַז מיר האָבן אַלע נישט געוואוסט, וואָס פאַראַ טייערע חברים מיר האָבן, וויפיל באַגייסטערונג און אַרבעטסלוסט מען טרעפט ביי זיי, ווי זיי קענען פאַרגעסן אָן די שרעקלאַכסטע פּערזענלאַכע צרות און נאָר געדענקען וועגן דער באַוועגונג. מען האָט אונז נישט צעשטערט. מיר זיינען ווייטער דאָ און מען אַרבעט מיט נאָך מערער קרבנות־גרייטקייט. די פאָרמען זיינען פאַרשידענע, דער אינהאַלט — איבעראַל דער זעלבער. צומאָרגנס נאָך דער מלחמה זיינען מיר געווען די ערשטע אויף דער אַרענע מיט אַ רייכער, פּולבאַוואוסטער מאַסע. אין צענטער און אין די שטעטלאַך זיינען מיר די פּאָפּולערסטע אין יידישן לעבן. מיר קומען מיט איניציאַטיוו, מיר ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך נאָך, מיר אָרגאַניזירן, העלפן, היטן דאָס אומגליקלאַכע און פאַרלאָזטע יידישע פאָלק. אַנדערע לאָזן פון זיך נישט הערן, אין צענטער זיינען פאַראַן צענדליקער לאַנדסמאַנשאַפטן, כמעט אַלע ווערן אָנגעפירט פון .... אויף דער פּראָווינץ שטייען אַלע אַלטע געטרייע חברים ביי דער אַרבעט. אומעטום וויל מען וויסן, וואָס עס הערט זיך אין דער באַוועגונג . . . און ערשט צום סוף דערציילט מען וועגן די אייגענע יסורים. אַזוי זיינען אונזערע מענטשן און אַזאַ וואונדערבאַרע באַוועגונג האָבן מיר געשאַפן.

איך שטעל מיר פאָר, אַז אויף דער עמיגראַציע שאַפט זיך אַ שטימונג פון איינזאַמקייט ,אָפּגעריסנקייט, ווייל איך אייך זאָגן, אַז איר זייט נישט פאַראיינזאַמט. איבעראַל וועבט זיך ווייטער די גייסטיקע פאַרבינדונג מיט אייך און איר קענט זיין שטאָלץ צו שטיין . . .

די לעצטע וואָך פאַר מיין אַרויספאָרן איז פריילאַך דערעפנט געוואָרן . . . וואָס פאַראַ פרייד ! טרערן אין די אויגן ביי פיל . . . פון צענדליקער פּונקטן זיינען געקומען צו עטלאַכע מענטשן, די ערשטע מאַסאָוואָקע אין צענטער. דער איינדרוק איז געווען אַ געוואַלטיקער. בשעת די דריי רעדעס — אַן אומבאַשרייבלאַכע שטילקייט, מען האָט געהערט די הערצער קלאַפּן, מען האָט געוואָלט תיכף שרייבן . . „ דערציילן, אַז מען לעבט ווייטער און אַז אויף די חורבות אַנטשטייט אַ ניי לעבן.

. . . דער גאָלדענער פאָדים פון הכשרה האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו וועבן. וואָס פאַראַ אומבאַשרייבלאַכער יום־טוב! די ווידערגעבורט פון דער פאַרם האָט זיך איבעראַל אָפּגערופן אין אַ פּרעכטיקן עכאָ. יונגוואַרג פון שטעט און שטעטלאַך רייסט זיך צו אַ נייעם לעבן.

אין דער זעלבער צייט איז אַרויס דער דריטער צירקולאַר פון „פרייהייט”... מען האָט אויסגעהערט האַרץ־דערקוויקנדע באַריכטן פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער טעטיקייט, וואָס ווערט געמאַכט פון אינסטרוקטאָרן. וויפיל אידעאַליזם! וויפיל געטרייקייט, וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן! פאַר מיין אָפּפאָר איז פאָרגעקומען אַ קאָאָרדינאַציע צווישן . . . און ביי דער דערעפענונג פון . . . איז דער דאָזיקער באַשלוס אָפיציעל פאַרעפנטלאַכט געוואָרן.

אונזער רירעוודיקייט, אונזער הילפסאַרבעט איז אין אַלע קרייזן געוואָרן אָנערקענט, דאָס לאָזט זיך נישט באַשרייבן, ביי אַ גליקלאַכער געלעגנהייט וועל איך אייך פערזענלאַך דערציילן.

קיינער פון די איבערגעבליבענע חברים איז נישט אַוועק אויף עמיגראַציע. אין גענגנטייל, עס זיינען צוגעקומען נייע חברים, אַזוי אינטענסיוו איז געווען דאָס טעמפּאָ. איר דאַרפט אינטענסיווער קאָרעספּאָנדירן מיט די איבערגעבליבענע חברים, אַז זיי זאָלן ווייטער אויסהאַלטן דאָס אויסגעצייכנטע ווערק, וואָס האָט געטראָגן הילף און טרייסט פאַר הונ־דערטער מענטשן און זייערע משפּחות. לעצטנס האָבן מיר אויך געשיקט הילף פאַר דער פּראָווינץ, דערמוטיקט זיי, געשטאַרקט זיי, באַוויזן, אַז מען פאַרגעסט נישט ביי אונז. דאָס אַלץ טאָר נישט פאַלן.

אייער . . .

אויסצוגן פון אַ בריוו פון אַפּריל, 1941

מיר זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן זאָרגן וועגן אַרבעט צווישן דער יוגנט, תיכף נאָך דער אָקופּאַציע. פּאַקטיש האָט זיך די אַרבעט אָנגעהויבן אין דעם סניף וואַרשע. די ערשטע זאַך איז געווען, צו געבן סאָציאַלע הילף דער יוגנט. דער סאָציאַלער אָפּשטאַם פון דער יוגנט איז מערסטנטייל — אָרימעלייט. דער מצב פון זייערע משפּחות פון די דאָזיקע טעג איז שווער צו פאַרצושטעלן זיך. עס איז פּשוט הונ־גער. עס ווייטיקט דאָס האַרץ צו זען דעם בלאַסן יוגנטלאַכן מיט אַ פאַר־חושכ׳טן און איינגעפאַלענעם פּנים. מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ גרויסע צאָל חברים אין די קיכן, געגעבן וועלכע־ס׳איז הילף אין פּראָדוקטן, אַמאָל אויך אַ קליינע געלט־הילף. אָבער אין הקומץ משביע את הארי. די הונגער־פּראַגע און די נויט פון דער מערהייט חברים פון דעם סניף איז נישט געלייזט געוואָרן אַפילו צום טייל. פאַראַן אַ קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער הילף ביים סניף, וועלכע זוכט כל מיני מקורות צו העלפן די חברים. ס׳ווערן געמאַכט באַמיאונגען צו קריגן אַרבעט פאַר די חברים. די סעזאָן־הכשרה וועט פיל לייכטער מאַכן זייער גורל.

פיל אַרבעט איז אַריינגעלייגט געוואָרן פאַר דער שטודירנדער יוגנט. מיט דער הילף פון די חברים, וועלכע האָבן זיך איבערגעגעבן דער דאָזיקער אַרבעט נאָך פאַר דעם קריג, איז אונז געלונגען צו שאַפן אַ גוטע און טרייע גרופּע חברים, וועלכע האָט געפונען נאָך חברים פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. דאָס פאַרבינדן די שטודירנדע יוגנט מיט די חברים פון סניף האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן און האָט משפּיע געווען צום גוטן אויפן אויסזען פונם סניף. די אַרבעט ווערט גע־פירט אין קליינע גרופּן; פאַראַן שוין אייניקע צענדליק אַזעלכע. די פּראַגע פון דערציער שטייט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. עס איז געווען נויטיק תיכף אויפצושטעלן אַ גרופּע פון שטענדיקע דערציער, וועלכע זאָל אָנגעפירט ווערן דורך צענטראַלע חברים. אין משך פון דער צייט האָבן מיר אָרגאַניזירט צוויי לאַנדס־סעמינאַרן (30 חברים פון אַלע עקן פון לאַנד אין יוני 1940 און דעם צווייטן אין ווינטער).

די קולטור־ און דערציאונגס־טעטיקייט

אין וואַרשע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויך אַ כאָר פון סניף אונטער דער אָנ־פירונג פון פּראָפ. . . . און אַ דראַמאַטישע סטודיע, אָנגעפירט דורכן העברעאישן שריפטשטעלער . . . , וועלכער איז שטענ־דיק צו אונזער רשות. עס איז אויך פאַר־געקומען אַן עפנטלאַכער אַרויסטריט אין אַ גרויסער קיך. די פאַרשטעלונג איז געקרוינט געוואָרן מיט פיל הצלחה. דאָס האָט צוגעגעבן ווערט אונזער טעטיקייט צווישן דער יוגנט. (פון דעם פּראָגראַם: בילדער פון תנ״ך, פאָלקס־לידער, דעקלאַ־

מאַציע, יוגנט־כאָר, קינדער־כאָר; דער פּראָגראַם איז געווען צום טייל אין העברעאיש און טייל אין יידיש).

דער פּאָפּולערסטער און אויטאָריטעטסטער קעמערל פון דער קהילה, זיינען די הויף־קאָמיטעטן. יעדער הויף האָט אַזאַ קאָמיטעט. די אונטערשריפט פונם קאָמיטעט־פּאָרזיצער האָט אַ קראַפט לגבי דער קהילה, „דזשאָינט” א. אַ. וו. אין יעדן הויז איז פאַראַן אַ קינדער־ווינקל. דאָס איז אַן ערזאַץ פאַר שולן, ווארום עד־היום זיינען פאַר יידישע קינדער נישט דערלויבט געוואָרן קיין שולן, כלומרשט צוליב דער סכנה פון טיפוס. אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אַרבעטן דאָ, און מיר פאַרנעמען אַ קענטיקן פּלאַץ אינם אָנפירן מיט די קינדער־ווינקלען. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר יוגנט, עטלאַכע מאָל אין דער וואָך זאַמלט זיך צונויף די יוגנט פון הויף, וועלכע איז אַ פאַרשידנאַרטיקע. פאַראַן אַ קאָמיסיע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער טעטיקייט פון . . .

מיר האָבן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו לערנען העברעאיש און יידיש אין די עקזיסטירנדע קינדער־אַנשטאַלטן. אונזערע חברים לערנען ביז איצט אין פיל פּלעצער, און די צאָל ווענדונגען צו אונז פון פאַרשידענע אַנשטאַלטן איז זייער אַ גרויסע. אין דער קיך פון . . . האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ קיך פאַר קינדער. די קינדער באַקומען דאָרט אַן אומזיסט מאָלצייט, זאַמלען זיך יעדן טאָג און מען באַשעפטיקט זיך מיט זיי אייניקע שעה. מען האָט אויך אָרגאַניזירט אַ כאָר פון די קינדער אונטער דער אָנפירונג פון . . . אין דעם אויבנדערמאָנטן אַרויסטריט האָט זיך דער דאָזיקער כאָר באַטייליקט און געהאַט דערפאָלג.

געווען פּרובן צו אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלע העברעאישע גימנאַזיע אין געטאָ.

דעם לעצטן זומער האָבן מיר מיטגעטיילט וועגן דעם אָרגאַניזירן שולן. עס איז געווען אַ וויכוח וועגן כאַראַקטער פון די קינפטיקע שולן. אינם לעצטן מאָמענט האָט זיך די מאַכט צוריקגעצויגן פון איר פאָרשלאַג, צוליב פאַרשידענע טעמים. די עיקר׳דיקע סיבה איז געווען דאָס אויפשטעלן די געטאָ. די יידישע קינדער לערנען דעריבער (ווער עס האָט אויף דעם מיטלען) אין פּריוואַטע קורסן, צו פיר, פינף תלמידים אין אַ גרופּע. יעדעס מאָל אין אַן אַנדער אָרט אויף אַן אומלעגאַלן אופן. אַזוי גייט מען דורך דעם פּראָגראַם פון אַ שולע און פון אַ גימנאַזיע. מיר האָבן גענומען אָרגאַניזירן גימנאַזיע־תלמידים אויף אונזערע קורסן. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרופּע לערער, בעיקר פון די גימנאַזיעס אין לאָדזש. דער אָרגאַניזאַטאָר איז אַ חבר פון . . . ., וועלכער איז איבערגעגעבן דער אַרבעט בלב ובנפש. די יוגנט איז אָרגאַניזירט אין איר רוב אין די קבוצות פון דער שטודירנדער יוגנט פונם סניף און פאַרבינדט זיך מיט . . . די דאָזיקע אַרבעט האָט געפונען אָנערקענונג ביי אַלע יידישע אַנשטאַלטן, ווי אויך ביים „דזשאָינט”. מען באַקומט עפּעס אַ געלט־שטיצע און פּראָדוקטן. דאָס דעקט די אָנגעזאַמלטע דעפיציטן. ווארום נישט אַלע תלמידים זענען פאַרמעגלאכע. דער ציל פון דער אַרבעט איז: דערציען די יוגנט, פאַרוואָרצלען זי אין אונזערע קנינים. עס זיינען געמאַכט געוואָרן התחלות צום אָרגאַניזירן עפּעס אַ פאָלק־שול, אַזוי ווי מען דערוואַרט דאָך צו באַקומען אַ דערלויבעניש פאַר שולן אין געטאָ.

אין דער לעצטער צייט איז גערעדט געוואָרן וועגן אַרויסגעבן אַן אומלעגאַלע ליטעראַרישע מאָנאַטשריפט. ליטעראַרישע כוחות זיינען פאַראַן אין וואַרשע לרוב. עס איז נויטיק אַ חלוצישער כוח, וועלכער זאָל פאַרווירקלאַכן דעם געדאַנק. מיר זיינען געווען אַ מאַטעריעלער און גייסטיקער אָנשפּאַר פאַר די קינסטלערישע כוחות, וועלכע זיינען אין די דאָזיקע ווילדע צייטן פאַרשטויסן געוואָרן אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל.

אין דער פּראָווינץ

אויך אין די גרויסע פּראָווינץ־שטעט אַרבעט מען. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן ראַיאָנען אין פיל גרויסע שטעט. דאָרטן זיצן ..., וועלכע פאַרנעמען זיך שטענדיק מיט דער אַרבעט אין שטאָט און אין ראַיאָן. פון צייט צו צייט דערשיינט די צייטונג „ד"... פון . . . מען גיט אויך אַרויס מאַטעריאַל פאַר פּראָגראַמען פון קולטור־אַרבעט, אַ זאַמלונג פון מאַטעריאַלן איבער פאַרשידענע פּראַגן, כדי צו פאַרטרעטן די ביכער, וועלכע מען קען נישט קריגן. עס איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ העפט, וואָס איז צוגעפּאַסט צום איצטיקן יידישן לעבן, אונטערן נאָמען „פּיין און גבורה אין דער ליכט פון דער יידישער געשיכטע". ט"ו שבט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורכן . . . די אַקציע פאַרן נ.־פ. צו דעם צוועק איז פאָרגעקומען אַ מסיבה, צו וועלכער עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אויך די אַקטיווע טוער פון אַלע ... ריכטונגען. מיט אַ צויבערלאָמפּ זיינען באַוויזן געוואָרן בילדער פון ארץ־ישראל. די דאָזיקע אַרבעט האָט אַ דערציאונגס־ און סימבאָלישן ווערט פאַר דער יוגנט. פאַרן געזאַמלטן געלט וועט מען קויפן . . . אַ טיפער גלויבן איז אין אונזער אַלעמענס האַרץ, אַז סוף־כל־סוף וועט קומען דער טאָג און מיר וועלן דערגרייכן אונזער ציל, און די דאָזיקע תרומה איז אַ צייגניש, אַז אין די דאָזיקע פינצטערע טעג האָבן מיר נישט אויף אַ רגע פאַרגעסן וועגן נ.־פ. דאָס שטאַרקט אונז אין די שווערסטע טעג.

. . . צענטראַליזירט די אַרבעט אין דער יוגנט און האָט אַ פולשטענדיקן . . . , וואָס באַשעפטיקן זיך יעדער איינער מיט זיין אַרבעט אונטער . . . אָנפירונג. איך האָב באַקומען ידיעות, אַז ער האָט באַזוכט אַלע פונקטן מיט ...., וועלכע איז די פאַרבינדונגס־חברה. שטעלט זיך פאָר די שמחה פון דער יוגנט. מען דאַרף אויף דעם האָבן אין דער דאָזיקער צייט פיל דרייסטקייט. אַלע טעטיקייטן נויטיקן זיך, חוץ אין פיל גייסטיקע אָנשטרענגונגען, אויך אין גרויסע פינאַנציעלע מיטלען. די לעבנס־מיטלען זיינען טייער און עס איז שווער אויסצוקומען מיט דער אַרבעט, אַפילו ווען זי וואָלט געווען אין שפע. די אַרבעט צווישן דער יוגנט, פאַר עליה — דאָס אַלץ נויטיקט זיך אין אומגעהויערע געלט־מיטלען. מיר קלאַפּן כסדר אין די טירן פון די אַנשטאַלטן, אָבער אָן רעזולטאַטן. עס דאַרף זיין קלאָר, אַז אָן הילף פון די קרובים וועט זיין שווער אָנצוהאַלטן די פּאָזיציע . . .

מיט בענקשאַפט

אייער . . .

אויסצוגן פון אַ בריוו פון ווארשע, פון 5טן מאַי, 1941

ליבער פריינט,

איך האָב זיך זייער דערפרייט, לייענענדיק אייער בריוו. נאָך פיל שוועריקייטן איז אייך פונדעסטוועגן געלונגען גליקלאַך אָנצוקומען צו אייערע קרובים (געמיינט פּאַרטיי־חברים אין אַמעריקע).

זייט עס האָט זיך איבערגעריסן אונזער קאָרעספּאָנדענץ (דאָס מיינט, זייט סעפּטעמבער 1939, ווען די פּוילישע חברים זיינען אָפּגעפאָרן פון ווילנע קיין יאַפּאַן), האָט זיך ווייניק־וואָס געענדערט. איך אַרבעט, אמת, אָן הפסקה, אָבער די פאַרדינסטן זיינען זייער קליינע און איך בין נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטן די משפּחה ־ באַוועגונג און אירע נויטן, וואָס ווערן פון טאָג צו טאָג גרעסער. נאָך גרויסע שוועריקייטן איז מיר אָבער געלונגען צו באַקומען אויף פּסח פאַר איר אַביסל פּעקלעך, באַזונדערס מצה, וואָס עס האָט געהאַט אַ אַגרויסע באַדיי־

טונג. איך האָב אויסגעגעבן פאַר איר אָבער אַזויפיל, אַז נאָך יום־טוב בין איך געבליבן אינגאַנצן אָן אַ גראָשן.

ב... ב... פירט ווייטער זיין געשעפט, אָבער מיט גרויסע שוועריקייטן.

איך באַקום איצט בריוו פון ש., ז., פ. און י. (אָנפירנדע חברים אין 4 גרויסע שטעט אין פוילן), און אויף וויפיל ס׳איז מעגלאַך, באַמי איך זיך זיי צו העלפן. איך האָב זיך אויך געזען מיט זיי איניקע מאָל.

. . . אַרבעט אויף דער פאַרם און . . . (ביידע אַקטיווע טוערינס פון דער באַוועגונג) אַרבעט אין וואַרשע . . . איר האָט אונז צוגעזאָגט אין אַ בריוו צו העלפן. מיר האָבן אָבער נישט קיין שום ידיעות. איך בעט אייך דעריבער צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער זאַך און צושיקן אונז די הילף.

גריסט די חברים. איך דערוואַרט אייער תשובה.

אייער . . .

אויסצוג פון אַ בריוו פון וואַרשע, פון 25סטן אויגוסט, 1941

טייערע . . .„

. . . ביי אונז איז ווי געווען. עס באַזוכט אונז אָפט מחלה, ווי אויך רעב. — זיי גיבן אונז פשוט נישט קיין רו. זיי מאַטערן אונז... פאַר די משפחות פון ב... ב... און פון . . . טוען מיר אַלץ, כדי ס׳זאָל זיי ווערן לייכ־טער. מיר טוען פאַר זיי איבער די כוחות, מיט באמת איבערגעגעבנקייט און מסירת נפש...

אברהם ל־ער גיט הילף, זי איז אָבער זייער קליין. פון איר האָבן אויך גענאָסן די אָרג. פון . . . און פון . . .

כ׳באַקום אָפט בריוו פון . . . (אויס־געקרעכנט די נעמען פון אָנפירנדע חברים אויף דער פּראָווינץ). וו. און ג. האָבן פאַרלאָזן קראָקע (וואַרשיינלאַך צוליב׳ן באַזייטיקן פון דאָרטן אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג).

פון די אַלטע אונזערע פריינט . . . (עס האַנדלט זיך וועגן חברים אין מזרח־פוילן, וואָס איז געווען אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע און איז יעצט אין די נאַצי־הענט) האָבן מיר נישט קיין ידיעות. אָבער ווי אַנדערע אינפאָרמירן אונז, איז דאָרטן שלעכט . . .

אייער . . .

כבוד די געפאַלענע!

לייב האָלענדערסקי,

אומגעקומען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד

איינער פון די בעסטע צווישן אונז, איז אונז צוגערויבט געוואָרן אין נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. צענדליקער יאָר איז ער געשטאַנען אין די ערשטע פּאָזיציעס פון די לינקע פּועלי־ציון אין פּוילן, געליבט דורך חברים און פריינט, באַהאַנדלט מיט דרך־ארץ אפילו דורך זיינע פּאַרטייאישע געגנער און דורך די פאַרביסענע אַנטי־סעמיטן אין לאָדזשער שטאָטראַט, וואו ער איז געזעסן לאַנגע יאָרן. ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן דאָס יידישע לאָדזש, און בפרט דאָס יידישע אַרבעטער־לאָדזש, אָן לייב האָלענדערסקי. אַלץ, וואָס איז קאָנסטרוקטיוו געשאַפן געוואָרן פאַרן יידישן אַרבעטער אין לאָדזש: אַרבעטער־הייזער, אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען א. אַ. וו., — איז אַנטשטאַנען אונטער זיין אָנפירונג, אָדער לכל־הפּחות מיט זיין הילף. האָלענדערסקי איז אויך געווען אַ וואונדערבאַר־גוטער מענטש. אויב ס'איז אמת, — און אוודאי דאַרף עס זיין אמת, — אַז נאָר אַ גוטער מענטש קאָן זיין אַ גוטער סאָציאַליסט, דאַן איז האָלענדערסקי געווען איינע פון די שענסטע פּאַרקערפּערונגען פון דאָזיקן כלל. ער האָט, דאַכט זיך, קיינעם קיין עוולה אין זיין לעבן ניט געטאָן.

דער ציוניסטישער סאָציאַליזם וועט האָלענדערסקי'ן קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אין דער באַפרייטער אַרבעטער־לאָדזש און אין די אַרבעטער־ישובים אין ארץ־ישראל, וועגן וועלכע ער האָט געטרוימט, וועלן מיר פאַראייביקן זיין אָנדענק.

זאב ווינער,

אומגעקומען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד.

אין דער צייט פון דער פאַריקער וועלט־מלחמה, אין די שווערע הונגער־יאָרן 1915־16, ווען טויזנטער און טויזנטער יידן זיינען ארומגעגאַנגען הונגעריק און אָן אַרבעט, האָבן אַ גרופּע פון „צעירי־ציון"־חברים געגרינדעט אין לאָדזש דעם, אַזוי דערנאָך באַקאַנטן, „בית־עם", וואו יונג און אַלט האָבן געפונען אַ וואַרימען היימישן אָרט צו פאַרברענגען טעג און אָוונטן, וואו מען האָט געקאָנט קריגן אַ

שטיקל ברויט און א ווארימען זופ. ביסלעכווייז האט זיך דער „בית־עם", אדאנק אייניקע חברים, פארוואנדלט אין דעם ציוניסטישן קולטור־צענטער פון לאדזש. איינער פון די, וועלכע האבן אוועקגעגעבן זייער גאנצע צייט און ענערגיע פאר דער אינסטיטוציע, איז געווען דער יונגער ז א ב ו ו י נ ע ר. אדאנק דעם ח' ווינער איז געשאפן געווארן די, אזוי נאכדעם באקאנטע אין לאדזש, ביבליאטעק פון „בית־עם".

ווען דער קריג האט זיך געענדיקט, איז ח' ווינער געווען דער, וועלכער האט אריינגעבראכט דעם העברעאישן און יידישן בוך אין די הייזער פון די לאדזשער יידן. ער האט גלייכצייטיק, אלס סעקרעטאר פון „התאחדות", אפגעגעבן זיין גאנצע צייט און ענערגיע פאר פארשפרייטן העברעאיש, מיטארבעטנדיק אין קק"ל, החלוץ, תרבות.

די לעצטע יארן פארן יעצטיקן קריג, ווען די עקאנאמישע לאגע פון די לאדזשער יידן איז שלעכט געווארן און עס איז ווידער אנטשטאנען א גרויסע ארימע מאסע אין לאדזש, איז ח' ווינער געווען דער, וועלכער האט באנייט דעם „בית־עם", וואו ארימע יידישע קינדער האבן פארבראכט זייערע נאכמיטיקן אין ליכטיקע ציכטיקע צימערן, וואו מען האט מיט זיי געלערנט העברעאיש, יידישע געשיכטע, העברעאישע לידער און דערצויגן זיי, אלס צוקונפטיקע חלוצים.

זיין גאנצן לעבן געשטרעבט צו פארבעסערן, פארשענערן דעם יידישן לעבן, איז ח' זאב ווינער פארפייניקט געווארן ערגיץ־וואו אין א קאנצענטראציע - לאגער דורך תלינים און מערדער פון יענע, וועלכע ווילן אומברענגען אלע, וואס איז יידיש. ביי אלע, וועלכע האבן דעם חבר זאב ווינער געקענט, וועט זיין אנדענקען בלייבן הייליק.

מ. ד. ר.

ח' ארצי
(אריה ציבולא)

ערגעץ אין א פארווארפן שטעטל אין ווייסרוסלאנד איז צו מיר אנגעקומען די ידיעה, אז ח' ארצי לעבט ניט מער. באקאנטע, וואס זיינען צוזאמען מיט אים אנטלאפן פון לאדזש, האבן מיר דערציילט, ווי זיי זיינען געלאפן ביינאכט איבער א דארפישן וועג און איבערן קאפ זיינען ארומגעפלויגן נאציישע מלאכי־המות, נידעריק געפלויגן און געשאסן פון מאשין־געווער צום אנטלויפנדיקן „שונא". איינע פון די קוילן האט געטראפן ארצי'ן. ער איז געפאלן מיט א לייכטן קרעכץ. מ'האט אים געוואלט אויפהייבן און טראגן ווייטער, אבער ער איז שוין געווען טויט.

איינער פון די פיל טויזנטער, וואס זיינען געפאלן אויף דעם אופן. ערגעץ אין א ברודער־קבר ליגט זיין טויטער קערפער, און ווען מיר וועלן זיך אומקערן קיין פוילן, וועלן מיר אפילו ניט וויסן, וואו ס'געפינען זיך זיינע ביינער...

א לעבן, איינגאנצן געווידמעט דער באוועגונג. א לעבן א שווערס, פיל מיט מאטערנישן, מיט צרות, מיט פארטייאישע און פערזענלאכע צרות. פון דער צייט, ווען ער איז אוועק פון דער ישיבה און געקומען צו אונז, איז אין זיין לעבן מער ניט געווען, ווי לעבן פאר דער פארטיי.

ח' ארצי איז געווען דער טיפ פון א פארטיי־זעלנער. שטענדיק גרייט אויפן באפעל פון דער פארטיי און שטענדיק אויסגעפירט דעם באפעל אזוי, ווי נאר ער האט עס געקאנט, ד. ה. מיט איבערגעבנקייט, דערפארונג, ארגאניזאטארישע פעאיקייטן, און דער עיקר, מיט זיין טעמפעראמענט און אינטעליגענץ. א באליבטער פארטיי־רעדנער, שטענדיק שארפזיניק, פאטעטיש, מיטרייסנדיק זיינע צוהערער, האט ח' ארצי געהערט צו די זעלטענע פארטיי־טוער, וואס פארייניקן רעדנער־קונסט מיט גרויסע ארגאניזאציע־פעאיקייטן.

יארנלאנג איז ח' ארצי ארומגעפארן איבער דער פוילישער פראווינץ, אין פויערישע ווינקלען און ווענ... סייה ... ערן די פארשנייטע וועגן פון פאלעסיע און וואליז, פון שטעטל צו שטעטל, וועקנדיק די פארטיי־ארגאניזאציעס צום לעבן, אריינגיסנדיק אין זיי א נייעם רוח־החיים.

מיינע פערזענלאכע דערינערונגען וועגן ח' ארצי זיינען דער עיקר פארבונדן מיט דער צייט, ווען ער איז געווען סעקרעטאר פון דער לאדזשער פארטיי־ארגאניזאציע אין לאדזשער פראפעסיאנעלן ראט. מיר האבן דאמאלס געהאט א שווערן קאמף צו פירן, א קאמף פאר דער נשמה פון יידישן ארבעטער. מיר האבן דעם קאמף אין א גרויסער מאס געוואונען און מיר האבן אלע געמוזט מודה זיין, אז דעם גרעסטן פארדינסט אין אונזער דערפאלג האט דווקא ער, א נייער מענטש אין דער שטאט, וואס האט באוויזן אין א קורצער צייט באקאנט און באליבט צו ווערן אין די ברייטסטע קרייזן פון דער לאדזשער יידישער ארבעטערשאפט.

איצט הייסט לאדזש — ליצמאנשטאט, די יידישע מאסן שטייען דארט אויס די שרעקלאכסטעליידן, וועלכע מענטשן האבן ווען־עס־איז געהאט אויסצושטיין, און ח' ארצי וועט זיך שוין צו זיי ניט צוריקקערן, ווען די פרייהייטס־זון וועט ווידער אויפשיינען.

וואס קאנען מיר, פארוואגלטע אין דער ווייטער אמעריקע, מער טון פאר דיין ליכטיקן אנדענק, ארצי, ווי ווידמען דיר די פאר ווער־טער אין אונזער אויסגאבע! און זאלן די דאזיקע ווערטער פון א חבר, וואס קאן דיך ניט פארגעסן, זיין א באשיידענע מצבה אויף דיין קבר, וואס קיינער ווייסט אפילו ניט, וואו ער געפינט זיך.

מ. קאד.

פישל ברוין,

אומגעקומען פון נאצי־באמבעס, אויפן וועג פון לאדזש קיין ווארשע

א שטילער און איבערגעגעבענער פארטיי־חבר איז אוועק פון אונז אין די ערשטע, טראגישע מלחמה־טעג. אין דער יידישער פראפעסיאנעלער ארבעטער־באוועגונג אין לאדזש איז זיין נאמען געווען גוט באקאנט. תמיד האט ער געארבעט מיט דערזעלבער איבערגעגעבנקייט, צי ווען עס האט זיך געהאנדלט וועגן די פרא־זאאיש־שווערע אויפגאבן פון דער טאג־טעגלאכער פראפעסיאנע־לער ארגאניזירונג, צי וועגן וויכטיקע פארטייאישע דינסטן אין לא־דזשער געזעלשאפטלאכן לעבן, וואס איז געווען א סך שטורמישער און קאמפליצירטער, איידער דאס לעבן אין פיל אנדערע גרויסע שטעט אין פוילן.

אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן האט ער מיטגעארבעט אין יידישןווירטשאפטלאכן קאמיטעט אין לאדזש, דערפילנדיק אויך אויף דער דאזיקער וויכטיקער פאזיציע חבר׳יש און איבערגעגעבן זיינע אויפגאבן. זיין אנדענק וועט בלייבן לעבעדיק צווישן אונז!

חי יעקב זשאגעל,

דער׳הרג׳עט געווארן, בעת דער פארטיידיקונג פון ווארשע.

ח׳ זשאגעל איז געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פונם „העובד״. שטאמענדיק פון אן אסימילירטער יידישער משפחה פון ווארשע, האט זיך ח׳ זשאגעל אריינגעווארפן מיטן גאנצן ברען אין דער ארבעט פון דער דאזיקער חלוצישער ארגאניזאציע פון עלטערע ארבעטער און איז געווארן סעקרעטאר פון ווארשעווער „העובד״, אויס־צייכענענדיק זיך ביי אלע אקציעס, וואס „העובד״ האט געפירט פאר קרן קימת, שקלים־פארשפרייטונג, פאליטישע ארבעט פון דער פועלי־ציון (צ. ס.) פארטיי, וואו ער איז געווען א מיטגליד.

זייענדיק רעזערוו־קאפראל, איז ח׳ זשאגעל מאביליזירט געווארן בעת׳ן אויסברוך פון קריג. ער איז צוגעטיילט געווארן צו א מיליטע־רישער אפטיילונג, וואס איז געשיקט געווארן אין איינעם פון די גע־

פערלאכסטע פונקטן פון ווארשע, אין דער פארשטאט וואליע, וואוהין די דייטשן האבן זיך אמשטארקסטן דערנענטערט. ח' זשאגעל מיט זיין אפטיילונג האבן זיך אויסגעצייכנט ביים פארטיידיקן וואליע, וועלכע איז כסדר אטאקירט געווארן דורך די נאצישע חילות, וואס האבן זיך געוואלט דורכרייסן צום צענטער פון ווארשע.

געפינענדיק זיך אויף די פאדערשטע פאזיציעס, איז ח' זשאגעל שווער פארוואונדעט געווארן פון א נאצי־קויל און איז אריבערגעפירט געווארן אין מיליטערישן שפיטאל אויף זאקראטשימסקע גאס, וואו ער איז אין אייניקע טעג ארום געשטארבן.

כבוד דעם מוטיקן קעמפער און פארטיידיקער פון ווארשע!

בן־זאב

משה ראטקאפ,

דער׳הרג׳עט געווארן דורך א באמבע אין ווארשע.

אקטיווער חבר פון „העובד" אין ווארשע זינט זיין עצם־גרינ־דונג, איז ח' ראטקאפ געוועזן זייער באקאנט צווישן די ווארשעווער יידישע ארבעטער און האנטווערקער, אלס זון פונם פאפולערן אין ווארשע יידישן מעכאניקער, הערשל מעכאניק, פון באגנע גאס.

ח' ראטקאפ האט פארמאגט פיל ענערגיע, וועלכע האט געפונען אן אויסדרוק אין זיין ערפאלגרייכער ארבעט פארן „העובד" און פאר דער פוע"צ־פארטיי, וואו ער איז געוועזן א לאנג־יאריקער מיטגליד. ער איז געוועזן פארזיצער פון דער קרן קימת־קאמיסיע ביים „העובד", וועלכע האט זיך אויסגעצייכנט מיט איר ארבעט פארן יידישן נאציא־נאל־פאנד.

ח' ראטקאפ איז געפאלן פון א באמבע, וואס איז געווארפן גע־ווארן פון א נאצישן עראפלאן, בעת דער באלאגערונג פון ווארשע. געשען איז עס, ווען ח' ראטקאפ האט זיך געלאזן ראטעווען די דאקו־מענטן און דעם ארכיוו פון ברענענדן הויז אויף קרולעווסקא 18, וואו ס'האט זיך געפונען דער ארץ־ישראל־אמט און דער קרן היסוד.

ב. ז.

נאכט אדאלף

געפאלן אין סעפטעמבער 1939 בעת דער פארטיידיקונג פון לעמבערג.

נאכט איז געוועזן א מיטגליד פון דער לעמבערגער ארגאניזאציע פון דער פאראייניקטער פארטיי התאחדות־פועלי־ציון אין מזרח־גאליציע. מיט גרויס ליבשאפט און איבערגעבנקייט האט ער גע־ווידמעט זיין פרייע צייט דער ארטיקער פארטיי־ארבעט. יעדן

טאָג, נאָך דער אַרבעט, האָט מען אים געקאָנט טרעפֿן ביי זיין אַר־בעט אין דער פּאַרטיי־ביבליאָטעק.

ה׳ אַדאָלף נאַכט איז באַלד אין אָנהייב פון פויליש־דייטשן קריג מאָביליזירט געוואָרן און איז צוגעטיילט געוואָרן צום לעמבערגער גאַר־ניזאָן. די גאַנצע צייט, ווען לעמבערג איז געווען באַלאַגערט דורך די נאַציס, האָט ער אָנגעפירט מיט אַ מיליטערישן פּאַרטיידיקונגס־פּאָסטן. דעם לעצטן טאָג פון דער באַלאַגערונג, ווען עס איז שוין געווען כמעט זיכער, אַז די סאָוועטן נעמען איבער די שטאָט, האָבן נאָך נאַצישע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט די שטאָט און גורם געווען פיל שאָדנס און קרבנות. ה׳ נאַכט איז געפאַלן אַלס קרבן פון דער דאָזיקער באָמ־באַרדירונג.

כבוד דעם אָנדענק פון אַן׳איבערגעגעבענעם חבר און בירגער!

יעקב פּאָזנאַנסקי,

דערשאָסן דורך די היטלערישע תלינים.

ערב ראש השנה איז געוואָרן 2 יאָר, זינט ה׳ פּאָזנאַנסקי איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע בעסטיעס. אַ טאָג פאַר דעם האָבן די נאַצישע חילות פאַרנומען ראַווא מאַזאָוויעצקאַ, וואָס ליגט צווישן לאָדזש און וואַרשע. ה׳ פּאָזנאַנסקי איז לאַנגע יאָרן געווען ראַטמאַן פונם שטאָט־ראַט און פון דער קהילה אין ראַוואַ.

די נאַצישע בעסטיעס האָבן, אַריינקומענדיק אין שטעטל, זיך געלאָזן זוכן די פירער פון דער יידישער באַפעלקערונג. באַלד זיינען אַרעסטירט געוואָרן אַלע פּרנסים און „דאָזאָרעס" פון דער קהילה, דערונטער אויך ה׳ פּאָזנאַנסקי און זיין שוואָגער אברהם לעווקאָוויטש, אַ חבר פון דער ליגע פון אַרבעטנדן ארץ, פאָרזיצער פון די ציוניסטן, גרופּע א׳ און מורשה פון קרן קימת. די נאַציס האָבן די עלטערע „דאָזאָרעס" (מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער קהילה) באַפרייט. די ייִנגערע, צווישן זיי אויך ה׳ פּאָזנאַנסקי, זיינען דער־שאָסן געוואָרן אין מיטן שטאָט, פאַר די אויגן פון זייערע פרויען און קינדער. עס איז אויך דערשאָסן געוואָרן ה׳ פּאָזנאַנסקי׳ס שוואָ־גער, לעווקאָוויטש.

דעם ה׳ פּאָזנאַנסקי געדענק איך 15 יאָר, אַלס איינעם פון די אַקטיווסטע טוער פון אונזער באַוועגונג אין פּוילן. ער איז געווען טעטיק נישט נאָר אין ראַוואַ, נאָר בכלל אין דער אַרומיקער פּראָווינץ.

א זון פון אן אלטן חובב ציון, נחמן פּאַזנאַנסקי, האָט ח׳ יעקב באַקומען א ציוניסטישע דערציאונג און האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אָן דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, זייענדיק דער פירער און וואָרט־זאָגער פון אונזער אָרגאַניזאַציע אין זיין שטעטל. אין משך פון 12 יאָר איז ח׳ פּאַזנאַנסקי געווען א פּועלי־ציון־ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט און אין דער קהילה, פּאַרטיידיקנדיק מיט מוט און ענערגיע די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין ראַווע. אין 1930 איז ח׳ פּאַזנאַנסקי, נאָך א שאַרפער רעדע אין שטאָט־ראַט, באַפאַלן און אָנגעגריפן געוואָרן פון די ענדעקישע ראַטמענער. ער איז דאַן געשיצט געוואָרן דורך די פּוילישע סאָציאַליסטישע ראַטמענער, וועלכע האָבן אַדורכגעפירט אין שטאָט־ראַט דעם באַשלוס וועגן אויסשליסן די ענדעקישע כוליגאַנישע ראַטמענער פון שטאָט־ראַט. דער סטאַראָסטע האָט אָבער דעם באַשלוס נישט באַשטעטיקט.

דער טויט פון ח׳ פּאַזנאַנסקי האָט באַדעקט מיט טרויער דאָס גאַנצע שטעטל און איז באַוויינט געוואָרן אויך אין ארץ־ישראל דורך די פיל חברים פון ראַווע און אומגעגנט, וועלכע געדענקען גוט דעם ח׳ פּאַזנאַנסקי, וואָס האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט דער גרעסטער טרייהייט און איבערגעגעבנקייט צו די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

ערע זיין אָנדענק!

נ. ריש.

ח׳ בערל קריוואָנאָגי

לאַנג־יאָריקער מיטגליד פון דער וואַרשעווער „פרייהייט" און שפּעטער פון דער פּאַרטיי. געבוירן אין טשעכאַנאָוויעץ אין 1907, ביי אָרימע עלטערן, האָט ח׳ קריוואָנאָגי דורכגעמאַכט א שווערע יוגנט און האָט פון די ייִנגסטע יאָרן אָן געמוזט אַרבעטן פאַר זיין אויסהאַלט. זייענדיק פון פאַך א שניידער, איז ח׳ קריוואָנאָגי געקומען קיין וואַרשע, וואו ער האָט געאַרבעט אין זיין פאַך, ווידמענדיק זיין פרייע צייט דער אַרבעט אין דער וואַרשעווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און „פרייהייט". דאָס אָרימע יידישע אַרבעטער־לעבן אין טשעכאַנאָוויעץ איז אויך גוט געשילדערט געוואָרן דורך זיין אָנקל, דעם באַקאַנטן שריפטשטעלער יצחק בלום, וועלכער האָט אין 1939 אַרויסגעלאָזן אין אַמעריקע א בוך „א שטעטעלע אין פּוילן", וואו ער שילדערט אין בולט׳ע פאַרבן אויך דאָס הויז פון דער גאַנצער משפחה קריוואָנאָגי אין טשעכאַנאָוויעץ.

ח׳ בערל האָט נאָכן אויסברוך פון קריג זיך געלאָזן — פונקט ווי טויזנטער אַנדערע פון וואַרשע — אויפן וועג קיין מזרח, שטרעבנדיק צו דערגרייכן טשעכאַנאָוויעץ, וואו ער האָט אַן אַלטע מוטער.

קומענדיק קיין סטערדין, איז ער פארכאפט געווארן דורך די נאצים, וועלכע האבן אלע מענער פונם שטעטל אוועקגעטריבן אויף צוואנגס־ארבעט. ביי דער ארבעט האבן, ווי געוויינטלאך, נישט געפעלט קיין קלעפ פון די נאצישע חיות. ח׳ קריוואנאגי איז פון די נאצישע קלעפ און בכלל פון דער שרעקלאכער באהאנדלונג, קראנק געווארן. ווען ער איז שוין ענדלאך אנגעקומען צו דער מוטער אין טשעכאנאוויעץ, איז ער נאך איניקע וואכן ליגן קראנק צו בעט, געשטארבן, איבערלאזנדיק א פרוי, די חברה חוה קאפלאן, און א קינד.

דער אנדענק פון ח׳ בערל וועט בלייבן ביי אלע חברים פון דער פארטיי און יוגנט, וואס האבן אים געקאנט.

ח. ענריש

דוד לעשניעווער

איז געפאלן, אויספירנדיק אן אויפגאבע פון דער חלוצישער באוועגונג. א טרייער חבר פון דער חלוצישער מחנה, איז דוד לעשניעווער געווען טעטיק פון יינגווייז אן אין „החלוץ הצעיר” און האט דורכגעמאכט די גאנצע שול פון „החלוץ”. אין 1935 איז ער ארוים אויף הכשרה אין קיבוץ „באראכאוו” אין לאדזש. שפעטער איז ער אוועק קיין קיעלץ, געארבעט א צייט אין ראיאן־קאמיטעט פון „החלוץ”.

נאכן אויסברוך פון דער מלחמה, האט לעשניעווער געארבעט אין דער אומלעגאלער באוועגונג אין דייטשלאנד און רוסלאנד. ווינטער 1940 איז ער אריבער קיין רומעניע. געשיקט געווארן צוריק קיין רוסלאנד אין שליחות פון דער באוועגונג. ביים וועלן אריבערגיין די גרעניץ, איז לעשניעווער דערשאסן געווארן דורך דער וואך. ערע זיין אנדענקען!

ישראל אייזנבערג

געבוירן אין 1922 אין פינסק, אין א פועלי־ציוניסטישער משפחה, איז ח׳אייזנבערג פון יינגווייז אן דערצויגן געווארן אין „פרייהייט”. ער האט אנטיילגענומען אין לעצטן לאנד־סעמינאר פון „פרייהייט־החלוץ הצעיר” אין 1939. זומער דעם זעלבן יאר איז ער ארוים אויף הכשרה אין קיבוץ „באראכאוו” אין קיעלץ.

מיטן אויסברוך פון מלחמה איז ח׳ אייזנבערג אוועק קיין וואלין. געווען טעטיק אין דער אומלעגאלער חלוצישער באוועגונג אין רוסלאנד. ווינטער 1940 איז ער אריבער די גרעניץ קיין ליטע. געווען אין קיבוץ „שחריה” אין ווילנע.

אייזנבערג איז אומגעקומען פון אן אויפרייס פון א גראנאט, אויף וועלכן ער האט זיך אנגעשטויסן, ארבעטנדיק אויפן פעלד.